אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור בא דער אַלוקראַיִנישער
וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע. עטנאָגראַפישע סעקציע

# פּראָבלעמעס
# פונ פאָלקלאָריסטיק

## זאַמלונג I

אונטער דער רעדאַקציע פונ מ. ווינער

KALMON MARMOR
NEW YORK

9280/11

מעלוכישער נאַצמינדפאַרלאַג
באַם פּרעזידיום פונ וווציק

כאַרקאָוו 1932 קיִעוו

ІНСТИТУТ ЄВРЕЙСЬКОЇ КУЛЬТУРИ ПРИ ВСЕУКРАЇНС
АКАДЕМІЇ НАУК. ЕТНОГРАФІЧНА СЕКЦІЯ.

# ПРОБЛЕМИ
# ФОЛЬКЛОРІСТИК

## ЗБІРНИК I

ЗА РЕДАКЦІЄЮ М. ВІНЕРА

ДЕРЖАВНЕ ВИДАВНИЦТВО НАЦМЕН-
ШОСТЕЙ ПРИ ПРЕЗИДІЇ ВУЦВК'у.

ХАРКІВ — 1932 — КИЇВ

KALMON MARMOR
NEW YORK

## פון דער רעדאקציע

דער ברייטער פראָלעטארישער עפנטלעכקײַט איז נאָך ניט ווי געהעריק קלאָר געוואָרן דער באַטײַט און דער צוועק פון דער וויסנשאפטלעכער ארבעט איבער עטנאָגראפיע. פאראן כאַוויירים, וואָס צווייפלען ביכלאל אין דער אקטועלקײַט פון אזא וויסנשאפט. אנדערע כאַוויירים ווידער שלעפן זיך אין דעם פראט נאָך נאָך באַ־שטימטע בורזשואזע טראדיציעס און איבערשאצן דעם באַטײַט פון דערדאָזיקער דיסציפלין פאר אלע איבעריקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע געביטן. ביידע איבערטרײַבונגען זײַנען פאלש און שעדלעך.

• דידאָזיקע וויסנשאפט האָט אינעם פעריאָד, ווען אין אונדזער לאנד ווערט פארפע־סטיקט דער אויסגעבויטער פונדאמענט פון סאָציאַליזם און ס׳ווערט פארווירקלעכט די קולטור־רעוואָליוציע, אין א פעריאָד פון סאָציאַלע רעוואָליוציעס אין די קאפיטא־ליסטישע לענדער, א זייער וויכטיקע באַדײַטונג.

מיר מוזן אָבער ריכטיק ארומגרענעצן און מארקס-לעניניש אויסקלאָרן איר באַטײַט, קעדיי מיר זאָלן ניט ארײַנפאלן אין אן איבערשאצונג פון דערדאָזיקער וויסנשאפט און פון איר טעמע, פונעם עטנאָגראפישן שטייגער גופע; אין א איבער־שאצונג, וואָס איז א רעזולטאט פון א בורזשואזן צוגאנג און וואָס פירט אומבאדינגט צו רעאקציאָנערע פראקטישע אויספירן אפן געביט פון דער פאנאנדערגעוויקלטער סאָציאַליסטישער קולטור־בויונג.

קעדײַ דאָס צו איליוסטרירן מיט א בײַשפיל. ווי באוווסט, איז די ליטעראטור שטענדיק געשטאנען אין א באַשטימטער באַציִונג צו עטנאָגראפיע און פאָלקלאָר. זי האָט שטענדיק אויסגעניצט באשטימטע עלעמענטן פון עטנאָגראפיע און פאָלקלאָר. די שרײַבער פון יעדן קלאס האָבן דאָס אין פארשיידענע פעריאָדן פון זייער קלאסן־אנטוויקלונג געטון אף די פארשיידנסטע אופאנים, אנטשפּרעכנדיק צום קלאסאָווען כאראקטער זייערע און זײַנע צײַטמעסיקע אינטערעסן. מיר דארפן געדענקען, אז דער עטנאָגראפישער שטייגער איז אין אלגעמיין ניט דער שטייגער פון די הערשנ־דיקע קלאסן, נאָר דעריקער פון די אונטערדריקטע, עקספּלואטירטע און אָרעמע קלאסן. אין באשטימטע פעריאָדן קומט אין באשטימטע טיילן פון דעמדאָזיקן שטיי־גער צום אויסדרוק דאָס פאָרשריטלעכע, בונטארישע און אמאָל אפילו דאָס רעוואָ־ליוציאָנערע שטרעבן פון דידאָזיקע קלאסן. פון דער אנדערער זײַט אָבער שפּיגלט זיך אָפּ אינעם עטנאָגראפישן שטייגער, ביכלאל גענומען, באזונדערס שטארק אויך ענג אָפּגעשטאנענקײַט, אין וועלכער די הערשנדיקע קלאסן האלטן מיט גוואלט די אונטערדריקטע און עקספּלואטירטע מאסן. אין דעמדאָזיקן שטייגער שפּיגלען זיך אָפּ די רעזולטאטן פון דער אונטערדריקונג, פון דער עקספּלואטאציע, נויט און



די ביבליאָגראַפישע פאַרצייכ־נונג פונעם בוך און די טיפערנ פאר ביבליאָטעק־קאַטאַלאָגן זײַנען אָפּגעדרוקט אין „צײַטשריפט פון דרוק" און אין דעם „קאַרטנ־רע־פּערטואַר" פון דער אוקראַיִנישער ביכער־פּאַלאַטע.

אלוקר. פּאָליגראַפישע פאַראייניקונג
פאַבריק פון אינטערנאַצ. בוך, רויטער פּלאַץ, 2a.
באשט. 692—2000 עקז. 10 דרוקבויגנ.
שאַבלינ 144.

אָרעמקײַט. דער עטנאָגראפישער שטייגער איז ביכלאל גענומענ ניט דער שטייגער פונ מאָרגנ, נאָר פונ נעכטנ אונ אייערנעכטנ.

דערדאָזיקער שטייגער ווערט אינ די ווערק פונ פארשיידענע לאסנ־פאָרשטייער אפנ פארשיידנסטנ אונ אמאָל ווידערשפרעכיקסטנ אויפנ אויסגענוצט. פונ די הערשנדיקע קלאסנ — אפ אונטערצוווארפנ אונטער זייערע קלאסנ־אינטערעסנ דעמ שטייגער פונ די באהערשטע אונ אויסגענוצטע מאסנ, אפ צו שלעפנ צוריק, צומ אָוואר, צו דעמ, וואָס איז געווענ. פונ די רעוואָליוציאָנערע שטרעבונגענ ווערנ עטנאָגראפיע אונ פאָלקלאָר אויסגענוצט גראָד דאפקע צומ צוועק, קעדיי ארויסצושלעפנ די אונטערדריקטע אונ עקספלואטירטע מאסנ פונעמ „עטנאָגראפישנ שטייגער", ארויסגעפינענדיק אינ אימ יענע עלעמענטנ פונ פראָטעסט, בונטארישקײַט אונ פאָרשריטלעכקײַט, וואָס קענענ, אנטשפרעכנדיק באארבעטע, דינענ דעמ שטרעבנ צו באפרײַונג.

מיר זעענ: די עטנאָגראפישע אונ פאָלקלאָרישע עלעמענטנ אינ דער ליטעראטור, ד. ה. דעמ „עטנאָגראפיזמ" אונ „פאָלקלאָריזמ" קענ מענ אינ דער ליטעראטור באנוצנ אפ די פארשיירנסטע קלאסאָווע אויפאנימ. זיי קענענ ווערנ א מיטל פונ רעאקציאָנערנ אונ קאָנטר־רעוואָליוציאָנערנ קאמפ. זיי קענענ אָבער אויכ, ריכטיק אויסגענוצט, בא באשטימטע אומשטאנדנ ווערנ א וויכטיקער רעוואָליוציאָנערער קאמפ־מיטל. דאָ איז נייטיק אויסצוקלאָרנ יערנ פאל אינ זײַנ פולער קאָנקרעטקײַט אונ ווירקלעכקײַט. אָבער קעדיי צו באקומענ די ריכטיקע קריטעריע מוז קודעמקאָל אפ א מארקס־לענינישנ אויפנ, ד.ה. מיט דער הילפ פונ דיאלעקטיש־מאטעריאליסטישנ מעטאָד, דורכ אויספאָרשונגענ איבער קאָנקרעטנ מאטעריאל, אויסגעקלאָרט ווערנ דער מעהוס פונ עטנאָגראפיע אונ פאָלקלאָר, די ראָל פונ עטנאָגראפיזמ אונ פאָלקלאָריזמ בא פארשיידענע קלאסנ־פאָרשטייער אינ פארשיידענע פעריאָדנ, ווי ווײַט אונ אפ וואָסער אויפנ קענענ עטנאָגראפישע אונ פאָלקלאָרישע עלעמענטנ אויסגענוצט ווערנ אינ אונדזער פראָלעטארישער קולטור־בויונג א.אז.וו. קורצ: דערצו איז נייטיק א וויסנשאפטלעכע, ד.ה. מארקס־לענינישע ארבעט איבער עטנאָגראפיע. אָנ דער מיטהילפ פונ דערדאָזיקער וויסנשאפט אונ אָנ אירע אויספאָרשערישע רעזולטאטנ קענ די ליטעראטור־וויסנשאפט דאָ ניט קומענ צו קיינ קלאָרע אונ פעסטע אויספירנ פאר דער פראקטיק. אונ עס באקומט זיכ די סאקאָנע, אז זי זאָל זיכ נאָכשלעפנ — אונ דאָס איז טאקע אזוי — נאָכ די רעזולטאטנ פונ דער קלאסנ־פײַנטלעכער „עטנאָגראפישער וויסנשאפט".

דײַטלעכע אויסקלאָרונג איז דאָ זייער אקטועל. די ליטערארישע פראקטיק קענ ניט וואַרטנ. דער קלאסנ־סוינע רוט ניט אפ קיינ שומ געביט. אונ גראָד די קלאסנ־פײַנטלעכע עלעמענטנ אינ דער ליטעראטור האָבנ א באזונדערס שטארקע נעטיע ארײַנצושמוגלענ אינ דער ליטעראטור זייערע רעאקציאָנערע אידעאָלאָגיעס אײַנגעהילטע אינעמ „דעמאָקראטישנ" מענטעלע פונ „עטנאָגראפיזמ" אונ „פאָלקלאָריזמ".

דאָס אייגענע קענ מענ פעסטשטעלנ אינ אלע איבעריקע געביטנ פונ דער קונסט. די רעאקציאָנערע מוזיקער, לעמאָשל, באמיענ זיכ דורכזאפנ זייערע ווערק מיט עלעמענטנ פונ מוזיקאלישער עטנאָגראפיע, מיט מעשטשאנישער קאָנטר־רעוואָליוציאָנערער בענקעניש נאָכ דער פארגאנגענהײַט. קלאסנ־פרעמדע אונ קלאסנ־פײַנטלעכע מאָלער



מאָלנ בילדער פונ נײַעמ סאָוועטישנ שטייגער אָדער גאָר פונ קאָמוניסטישע פירער אינעמ עטנאָגראפישנ לובאָקישנ אָדער קירכלעכ־„בויערשנ" איקאָנע־סטיל. אפ דערזעלבער ליניע גייענ די באשטרעבונגענ פונ א טייל נאציאָנאל־דעמאָקראטישע פילאָלאָגנ צו פאָלקלאָריזירנ אונדזער הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע שפראכ. אזוי ארומ ווערנ פארמיסטיקט פארשיידענע געביטנ פונ דער סאָציאליסטישער קולטור־בויונג.

דאָס אייגענע וועלנ מיר אויכ קענענ פעסטשטעלנ אפנ געביט פונ דירעקטנ פאָליטישנ קאמפ. גראָד די רעאקציאָנערסטע פאָליטישע טעאָרעטיקער אינ די קאפיטאליסטישע לענדער שעפנ אָפט הויפט־ארגומענטנ פונ דער עטנאָגראפיע, פונעמ עטנאָגראפישנ שטייגער. די נאציאָנאל־אונ סאָציאל־פאשיסטנ, די קאָנטר־רעוואָליוציאָנערנ אינ אלע לענדער זוכנ אונ געפינענ אינ דער עטנאָגראפיע אנ אָנשפאר פאר די רעאקציאָנערסטע באהויפטונגענ. ס'איז כאראקטעריסטיש, אז א טייל בורזשואזע געלערנטע באמיענ זיכ צו „עטנאָגראפיזירנ" *אלע* סאָציאל־עקאָנאָמישע וויסנשאפנ, ד.ה. צו מאכנ פונ זיי טייל־דיסציפלינעס פונ דער עטנאָגראפישער וויסנשאפט. אונ דאָס איז לאכלוטנ ניט קיינ נײַעס. אינ אנטי־דיורינג זאָגט ענגעלס: „...דער אלטער אידעאליסטישער באגריפ פונ דער געשיכטע, וואָס איז נאָכ ניט אוועקגעשארט געוואָרנ, האָט ניט אָנערקענט קיינ קלאסנקאמפנ, וואָס שטאמענ פונ מאטעריעלע אינטערעסנ, האָט ביכלאל ניט אָנערקענט קיינ מאטעריעלע אינטערעסנ; די פראָדוקציע, ווי אלע עקאָנאָמישע פארהעלטענישנ, זײַנענ לויט אימ פאָרגעקומענ אזוי זיכ, דערעכ אגעוו, *ווי סובאָרדינירטע עלעמענטנ פונ דער „קולטור־געשיכטע"* (מײַנ קורסיוו — מ. וו.). דאָס, וואָס מע האָט דעמאָלט אָנגערופנ „קולטור־געשיכטע", רופט זיכ בא די הײַנטצײַטיקע רעאקציאָנערנ „עטנאָגראפיע אינ ברייטסטנ זינ". —

אינ דער צײַט פונ בירגערקריג אינ אוקראינע האָבנ אָנפירנדיקע קאָנטר־רעוואָליוציאָנערנ באגרינדעט זייערע קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע אידעאָלאָגיעס מיט ארגומענטאציעס פונ דער „עטנאָגראפיע". אנטיסאָוועטישע ארויסטרעטונגענ פונ רוסישע אונ אנדערע ווײַסגווארדייער אינ אויסלאנד ווערנ זייער אָפט ארגומענטירט מיט קלאָמערשט־וויסנשאפטלעכע רעזולטאטנ פונ דער „עטנאָגראפישער" וויסנשאפט. לעמאָשל, אז דער אייגנטלעכער מעהוס פונ דער סאָציאליסטישער בויונג אונ פונ דער קולטור־רעוואָליוציע שטייענ אינ א סתירה צו דער „אינעווייניקסטער נאטור" פונעמ „רוסישנ פויער", צו זײַנ „נאטירלעכנ", „עטנאָגראפישנ מעהוס", אזוי צו זאָגנ צו זײַנ נאטירלעכער געזעצמעסיקײַט. דידאָזיקע „נאטור" פונעמ „רוסישנ פויער" ווערט ארויסגעדרונגענ דאפקע פונעמ עטנאָגראפישנ שטייגער. דערבײַ ווערט בעקיוונ פארשוויגנ, אז דידאָזיקע „נאטור", וועגנ וועלכער זיי רעדנ, איז אינ *עמעסנ* גאנצ פראָסט די קלאסנ־נאטור פונעמ אָפגעשטאנענעמ, טעמפנ, *כײַעשנ קולאק* אינ לאכלוטנ ניט די נאטור פונעמ אָרעמ־אונ מיטל־פויער, ניט די נאטור פונעמ קאָלווירטניק. א טייל „לינקע", „ליבעראלע" אונ מישטיינס־געזאָגט „ראדיקאלע" לאקייענ פונעמ פאשיזמ ארגומענטירנ אמאָל פונקט קאפויר: „דער באָלשעוויזמ טויג נאָר, אנטשפרעכט נאָר דעמ רוסישנ פאָלקסגײַסט". ווידער אמאָל „עטנאָגראפיע" אלס קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע ארגומענטאציע.

אָט דאָס אלצ דארפ אויסקלאָרנ, דעמאסקירנ און אנטפלעקנ די מארקס-לענינישע וויסנשאפטלעכע עטנאָגראפיע.

א וויכטיקנ אָרט אינ דערדאָזיקער וויסנשאפט דארפ אויכ, למשל, פארנעמענ די וויסנשאפטלעכע אויספאָרשונג פונ די רעשטלעכ רעליגיעזנ שטייגער באמ אָפּגעשטאנענעמ טייל פונ דער באפעלקערונג, די אויסקלאָרונג פונ זייער סאָציאלנ מעהוס אינ די קאָנקרעטע פאלנ און פונ די מיטלענ וויאזוי קעגנ דידאָזיקע רעשטלעכ צו קעמפנ. דאָס דארפ דינענ אלס וויכטיקער מאטעריאל פאר דער אנטירעליגיעזער וויסנשאפט. —

פונ דער אנדערער זײַט דארפנ ארויסגעפונענ און אנטפלעקט ווערנ יענע עלעמענטנ אפ אלע געביטנ פונ דער עטנאָגראפיע, וואָס דריקנ אויס דאָס פראָטעסטירנדיקע, בונטארישע, פאָרשריטלעכע און רעוואָלוציאָנערע שטרעבנ פונ די מאסנ. ס׳וועט דאָ געפונענ זײַנ אנצוווײַזנ, למשל, אפנ רעוואָלוציאָנערנ וואָרט-פאָלקלאָר אינ דער צײַט פונ דער ענגלישער אָדער פראנצויזישער רעוואָלוציע, אפ די רעוואָלוציאָנערע פאָלקלאָר-לידער פונעמ 1905 יאָר (די יידישע לידער פונ דעמ מינ זײַנענ אגעוו שארפ געפאכלט געוואָרנ פונ די יידישיסטישע פאָלקלאָריסטנ אלס „אומקינסטלערישע", טאקע צוליב זייער רעוואָלוציאָנערנ אינהאלט). פאראנ עלעמענטנ אינ פאָלקלאָר, וואָס ווײַזנ אפ פאָרויס. די עטנאָגראפישע ירושע דארפנ מיר באהאנדלענ לויט דיזעלבע לענינישע, דיאלעקטיש-מאטעריאליסטישע פרינציפנ, ווי יעדער אנדערע קולטור-ירושע. דערבײַ אָבער מוזנ מיר אויפדעקנ דעמ בורזשואזנ און קאָנטר-רעוואָלוציאָנערנ אויפנ פונ איר אויסנוצונג. מיר מוזנ באקעמפנ יעדער איבערגעטריבענע סטאמ-באגײַסטערונג פאר דערדאָזיקער וויסנשאפט. מיר מוזנ פארוואנדלענ די עטנאָגראפיע פונ א וואפנ פונ אונדזערע סאָנימ — אינ א שארפנ וואפנ קעגנ זיי.

---

פאר דער עטנאָגראפישער סעקציע באמ אינסטיטוט פאר יידישער קולטור (אינאײַנעמ מיטנ קאבינעט פאר מוזיקאלישנ פאָלקלאָר), וואָס ארבעט אייגנטלעכ ערשט דאָס צווייטע יאָר, איז אינ דער ערשטער ריי געשטאנענ די אויפגאבע, צוצוטרעטנ צו א רעוויזיע און אויסקלאָרונג פונ א ריי מעטאָדאָלאָגישע גרונט-קאנאָכעס אפ א מארקס-לענינישנ אופנ; אויסצוקלאָרנ דעמ אינהאלט און באטײַט פונ דערדאָזיקער דיסציפלינ פאר דער בורזשואזיע און פארקערט, — פארנ פּראָלעטאריאט; אויסצוקלאָרנ דעמ מעהוס פונ עטנאָגראפיע אלס א היסטאָרישע קאטעגאָריע, — אויסצוקלאָרנ, ווי ווײַט ס׳זײַנענ דערלאָזבאר פראקטישע ווירקונגענ פונ עטנאָגראפיע און איר שטייגער אפ אונדזער נײַער פראָלעטארישער קולטור-בויונג (די דיאלעקטיק פונ עטנאָגראפיזמ אינ באציִונג צו ליטעראטור, צו פילאָלאָגיע און צו פארשיידענע אנדערע סאָציאל-עקאָנאָמישע וויסנשאפטנ און אזוי ווײַטער). מיר האָבנ דאָ געמוזט אָנהייבנ קימאט פונ סאמע אָנהייב, ווײַל דידאָזיקע וויסנשאפט איז נאָכ ביז איצט אינ אלגעמיינ און ביפראט אפ יידיש — אכוצ קליינע און גאָר ווייניק באפרידנדיקע פרוּווּנ — ניט באארבעט געוואָרנ אינ דער שײַנ פונ דיאלעקטיש-מאטעריאליסטישנ מעטאָד.

ווײַטער איז פאר אונדז געשטאנענ די אויפגאבע פאָרשעריש ארומצוכאפנ דעמ שעטעכ פונ דער יידישער עטנאָגראפיע (קוידעמקאָל: פונ וואָרט- און מוזיק-פאָלקלאָר).



די פאָלקלאָרישע (וואָרט-און מוזיק-) מאטעריאלנ, ווי רײַכ און פארשפרייט זיי זײַנענ ניט געווענ אינ דער ווירקלעכקײַט, זײַנענ נאָכ פארהעלטנישמעסיק גענוג ווייניק געזאמלט, פאנאנדערגעקליבנ, „ביבליאָגראפיש" באארבעט און פארעפנטלעכט געוואָרנ. א גרויסע צאָל מאטעריאלנ זײַנענ געלעגנ אומבארירט און וויסנשאפטלעכ ניט אויסגענוצט, — אָדער אינ די הענט פונ פריוואטע זאמלער אָדער אינ אזעלכע אינסטיטוציעס, ווי די „היסטאָריש-עטנאָגראפישע געזעלשאפט", „געזעלשאפט פאר יידישער פאָלקס-מוזיק" און הײַנט אויכ אינ „ייוואָ". די יידישיסטישע עטנאָגראפיע-ליבהאָבער זײַנענ לויט זייער אייגנטלעכער טבע — ניט געקוקט אפ זייער היסלײַוועס פאר עטנאָגראפיע, — ניט פעיִק געווענ צו א ווירקלעכער וויסנשאפטלעכער ארבעט, זאָל זײַנ אפילע בלויז אפ דעמדאָזיקנ מער „עריטאָרישנ" געביט.

אָפּגערעדט-דערפונ, אז זיי זײַנענ ניט פעיִק געווענ צו וואָסער ס׳זאָל ניט זײַנ סיסטעמאטיש-אויספאָרשערישער ארבעט. אכוצ די באוווּסטע און פוסטע יאָנטעוו-אנקעטעס, — אכוצ די באנאלע און סאנטימענטאלע פראזעס בא די אנ-סקי׳ס, פרילוצקיס און י. ל. קאהאנס וועגנ „פאָלקסטימלעכקײַט", „פאָלקסגײַסט" און אזוי ווײַטער, און אכוצ עטלעכע זייער אלגעמיינע און שטארק-סאָפעקדיקע באמערקונגענ וועגנ א פאָר געשיכטלעכע דעטאלנ אינ דער יידישער עטנאָגראפיע און אינעמ פאָלקלאָר — האָט אויכ אינ פראט פונ קאָנקרעטער מאטעריאלנ-אויספאָרשונג די יידישיסטישע „וויסנשאפט" ניט איבערגעלאָזט קיינ שומ ירושע. פאר אונדזער סעקציע איז דעריבער געשטאנענ די אויפגאבע צוצוטרעטנ צו דער באארבעטונג פונ די רײַכע פאָלקלאָרישע ארכיוו-מאטעריאלנ, וואָס אונדזער אינסטיטוט פארמאָגט פונ אייגענע זאמלונגענ, אדאנק דער זאמל-ארבעט פונ די אקטיווע קאָרעספאָנדענטנ און מיטארבעטער פונ דער סעקציע, און פונ די באקומענע פאָנדנ. אינ דער ערשטער ריי האָט די סעקציע געווענדט איר אויפמערקזאמקײַט אפ דעמ נאָכ אינערגעצ ניט פארעפנטלעכטנ ארבעטערישנ און רעוואָלוציאָנערנ וואָרט-און מוזיק-פאָלקלאָר (דעריקער ארומ דעמ פעריאָד פונ 1905 יאָר). אָבער אויכ אפ יענעמ טייל פונעמ נײַערנ פאָלקלאָר, וואָס איז דורכגעדרונגענ מיט סאָציאלע מאָמענטנ. דידאָזיקע מאטעריאלנ האָבנ מיר געראָפט פאנאנדערקלײַבנ, „ביבליאָגראפיש" באארבעטנ לויט באשטימטע קלאָלימ, צוגרייטנ זיי צומ דרוק און זיי באלײַטנ מיט אנטשפרעכנדיקע וויסנשאפטלעכ-אויספאָרשערישע ארבעטנ.

---

אכוצ די ארבעטנ, וואָס מיר ברענגענ אינ אונדזער דאָזיקער זאמלונג, האָט די עטנאָגראפישע סעקציע פארנ פארגאנגענעמ יאָר צוגעגרייט צומ דרוק אזעלכע ארבעטנ:

1) א גרעסערע סעריע נאָכ ניט פארעפנטלעכטע ליד-מאטעריאלנ וועגנ ארבעט און רעוואָלוציאָנערנ קאמפ — (א ביז גאָר וויכטיקער דאָקומענט וועגנ ארבעט, ארבעטער-שטייגער און רעוואָלוציאָנערנ קאמפ פונ דער צײַט ארומ דער ערשטער רעוואָלוציע: ארבעט-לידער, שטרײַק-לידער, רעוואָלוציאָנערע הימנענ א. אז. וו.); 2) א זאמלונג מעלאָדיעס צו דידאָזיקע לידער און אויכ א סעריע מעלאָדיעס צו אזעלכע רעוואָלוציאָנערע לידער, פונ וועלכע עס זײַנענ ביז איצט פארעפנטלעכט בלויז נאָר די וואָרט-טעקסטנ; 3) קריטישער איבערזיכט איבער דער יידישיסטישער

פאָלקלאָריסטיק; 4) קריטישער איבערזיכט איבער דער הײַנטצײַטיקער אוקראַיִנישער פאָלקלאָריסטיק; 5) סקיצע צו דער פּראָבלעם וועגנ דעמ קלאַסנ־מעהוס אינ דער ייִדישער פאָלקלאָר־דיכטונג אונ אירע סטילנ. צוליב פאַרשיידענע סיבעס האָבנ מיר באַשלאָסנ אויסצומײַדנ דאָס אַרויסגעבנ „דיקע“ זאַמלבינער; אונדזערע אַרבעטנ וועלנ מיר פאַרעפנטלעכנ אינ קלײנע זאַמלונגענ צו 5—10 בויגנ, אונ אַמאָל אַפילע, דעמאָלט ווענ מיר וועלנ דאָס האַלטנ פאַר פּאַסיק אונ נייטיק, אַלס דורכויס באַזונדערע אויסגאַבעס.

אַכוצ די דערמאָנטע אַרבעטנ (אײנײנעמ מיט די אַרבעטנ פונ דערדאָזיקער זאַמ־לונג) האָט אונדזער קאַבינעט פאַר מוזיקאַלישנ פאָלקלאָר דעשיפרירט פונ פאָנאָגראַפ־וואַלצנ, סיסטעמאַטיזירט אונ ביבליאָגראַפיש קאַטאַלאָגיזירט א באַשטימטנ טײל מוזיק־מאַטעריאַלנ פונ אונדזער פאָלקלאָר־אַרכיוו אונ זיי צוגעגרייט פאַר א אינעווייניקסטנ וויסנשאַפטלעכנ געברויכ. דורכ א ריי עקספּעדיציעס אינ גרעסערע שטעט אונ שטעטלעכ זײַנענ אויפגענומענ געוואָרנ נײַע מאַטעריאַלנ אַפּ א וויסנשאַפטלעכנ אופנ מיט דער הילפ פונ אַנטשפּרעכנדיקע רעגיסטריר־אַפּאַראַטנ.

פונ אונדזער אַרבעט־פּראָגראַמ פאַרנ קומענדיקנ יאָר וועלנ מיר דאָ דערמאָנענ בלויז אַזעלכע אַרבעטנ: 1) די ווײַטערדיקע אַרבעט איבער א סיסטעמאַטישער מעטאָדאָלאָגיע פונ פאָלקלאָריסטיק; 2) וועגנ יורי סאָקאָלאָווס מעטאָדאָלאָגישע האַנאָכעס (רעוויזיע); 3) די מעלאָדיק פונעמ אַרבעטער־ליד; 4) די סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע אינעמ מוזיקאַלישנ אויסדרוק א.א. עס זײַנענ פאָרויסגעזעענ א ריי אויפנעמ־עקספּע־דיציעס אינ פאַרשיידענע אינדוסטריעלע צענטערנ אונ אינ א ייִדישנ ראַיאָנ, אַכוצדעמ אויכ די צוגרייטונג צומ דרוק פונ פאַרשיידענע נאָכ ניט פאַרעפנטלעכטע פאָלקלאָר־מאַטעריאַלנ.

די עטנאָגראַפישע סעקציע געהער צו די סאַמע יונגסטע אינעמ אינסטיטוט אונ האַלט זיכ נאָכ ערשט אינ אויפבויענ. ווי עס איז צו זעענ פונ די געבראַכטע יעדיעס, אַרבעט דערווײַל די סעקציע בלויז אַפּ צוויי אָפּטיילונגענ פונ עטנאָגראַפיע: אַפּ וואָרט־אונ מוזיק־פאָלקלאָר. עס פעלט דערווײַל נאָכ דער זייער וויכטיקער אָפּטייל פאַר עטנאָגראַפיע פונ דער מאַטעריעלער קולטור (זאַכ־עטנאָגראַפיע, מוזיי־קענטעניש, שטייגער־קענטעניש א.אז.וו.) אונ דער אָפּטייל פאַר עטנאָגראַפישע גלויבונגענ (אויס־פאָרשונגענ פאַר דער אַנטירעליגיעזער וויסנשאַפט).

דידאָזיקע אָפּטיילנ האָבנ דערווײַל נאָכ ניט אָנגעהויבנ אַרבעטנ צוליב מאַנגל אינ אַנטשפּרעכנדיקע כוחות. דער אינסטיטוט נעמט אָנ אַלע מיטלענ אויסצופילנ דידאָזיקע ערנסטע בלויזנ. באַזונדערס איז וויכטיק, אַז דער אַנטירעליגיעזער דיסציפּלינ־טייל אינ דער עטנאָגראַפישער סעקציע זאָל וואָס גיכער אָנהייבנ אַרבעטנ.

אָבער אינ דעמדאָזיקנ פּראַט, פּונקט אַזוי אויכ ווי אינ אַלע אַנדערע פּראָטימ פונ אונדזער אַרבעט, וועלנ מיר אָנ דער אַקטיווסטער מיטהילפ פונ דער פּראָלעטאַרישער עפנטלעכקייט ניט קענענ גיינ פאָרויס. דידאָזיקע מיטהילפ דאַרפ באַשטיינ סײַ אינ קאָנקרעטער מיטאַרבעט (קאָרעספּאָנדענצ, מיטהילפ בײַמ אויספאָרשנ, בײַמ אָרגאַניזירנ נײַע אויפנאַמעס א.אז.וו.) אונ סײַ אינ געזעלשאַפטלעכנ קאָנטראָל איבער אונדזער אַרבעט.

קיעוו, דעקאַבער, 1931



מ. ווינער

# פאָלקלאָריזמ אונ פאָלקלאָריסטיק

(עטלעכע פאָרהאַנאָכעס צו מעטאָדאָלאָגיע פונ פאָלקלאָריסטיק [1])

## I. וועגנ פאָלקלאָריזמ

.1

אײדער עס איז אויפגעקומענ די וויסנשאַפטלעכע עטנאָגראַפיע אונ די פאָלקלאָ־ריסטיק (די וויסנשאַפט וועגנ פאָלקלאָר) איז שוינ פריִער פאַראַנ געווענ דער עטנאָגראַפיזמ אונ דער פאָלקלאָריזמ, ד. ה. א ליבהאָבערישער אינטערעס אונ אָנהענגערשאַפט בנוגע עטנאָגראַפיע אונ פאָלקלאָר אָדער אַפילע א באַגײַס־טערטע נעטיע פּראַקטיש אָנצווענדנ עטנאָגראַפישע אונ פאָלקלאָרישע עלעמענטנ אינ פּאָליטיק, פּובליציסטיק, קונסט, ליטעראַטור א. אז. וו.

עטנאָגראַפיזמ אונ פאָלקלאָריזמ זײַנענ אַזוי אַרומ א פריִערדיקע פּראַקטישע סטאַדיע, פונ וועלכער עס איז געוואַקסנ די וויסנשאַפטלעכע באַהאַנדלונג פונ דידאָזיקע אידעאָלאָגישע עלעמענטנ.

אָבער אויכ נאָכדעמ ווי דער עטנאָגראַפיזמ אונ פאָלקלאָריזמ האָבנ זיכ שוינ גע־האַט אויסגעפאָרמירט צו וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלינעס, האָבנ זיי זיכ אַכוצדעמ ווײַטער אַנטוויקלט — אונ אינ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער טאַקע ביז אַפּנ הײַנטיקנ טאָג — אַלס פּראַקטיק אונ פּאַראַלעל צו זייער אַנטשפּרעכנדיקער טעאָרע־טיש־וויסנשאַפטלעכער אויספאָרמירונג. ביז אַפּנ הײַנטיקנ טאָג ווערנ דאָרט דער פּראַקטישער עטנאָגראַפיזמ אונ פאָלקלאָריזמ געשפּײַזט פונ דער וויסנשאַפט־לעכער עטנאָגראַפיע אונ פאָלקלאָריסטיק, אונ פאַרקערט אָריענטירט די טעאָריע פונ דידאָזיקע וויסנשאַפטנ אירע מעטאָדאָלאָגישע האַנאָכעס לויט די אינטערעסנ פונעמ פּראַקטישנ עטנאָגראַפיזמ אונ פאָלקלאָריזמ, ווײַל דער צוועק פונ דידאָזיקע וויסנשאַפטנ איז די פּראַקטיק.

אויכ דאָרט, וווּ ס'רעדט זיכ וועגנ דעמ אינ דער בירגערלעכער וויסנשאַפט ניט זייער דײַטלעכ, איז די עטנאָגראַפישע פּראַקטיק, דאָס שטרעבנ צו „עטנאָגראַפיזירנ“ דעמ לעבעדיקנ אַקטועלנ שטייגער א שטילשווײַגנדיקע גרונט־האַנאָכע פאַר דער

[1] דער ערשטער טײל פונ א בוכ „סקיצנ צו מעטאָדאָלאָגיע פונ פאָלקלאָריסטיק“. אינעמ צווייטנ טײל, וואָס וועט פאַרעפנטלעכט ווערנ אינ אײנעמ פונ די קומענדיקע זאַמלונגענ, ווערנ סיסטעמאַטיש באַ־האַנדלט די מעטאָדאָלאָגישע פּראַגעס טאַקע אַפּנ יעסאָד פונ דידאָזיקע האַנאָכעס.



defines Folklorism: (1) Amateurish collecting
(2) Practical cooptation for political-social-artistic ends.

װיסנשאַפט. עלעי באַהאַנדלונג — אונ געװײנלעכ אַפילע איכ אינ יענע זעלטענע פאַלנ װו דאָס װערט בעפײרעש אָפּגעלײקנט.

דעריבער דאַרפנ מיר קוידעמקאָל אױסקלאָרנ דעמ מעהוס פונ עטנאָגראַפּיזמ אינ פאָלקלאָריזמ, אונ באַלד אינ אָנהײב דאַרפ מענ זיכ האַלטנ פאַר די אױגנ, אַז מע קענ דעמדאָזיקנ מעהוס ניט פעסטשטעלנ אַבסטראַקט, אַז ס'איז ניט פאַראַנ אײנ אלגעמײנער מעהוס פונ עטנאָגראַפיזמ סטאַמ אונ ביכלאַל, נאָר „אַסאַכ מעהוסנ". װײַל די אָפּצילונג פונעמ פּראַקטישנ אונ װיסנשאַפטלעכנ אינטערעס פאַר עטנאָגראַפיע אונ פאָלקלאָר דיפערענצירט זיכ אינ פאַרשײדענע צײַטנ, ערשטער אונ באַזונדערע פאַלנ לױט די פאַרשײדענע קלאַסנ־אינטערעסנ אונ די פאַרשײדענע גזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישנ. צומ אַנאַליזירנ דעמ סאָציאַלנ מעהוס פונ עטנאָגראַפיזמ אונ פאָלקלאָריזמ דאַרפנ מיר צוגײנ דיאַלעקטיש, קאָנקרעט.

אינ ערשטער רײ װעט דאָ דעריבער זײַנ אונדזער אױפגאַבע אױסצוקלאָרנ דעמ דיאַלעקטישנ כאַראַקטער פונ עטנאָגראַפיזמ אונ פאָלקלאָריזמ, אונ דערנאָכ ערשט װעלנ מיר קענענ צוטרעטנ צומ אַנאַליז פונ די װיסנשאַפטלעכ־טעאָרעטישע אױספאָרמירונגענ אונ פונ דער גזעלשאַפטלעכער פונקציע, װאָס די דאָזיקע אינ אָנהײב פּראַקטישע שטרעבונגענ האָבנ באַקומענ באַזונדערס בא הײַנטיקנ טאָג.

.2

דער באַװוסטזיניקער אינטערעס פאַר „פאָלקלאָר", פאַר דער שאַפונג פונ נאַציאָנאַל־היסטאָרישע „קינדהײַטס־עפּאָכעס", פונ פּרימיטיװער אורגעשיכטע, אָבער אױכ פונ די „הײַנטצײַטיקע" „װילדע" פעלקער אינ פונ די נידעריקסטע שיכטנ אינעמ אײגענעמ הױכציװיליזירטנ „פאָלק" — האָט זיכ אָנגעהױבנ באַװײַזנ זינט דער צװײטער העלפט 18־טנ יאָרהונדערט. דידאָזיקע אַנטדעקונג פונ א נײַעמ „אַלגעמײנעמ דײַטער" (общий знаменатель) פאַר אַזעלכע לױטנ טאָג דורכױס פאַרשײדענע אינינאָנימ װײַזט פונ סאַמע אָנהײב אָנ א גאַנצ באַשטימטנ סאָציאַלנ מײנ. דער־דאָזיקער מײנ װערט נאָכ דײַטלעכער דורכ דעמ פאַרטמאָלערטנ כאַראַקטעריזיר־װאַריאַנט פונ פאָלקלאָר אַלס די „אורײגענע נאַציאָנאַלע שאַפונג", װעלכנ מיר געפינענ לעבנ דעמ ברײטערנ װאַריאַנט בא א טײל פאָלקלאָר־אַנטדעקער אונ פאָלקלאָר־ענטוזיאַסטנ קימאַט פונ אָנהײב אָנ.

אינ בײדע װאַריאַנטנ קומט צומ אױסדרוק יענע נעטיקע אינ די אידעאָלאָגישע שטרעבונגענ פונ דער בירגערלעכער באַװעגונג אינ א באַשטימטנ פעריאָד זיכ „אַראָפּ־צולאָזנ", צוליב פאַרשײדענע, אָפטמאָל װידערשפּרעכיקסטע, סיבעס, צו די בױעריש, שטאָטיש־קלײנבירגערלעכע אונ ביכלאַל אַרבעטנדיקע מאַסנ. זיכ צו זײ אַראָפּצולאָזנ אונ זיכ צו זײ צו „דערנענטערנ" אַפנ יעסאָד אונ אינ דער שײַנ פונ „פאָרשונג־רעזולטאַטנ", װאָס האָבנ זיכ באַקומענ פינ מאַטעריאַלנ װעגנ קאָלאָניאַלע „װילדע" אונ װאָס זײַנענ „פאַרגלײַכס־װיסנשאַפטלעכ" באַהאַנדלט געװאָרנ אינײנעמ מיט מאַטעריאַלנ װעגנ דער װײַסטער אורגעשיכטע פינעמ מענטשנ.

אינ דעמדאָזיקנ אינטערעס פאַר „פאָלקלאָר", אַלס נײַעמ װיסנשאַפט־געביט אינ אַלס „אָפּפרישנדיקנ" אַנטלײַונגס־קװאַל פאַר קונסט אינ שײנער ליטעראַטור, באַװײַזט



זיכ סײַ דער דרוק פונ די „אונטערשטע מאַסנ" אינעמ דעמאָלטיקנ ערשטנ שטאַנד, סײַ דער װילנ צו באַװירקנ דידאָזיקע מאַסנ אינ א באַשטימטער ריכטונג. פינ אָנהײב אָנ האָט דעריבער דער פאָלקלאָריזמ געװיזנ א צװײיקנ כאַראַקטער, סטירעדיקע שטרעבונגענ, אַנטשפּרעכנדיק צו די סטירעדיקע גזעלשאַפטלעכע קױכעס, װאָס האָבנ זיכ אינ אימ אָפּגעשפּיגלט. דער פאָלקלאָריזמ פונ אײנעמ אונ דעמזעלבנ פאָלקלאָר־ענטוזיאַסט האָט דעמאָלט זײער בױלעט געקענט אַנטהאַלטנ אונ מיט זיכ פאָרשטעלנ סײַ דאָס אַרופשפּאַרנ פינ די מאַסנ, סײַ דעמ דרוק פינ די הערשנדיקע קלאַסנ.

דער פאָלקלאָריזמ פונ די לעצטע יאָרצענדליקער פונ 18־טנ אינ אינ די ערשטע יאָרצענדליקער פונ 19־טנ יאָרהונדערט איז געװײנלעכ א טיפּישער מאָמענט פונ דער קעמפערישער בירגערלעכער אידעאָלאָגיע. אַלס אַזעלכער האָט ער אינ זיכ דורכױס פּראָגרעסיװע עלעמענטנ. דער פאָלקלאָר־ענטוזיאַזמ אַנטשפּרעכט דעמאָלט אָפט דער „ליבע צו דער גאַנצער מענטשהײַט", מיט װעלכער עס צײכנט זיכ דעמאָלט אױס דער קעמפנדיקער „דריטער שטאַנד". ער איז אָפט אײנער פינ די מיטלענ אױפצורופנ די נידעריקסטע מאַסנ צו הילפ אינעמ קאַמפ קעגנ דעספּאָטיזמ, פעאָדאַליזמ אונ קירכע, כאָטש ער איז אױכ אַמאָל א מיטל אַפ פאַרקערט. אידעאָלאָגישע פאַקטנ אַנטשפּרעכנ שטענדיק זײער סאָציאַלער באַזע ניט סטאַמ גלאַט אינ דער װעלט אַרײַנ, אײנזײַטיק, מעכאַניש, נאָר דורכױס קאָנקרעט מיט אַלע קענטזאַצנ אונ אינער־װײניקסטע װידערשפּרוכנ. דעריבער מוז מיר שטענדיק אַרױסגעפינענ ניט בלױז די קלאַסאָװע דאָמינאַנטע, די אײגנטלעכע קלאַסנ־קאַװאָנע, דאָס, װאָס מיר רופנ אָנ דעמ קלאַסנ־מעהוס, נאָר אױכ די אינעװײניקסטע סטירעס אינעמ אַנטשטײנ אונ אינ דער אַנטװיקלונג פונ יעדער אידעאָלאָגישער דערשײַנונג.

.3

פונ אײנ זײַט איז דער פאָלקלאָריזמ געװענ אײנער פונ די אידעאָלאָגישע מיט־לענ אינ דער האַנט פונ בירגערטומ אונ אַפילע — אונטער בירגערלעכע האַשפּאָעס, באַזונדערס אינ אָפּגעשטאַנענע לענדער, װי רוסלאַנד, פױלנ א. א. — פונ אָפּגײענדיקנ אדל [1]) אַפ צו באַװירקנ „די מאַסנ" דורכ זײערע אײגענע שאַפונגענ אונ אױסדרוק־שטײגערס. פונ דער אַנדערער זײַט שפּיגלט זיכ אָפּ אינעמ אינטערעס פאַר פאָלקלאָר די פאַרגרעסערטע באַדײַטונג אונ װאָג פונ די סאָציאַלע שטרעבונגענ בא דידאָזיקע מאַסנ גופע. אונטערנ דרוק פונ די מאַסנ איז דאָס בירגערטומ געצװונגענ געװאָרנ אינ אַכט צו נעמענ זײער שאַפונג אונ אױסדרוק־שטײגער, װאָס האָבנ געשפּאַרט אינ א באַשטימטער גזעלשאַפטלעכער ריכטונג.

װי אינ אַסאַכ ענלעכע פאַלנ, האָט דאָס בירגערטומ איבערגענומענ אינ זײַנ האַנט אױכ דאָסדאָזיקע ניט שטענדיק אומגעפערלעכע שטראָמ, קעדײ עס צו קערעװענ לױט די אײגענע קלאַסנ־אינטערעסנ. פונ אָנהײב, לעמאָשל, באַמיט זיכ דער בירגער־

1) עס איז ניט קײנ צופאַל, װאָס צו די ערשטע פּױלישע עטנאָגראַפנ אינ פאָלקלאָריסטנ געהערנ א גיאַצ פּאָטאָצקי (זײַט 1783), א פירסט סאַפּיעהא (1802), די גאַציאָנאַליסטנ לעלעװעל (1801), קאָלאָנטײַ (1802) אונ כאָדאַקאָװסקי (1818), פּונקט אַזױ אינ רוסלאַנד די פאָרשטײער פינעמ אדל באַגראַנטײַנטע שפּעטער קירײעװסקי א. א.

לעבער פאָלקלאָריזם אײַנגעזאַמלט די שאַרף־פּראָטעסטירנדיקע און בונטאַרישע עלעמענטן, וואָס קענען אינעם פ אָ ל ק ל אָ ר (דאָ רעדט זיך שוין וועגן פ אָ ל ק ל אָ ר גופא און ניט וועגן פאָלקלאָריזם!) ווערן געפערלעכער אופרייס־שטאָף פאַר דער בורזשואזיע אין אירע שטרעבונגען, און די דאָזיקע עלעמענטן נאציאָנאַליסטיש אויס־צוקערעווען קעגן דעם אויסנווייניקסטן, „אויסן־פּאָליטישן“ שונא. דאָס סאָציאַלע אינעם פאָלקלאָר ווערט אינטערטעניק געמאַכט צום נאציאָנאַלן א. אז. וו. א. אז. וו.

אָבער אויך אין יענע ציל־אָנשטעלונגען פון פאָלקלאָריזם, וועלכע מיר וועלן שוין האָבן פעסטגעשטעלט אלס דיקטירטע פון דער בורזשואזער אָדער אדליקער אידעאָלאָגיע און זייערע אינטערעסן — וועלן מיר פאָרט אין פאַרשיידענע לענדער, אין פאַרשיידענע צײַטן און אמאָל אפילע בא פאַרשיידענע פאָרשטייער אין איין לאנד און אין איין צײַט ארויסגעפינען מער אָדער ווייניקער גרויסע פאַרשיידנקײַטן און אפילע קעגנזאַצן. לויט דעם פאַרשיידענעם צושטאנד און אנטוויקלונגס־גאנג פון דער בירגערלעכער באוועגונג אין פאַרשיידענע לענדער און אין פאַרשיידענע צײַטן, לויט די פאַרשיידענע אינעווייניק־קלאַסאָווע ניואַנסן בא פאַרשיידענע פאָרשטייער פון דערוועלבער קלאַסן־אידעאָלאָגיע אין איין לאנד און צײַט דיפערענצירט זיך אויך דער צוגאנג צו פאָלקלאָר.

דער פאָלקלאָראַם פון סערוואַנטעס אין „דאָן קיכאָט“ איז ניט ענלעך צו מאָליערס. הערדערס אינטערעס פאַר פאָלקלאָר באַטײַט לאַכלוטן עפּעס אנדערש ווי געטעס אָדער גאָר היינעס פאָלקלאָר־ליבע. פּושקינס פאָלקלאָריזם האָט אן אנדערע באזע ווי מיצקעוויטשעס אָדער גאָר קאָלצאָווס. יאַקושקינס פאָלקלאָר־אינטערעס איז ניט דאָס אייגענע ווי טאָלסטאָיס. די סלאַוויאַנאָפילן האָבן דערמיט גאָר עפּעס אנדערש געמיינט ווי די נאַראָדניקעס. און גאָר עפּעס אנדערש מיינט דער אינטערעס פון די הײַנטצײַטיקע בירגערלעכע פאָלקלאָריסטן — און גאָר עפּעס אנדערש איז דערמיט אויסן די מאַרקסיסטישע פאָלקלאָריסטיק.

א גאנצע רייע נײַצײַטיקע וויסנשאַפטן, און אין א גרויסער מאָס דער נײַער באַגריף וועגן פינקטלעכקײַט אין די נאַטורוויסנשאַפטן בכלל, האָבן אָנגעהויבן צו אנטשטיין ערשט אַף דער באזע פון האנדלס־קאַפּיטאַל און אינדוסטריע־קאַפּיטאַל און האָבן זיך א לאַנגע צײַט אנטוויקלט אין דער מאָס ווי די בורזשואזיע האָט זיך אנטוויקלט צו, און אלס, א קלאַס פאַר זיך. פונדעסטוועגן וועלן מיר אין דער קלאַסן־אידעאָלאָגיע פון די דאָזיקע וויסנשאַפטן ניט געפינען קיין דורכויסיקע איינ־הייטלעכקײַט פאַרן גאנצן גאַנג פון דער אנטוויקלונג־צײַט. פאַרקערט, מיר וועלן דאָרט אומעטום געפינען די גרעסטע סתירות, אנטשפּרעכנדיק צו די סתירות אין דער אנטוויקלונג פון דער בורזשואזיע.

.4

דעריבער, אויב מיר שטעלן פעסט דעם בירגערלעכן כאַראַקטער פון פאָלקלאָריזם (פּראַקטישע פאָלקלאָר־פאַרינטערעסירטקײַט) און פאָלקלאָריסטיק (טעאָרעטישע וויסנ־שאַפט וועגן פאָלקלאָר) שוין זייט דעם אָנהייב אָן פון זייער אנטשטייונג און אנט־וויקלונג, הייסט דאָס נאָך ווײַט ניט דאָס אייגענע, ווי: די פ אָ ל ק ל אָ ר י ס ט י ק



איז א טיפיש און [illegible] בירגערלעכע וויסנשאַפט אין דעם מעכאניש האָבן געגעם זינען, אז זי מוז, דאַרף אָדער קען פאַרשווינדן אינאיינעם מיטן בירגערטום אלס הערשנדיקער קלאַס. הייסט דאָס נאָך ניט, אז די פאָלקלאָריסטיק -- מיר ריידן וועגן פאָלקלאָריסטיק, און ניט וועגן פאָלקלאָר! — אנטהאלט ניט אין זיך שוין באלד פון אָנהייב אָן אזעלכע דיאַלעקטישע שטריכן, וואָס וועלן מיטן גאנג פון דער היסטאָרישער אנטוויקלונג ניט קענען און מוזן פירן דערצו, אז זי זאָל זיך פאַר־וואנדלען אין א פּראָלעטאַרישער מאַרקס־לענינישער וויסנשאַפט.

די מאָדערנע נײַע שפּראַכוויסנשאַפט, די וויסנשאַפט וועגן די נאציאָנאַלע שפּראַכן איז געבוירן געוואָרן קימאט אין דער אייגענער צײַט און קימאט אף דער אייגענער באזע ווי די פאָלקלאָריסטיק. ביידע געביטן האָבן אָפטמאָל געהאט איין „פאָטער“ (לעמאָשל, די ברידער גרים), די אידעאָלאָגישע פאָדהאַנגעכעס זײַנען אין אָנהייב בא ביידע דיסציפּלינעס געווען גענוג קרויזויש. און פאָרט וועט קיינער ניט פּרוּוון זאָגן, אז אפילע זאָל זײַן בלויז דער היסטאָרישער טייל פון דער שפּראַכוויסנשאַפט איז און בלײַבט אן אויסשליסלעך בורזשואזער איניען, וואָס ווערט פאַרענדיקט מיט דער פאַרענדיקונג פון בירגערטום, ווי לעמאָשל, די בורזשואַז־אימפּעריאַליסטישע „ראַסנ־לערע“, די „וויסנשאַפט“ וועגן די „גײַסטיקע“ אייגנשאַפטן פון די פאַרשיידענע ראַסן און זייער סאָציאַלער באשטימונג.

עטעס איז: שפּראַכוויסנשאַפט און פאָלקלאָריסטיק קענען וואָס שייך א גאָר וויכטיקן פּראַט ניט פאַרגליכן ווערן — וואָס שייך דער צוקונפט און אקטועלקײַט פונעם פאָרשונג־אָביעקט גופא. דער פ אָ ל ק ל אָ ר גופא אלס ספּעציפישער שאַפונג־אויפן וועט און דאַרף דורך דער קולטור־רעוואָלוציע אינגיכן פולשטענדיק פאַרשווינדן און וועט איבערלאָזן זײַן אָרט דער אויסשליסלעכער הערשאַפט פון „ליטעראַטור“. צוליב דעם אָבער פאַרלירט די פאָלקלאָריסטיק ניט דאָס מינדסטע פון איר אקטועלן באטײַט אלס ה י ס ט אָ ר י ש ע דיסציפּלין. אבוץ דעם אלגעמיינעם גע־שיכטלעכן באטײַט האָט אָבער די פאָלקלאָריסטיק פאַר אינדז נאָך גאָר א באזונדערס שטאַרק־אקטועלן פּאָליטישן אינטערעס, וועגן וועלכן עס וועט ווײַטער אויספירלעך גערעדט ווערן.—

פאָלקלאָריסטיק אלס וויסנשאַפט איז נויטווענדיק ארויסגערופן געוואָרן דורכן אנטוויקלונגס־גאנג פון בירגערטום; אינאיינעם מיט אים ענדערט זיך אויך די פאָלק־לאָריסטיק. מיטן אָפּגאַנג פון בירגערטום וועלן אויך מוזן אָפּגיין די בירגערלעכע כאַראַקטער־שטריכן, וואָס האָבן דאָמינירט אין דער פאָלקלאָריסטיק זייט איר אנט־שטייונג־צײַט. די מאַרקסיסטישע וויסנשאַפט יאָרשנט אויך דאָ פון דער בירגער־לעכער יענע בעסטע דערגרייכונגען, וואָס זי קען אויסנוצן פאַר איר פּראָלעטאַרישער ציל־אָנשטעלונג. דאָס דאַרף פירן צו אנטשיידנדיקע רעוואָלוציעס אויך פאַר מעטאָדאָלאָ־גישע באשטימונגען, פאַר דער ארומגרענעצונג און אויסקלאָרונג פון די באַגריפן (געביט־באשטימונג, טערמינאָלאָגיע א. אז. וו.), פאַר די דערקלער־פּרינציפּן, פאַר טעאָרעטיש־טעכנישע אויסקלאָרונגען (אפילע פאַר דער זאַמל־אַרבעט) און פאַר די פאָרשונג־מעטאָדן.

דעריבער איז פאַר אונדז אזוי וויכטיק קודעמקאָל אויסצוקלאָרן דעם דיאַלעקטישן

כאַראַקטער, פונעם פאָלקלאָר אַלס אַ גאַנצס און פונ דער פאָלקלאָריסטיק בכלל, פעסטשטעלנ, אַז ניט אינ אַלע פאַרשיידענע פאַלנ באַטײַט דער פּאָליטישער, „בעלעטריסטישער" אָדער וויסנשאַפטלעכער אינטערעס פאַר פאָלקלאָר דאָס אייגענע, אַז אַפילע אינ איינעמ און דעמזעלבנ באַזונדערנ פאַל קענענ געמאָלט זײַנ פאַרשיידענע שטאַרק ווידערשפּרעכיקע עלעמענטנ. אַזוי אַרומ וועלנ מיר גרינגער אַרויסבאַקומענ, וואָס מיר דאַרפנ זוכנ אינעמ פאָלקלאָר, וואָס מיר וועלנ געפינענ דורכ דער פאָלקלאָריסטיק, אינ וואָסער פאַרהעלטענישנ שטייענ עטנאָגראַפיע אינ פאָלקלאָר צו די אַנטשפּרעכנדיקע „ליטעראַרישע" געביטנ, אינ וואָסער פאַרהעלטעניש שטייענ עטנאָגראַפיע בכלל אינ פאָלקלאָריסטיק בפרט צו אַנדערע וויסנשאַפטנ, ווי ווײַט דערגייט אינ ווי ווײַט דאַרפ אָפּגעהיט ווערנ, צי ניט, די פאָלקלאָריסטיק אַלס זעלבשטענדיקע וויסנשאַפט, ווי ווײַט און צי אינ בכלל דערלאָזבאַר אַ ווירקונג פונ דער פאָלקלאָרישער יערושע אַפ אונדזער הײַנטיקנ פּראָלעטאַרישנ שאַפנ א.אַז.וו. א.אַז.וו.

## II. פאָלקלאָריזמ און זײַנ דיאַלעקטיק

.1

מיר קלײַבנ זיכ ניט דאָ צו געבנ די געשיכטע פונ פאָלקלאָריזמ אָדער פונ דער פאָלקלאָריסטיק, מיר קענענ אָבער ניט אויסמײַדנ אַביסל אויספירלעכער צו באַהאַנדלענ עטלעכע בײַשפּילנ ווענ דער פאַרשיידנאַרטיקער אָנצילונג פונעמ עטנאָגראַפישנ און פאָלקלאָרישנ אינטערעס אינ פאַרשיידענע צײַטנ און בײַ פאַרשיידענע קלאַסנ־פאַרשטייער.

הערדער, איינער פונ די ערשטע פאָלקלאָר־ענטוזיאַסטנ, וואָס האָט מיט זײַנע אַרבעטנ געגעבנ וויכטיקסטע אָנרעגונגענ פאַרנ „בעלעטריסטישנ" פאָלקלאָריזמ אינ דער דײַטשער און אייראָפּעישער ליטעראַטור זײַט דעמ 18־טנ יאָרהונדערט און אויכ פאַר די אָנהייבנ פונ דער וויסנשאַפטלעכער פאָלקלאָריסטיק, האָט „פאַרשפּרייט די לערע, אַז די פּאָעזיע איז אַן אַלגעמיינע באַגאַבונג פונ דער מענטשהײַט. ער האָט געזאַמלט „די שטימענ פונ די פעלקער" (1778—1779), האָט אָנגעוויזנ אַפ די אַלטע פאָלקס־פּאָעמעס, און האָט אויפגעוועקט אינעמ בירגער דעמ עמעסדיקנ פאָלקסדיכטער, דעמ זשעניאַלנ קאַמפּ־כייִשעק פונ „די Stürmer und Dränger" (פר. מערינג). בײַ אימ הייבט זיכ אָנ דער פאָלקלאָריזמ פונ דער דײַטשער קלאַסיק און ראָמאַנטיק; פונ די פּאָעטנ: בירגער, אולאַנד, געטע [1] — ביז צו די ראָמאַנטיקער און יונג־דײַטשנ (הײַנע).

1) די ראָמאַנטיק ווײַזט, פאַרשטייט זיכ, אָנ אַ ערכ מער פאָלקלאָריזמ אײדער די קלאַסיק. אָבער די רײַנסטע „קלאַסיקער" זײַנענ אינ באַשטימטע פּעריאָדנ פונ זייער שאַפנ געווענ אויכ ראָמאַנטיקער. געטע באַאַרבעט פאָלקסלידער, ליטעראַריזירט זיי, ער פּאַסט אָפּט צו זײַנע לידער צומ „פאָלקסטאָנ". זײַנ פאוסט איז געבויט אַפ אַ פאָלקלאָרישער פאָלקס־מײַסע. אונטער הערדערס השפּאָע זאַמלט דער יונגער געטע פאָלקסלידער בעשאַס זײַנע וואַנדערונגענ אינ עלזאַס אינ שיקט זיי צו הערדערנ. ער שרײַבט אימ דעמאָלט וועגנ די פאָלקסלידער: „Auf dem Herzen habe ich sie getragen". פאַר דער דײַטשער ליטעראַטור זײַט די לעצטע יאָרצענדליק פונ 18־טנ ביז אינ ערשטנ דריטל 19־טנ יאָרהונדערט איז דער פאָלקלאָריזמ בעלי־סאָפעק איינער פונ די וויכטיקסטע כאַראַקטער־שטריכנ.

2 sides of Herder: universal & nationalist



הערדערס פאָלקלאָריזמ איז אַן אויסדרוק פונעמ דעמאָלטיקנ אינטעליגענטנ בירגערס שטרעבנ צו קאָסמאָפּאָליטיזמ, ד. ה. צומ סאָלידאַרישנ אינטערנאַציאָנאַליזמ פונ בירגערלעכנ קלאַס. בײַ די שווערע אָפּגעשטאַנענע אינ פאַרנ בירגערלעכנ שטרעבנ אומגעוויינלעכ דריקנדיקע פּאָליטישע פאַרהעלטענישנ אינ דעמאָלטיקנ דײַטשלאַנד איז פאַרשטענדלעכ זײַנ אידעאָלאָגיע, וואָס וואָלט זיכ געלאָזט פאָרמולירנ מיט אַ לאָזונג „בירגער פונ אַלע לענדער, פאַראייניקט אײַכ". אינ הערדערס פאָלקלאָריזמ הערנ מיר אַן אָפּהילכ פונ מאָנטעסקיעס געדאַנקענגאַנג אינ זײַנ „גײַסט פונ די געזעצנ". הערדערס פאָלקלאָריזמ איז איינער פונ די אויספירנ, וואָס זײַנענ געמאַכט געוואָרנ פונ לעסינגס — הערדערס פאָרגייער און לערער — קאָסמאָפּאָליטישע באַטראַכטונגענ. „אייגנטלעכ גערעדט — זאָגט לעסינג — זײַנענ בלויז פאַראַנ פיזיקאַלישע סיבעס אַפ צו דערקלערנ פאַרוואָס די נאַציעס זײַנענ אַזוי פאַרשיידנ לויט זייערע לײַדנשאַפטנ, טאַלאַנטנ און קערפּערלעכע געניטקײַטנ; וואָרעמ דאָס, וואָס מע רופט גײַסטיקע (moralische) סיבעס, זײַנענ נאָר בלויז רעזולטאַטנ פונ די פיזיקאַלישע". דעמאָזיקנ געדאַנקענגאַנג האָט הערדער דורכגעפירט אינ זײַנע „אידייענ צו דער געשיכטע־פילאָסאָפיע פונ דער מענטשהײַט" און אינ זײַנע „פּרעלודיעס" אַפ אַ אידעאַליסטישנ, אָבער שאַרפ דיאַלעקטישנ אופנ. ווי ווײַט איז דאָ נאָכ דאָס רעוואָלוציאָנערע בירגערטומ פונ דער שפּעטערדיקער פינאַנס־קאַפּיטאַליסטישער אימפּעריאַליסטישער ראַסנ־לערע!

אָבער טאַקע דער אייגענער הערדער איז אויכ איינער פונ די „טאַטעס" פונעמ „נאַציאָנאַלנ באַוווּסטזײַנ" און פונ דער דײַטשער ראָמאַנטיק, וואָס האָט זיכ לויט איר אינעווייניקסטנ מעהוס שוינ פונ אָנהייב אָנ אָריענטירט אַפ דער „לעוואָנע־באַגלענצטער קישעפ־נאַכט" פונ מיטלאַלטער. פאַר דער דײַטשער בורזשואַזיע איז דעמאָלט נאָכ ניט געווענ געלייזט די אויפגאַבע פונ נאַציאָנאַלער באַפרײַונג, אַכוצעמ אויכ ניט די אויפגאַבע צו פאַראייניקנ די צעטריבלטע דײַטשע קאַנטנ אינ מעלוכעס, צו באַזײַטיקנ, ווי הערדער זאָגט das monströse Staatsgebilde, אינ איינ גרויסער דײַטשער מעלוכע און אַזוי אַרומ זיכ צו באַפרײַענ פונ די פאַרשיידענע גײַסטלעכע, רײַכסגרעפלעכע, רײַכסריטערשאַפטלעכע, הערצאָגישע, דיאָדעצ־פירסטלעכע א. אַז. וו. הערשאַפטנ. דערצו איז נייטיק געווענ דאָס „נאַציאָנאַלע באַוווּסטזײַנ", וועלכעס הערדער האָט דיאַלעקטיש באַנומענ, אַז דורכנ נאַציאָנאַלנ באַוווּסטזײַנ קענ מענ ערשט אָנקומענ צו דער עמעסער מענטשהײַט, צומ אינטערנאַציאָנאַליזמ. עמעס, אַפילע די ראָמאַנטישע שול גופע איז ניט געווענ דורכויס פעאָדאַל־רעאַקציאָנער. זי האָט אינ זיכ געהאַט די סטירעס פונ די פאַקטנ, וואָס האָבנ זי אַרויסגערופנ. אינ איר „נאַציאָנאַלנ באַוווּסטזײַנ" האָט זיכ אינ אַ באַשטימטער צײַט פּאָרט אָפּגעשפּיגלט, זאָל זײַנ פאַרקריפּלט אינ באַגרענעצט, אויכ דאָס שטרעבנ פונ בירגערטומ צו נאַציאָנאַלער באַפרײַונג און צו אַ נאַציאָנאַלער איינהייט, וואָס האָט צו יענער צײַט פונ דער מעלוכישער און פעאָדאַלער צעטריבלונג אינ דײַטשלאַנד באַטײַט אַ באַשטימטנ פאָרשריט.

אַפ אַזויפיל זײַנענ אַזעלכע עלעמענטנ אינ דער ראָמאַנטישער שול געווענ אַ דײַטלעכער פאָרשריט אַקעגנ דער קלאַסישער שול. ווענ ניט די אַנטיקטיקײַט און

מאַרקריפּלטקייט פון דער בירגערלעכער באַוועגונג אין דײַטשלאַנד, וואָלט די „ראָמאַנטיק“, לויטן אָנהייב פון איר אַנטוויקלונג, וואָס שײַעך אַסאַך פּראָטים באַקוועמער געקענט אַנסדריקן ברייטסטע מאַסן פון בירגערטום איידער די פאַרגליווערטע קלאַסיק. אַזוי איז דאָך געווען אין פראַנקרײַך [1]. די אַנטוויקלונג פון דער ראָמאַנטיק אין דער בירגערלעכער ריכטונג איז אָבער זייער גיך אַפּ אַ רעאַקציאָנערפעאָדאַלישן אויפן פאַרקריפּלט געוואָרן. „בײַ לייפּציק און וואַטערלאָאָ האָבן ניט געזיגט (איבער נאַפּאָלעאָנען — מ. וו.) די פעלקער, נאָר די מאָנאַרכן, און דינענדיק צו זיי, צו די הערשערס, האָט די ראָמאַנטיק ע-דגילטיק דעגענערירט“ (מערינג). דעם פאָלקלאָריזם פון יענעם עטאַפּ אין דער ראָמאַנטיק קען מען שוין דערעך־קלאַל ניט בעסער כאַראַקטעריזירן ווי מיט יענע ווערטער, וואָס מאַרקס האָט געזאָגט וועגן דער אַנטשערעכנדיקער „היסטאָרישער שול“. „אַ שול, וואָס באַרעכטיקט די שענדלעכקייטן פון הײַנט דורך די שענדלעכקייטן פון נעכטן, אַ שול, וואָס דערקלערט יעדן געשריי פונעם לײַבייגענעם קעגן דעם קאַנטשיק פאַר בונטאַריש, אויב דער קאַנטשיק איז נאָר אַ היסטאָרישער קאַנטשיק, אַ שול, וואָס די געשיכטע ווײַזט איר בלויז נאָר איר a posteriori, יענעם טייל אירן, מיט וועלכן דער גאָט פון ייִסראָעל האָט זיך באַוויזן צו זײַן קנעכט מוישע: אַ שול, וואָס וואָלט דערפינדן די דײַטשע געשיכטע, אויב זי, דידאָזיקע שול גופא, וואָלט ניט אַליין געווען אַ דערפינדונג פון דער דײַטשער געשיכטע“ [2].

## .2

אין דער צײַט פון נאַפּאָלעאָנס העכסטן אופבלי און אונטערגאַנג דערגייט די דײַטשע ראָמאַנטיק צו אַ הויכפּונקט פון נאַציאָנאַליזם. און דאָרט, ווו העגעל האָט זיך באַמיט צו דערפאָרשן דעם מענטשלעכן „קאָלעקטיוו־גײַסט“, זינגט ג ע ר ר ע ס זײַנע דיפיראַמבן אפן „הייליקן פאָלקסגײַסט“. בײַ דעמדאָזיקן פאָלקלאָר־ענטוזיאַסט גערעס, שעלינגס אַ טאַלמיד און באַדײַטנדיקער פאָרשטייער פון דער „קאַטוילישער רעאַקציע“, וועלן מיר שוין קיינשום קאָסמאָפּאָליטיזם ניט געפינען. פאַרקערט, ער פּריידיקט יאָרצענדליקער לאַנג אַ ווילד־מעשוגענע סינע קעגן פראַנקרײַך. און טאַקע דעמדאָזיקן פינצטערן רעאַקציאָנערסטן נאַציאָנאַליזם דאַרף דינען זײַן פאָלקלאָרבאַגײַסטערונג. זי דאַרף צוריקשלעפּן דאָס בירגערטום אין מיטלאַלטער און באַוואָפענען קעגן דעם „אויסגעווייניקסטן“—ניט אינעווייניקסטן—„סוינע“. דאָס און ניט עפּעס אַנדערש באַטײַט סאָפּקאָלסאָפּ דער „ליבעראַליזם“ און די דעמאָקראַטישקייט, די פויערים־ליבע און די ליבע צום דײַטשן „פאָלק“ פון די ראָמאַנטישע „טעווטאָמאַנישע“ פאָלקלאָר־אָנהענגער אַרדנס, גערעס און ענלעכע.

בײַ היינע, וואָס איז אין אַ באַשטימטער מאָס „אַן אַנטרונענער ראָמאַנטיקער“, ווי ער האָט זיך אַליין ליב אָנצורופן, כאָטש קיינער האָט דער ראָמאַנטיק ניט

---

[1] זע פּ. לאַסאַרג: „די אַנטשטייונג פון ראָמאַנטיזם“ און „די לעגענדע וועגן וויקטאָר הוגאָ“.

[2] Deutsch-französische Jahrbuecher לויט פר. מערינגס „לעסינגלעגענדע“, בערלין 1925, ז. 329.



אַרײַנגעלייגט אַזעלכע טויט־קלעפּ ווי גראַדזער, וועלן מיר, ווי אין אַסאַך אַנדערע פּראָטים, זען אַ גענוג סטירעדיקע באַציִונג צו פאָלקלאָר. אַ הייסער ליבהאָבער פון פאָלקלאָר, שעפּט ער, „דער לעצטער ראָמאַנטיקער“, מיט פולע הענט פאַר זײַנע לידער פונעם פאָלקלאָר־קוואַל. ער רעדט וועגן פאָלקלאָר אָפט מיט אַ זעלטענער האַרצלעכקייט און מיט טיפן פאַרשטענדעניש. אָבער ווי אַ ראַדיקאַלער בירגער, וואָס איז פעיִק געווען פאַרויסצוזען און פאָרויסצוזאָגן די קומענדיקע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, און איר אַפּ זײַן שטייגער אַפילע אַמאָל סטירעדיק מיטצופילן, האָט ער זיך געמוזט מוידע זײַן און דײַטלעך זאָגן, אַז דער ראָמאַנטישער פאָלקלאָריזם פון זײַן צײַט אַנטהאַלט אין זיך שווערע רעאַקציאָנערע מאָמענטן. מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ ווידערשפּרעכיקע באַציִונג צו פאָלקלאָריזם און פאָלקלאָר גופא בײַ איינעם און דעמזעלביקן פאָרשטייער פון בירגערטום, אַ סטירעדיקײַט, וואָס אַנטשפּרעכט סײַ צו דער אָנצילונג פון זײַן גאַנצן שאַפן, סײַ צו די געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען, אין וועלכע זײַן שאַפן האָט זיך באַוועגט.

צוליב דער באַלערעוודיקייט פון דעם בײַשפּיל און ווײַל דער דײַטשער פאָלקלאָריזם פון ערשטער העלפט 19־טן יאָרהונדערט — און אין איינעם דערמיט אויך דער פאָלקלאָריזם פון אַ רײ אַנדערע ליטעראַטורן אין יענעם פּעריאָד — איז אַ קינד פון דער ראָמאַנטיק, איז קעדײַ זיך אַביסל אויספירלעכער אָפּשטעלן אַפּ הײַנעס באַציִונג צום פאָלקלאָריזם אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן באַציִונג צו דער ראָמאַנטיק.

וועגן דער דײַטשער ראָמאַנטיק זאָגט מערינג: „דעמאָלט, ווען דאָס שווערד פון אַ פּרעמדן באַזיגער האָט אָפּגעטון דאָס, וואָס די בירגערלעכע קלאַסן אין דײַטשלאַנד האָבן ניט באַוויזן אָפּצוטון מיט זייערע אייגענע קויכעס, ווען די נאַפּאָלעאָנישע אָקופּאַציע האָט אַוועקגעראַמט פונעם דײַטשן באָדן דעם ערגסטן מיסט, קעדיי איצט אַליין צו דריקן מיט אַן אומדערטרעגלעכן דרוק אַפּ אַלע קלאַסן פון דער נאַציע — דעמאָלט האָט די ראָמאַנטישע דיכטונג אָפּגעשפּיגלט דידאָזיקע מאָדנע צווייִקע סיטואַציע. די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון בירגערטום האָבן זיך צונויפגעשטויסן מיט זײַנע מאַטעריעלע אינטערעסן אין אַ סטירע, וואָס האָט ניט געקענט אויסגעגליכן ווערן; דערראָזיקער קלאַס האָט ניט געקענט אָראָפּשאַרן דעם אויסלענדישן יאָך, ניט אָנלאָדנדיק אַפּ זיך גלײַכצײַטיק דעם היימישלעכן יאָך. אומזיסט האָבן זיך די שלעגעל און טיִק, די וואָרטפירערס פון דער ראָמאַנטיק, באַמיט זיך אַריבערצושווינדלען איבער דעמדאָזיקן אופגעריסענעם טהאָם מיט דער הילף פון צעמאַטערטע זשעניאַליטקייטן און מיט דער הילף פון דער באַרימטער „איראָניע“; אומזיסט האָבן זיי זיך געכאַפּט פאַר אַלע ליטעראַטורן און צײַטן, קעדיי דאָרט צו געפינען אַ באָדן, אַפּ וועלכן זיי וואָלטן געקענט שטיין [1]. די ראָמאַנטישע שול האָט דעמדאָזיקן באָדן געקענט געפינען

---

[1] די שלעגעלס, די אָנפירערס פון דער ר ע א ק צ י אָ נ ע ר ע ר ראָמאַנטיק, ווענדן זייער אויפמערקזאַמקייט אַפּ דער אַלטער אינדיישער סאַנסקריט־ליטעראַטור, אין וועלכער זיי געפינען דעם אורשפּרונג פון די דאָגמעס אין דער קאַטוילישער קירכע, און זיי ווערן די באַגרינדערס פונעם סאַנסקריט־שטודיום אין דײַטשלאַנד. געטע האַלט זיך פײַנטלעך צו דידאָזיקע באַשטרעבונגען, אָבער זײַן אינטערעס פאַרן אַראַבישפּערסישן מיזרעך, וואָס פירט אײַן די מיזרעכדיקע סטילזאַציע פון די ריקערטס, פּלאַטענס א. אַז. וו. איז בעלי־ספק אויך אַ ראָמאַנטישער שטריך. די ראָמאַנטיקער האָבן זיך ביכלאַל מיט אַ באַזונדער נײַגע־

נאָר אינ דער „לעוואָנע־באַלעגנטער קישעפּ־נאַכט״ פּינ מיטלאַלטער; נאָר דאָ האָבנ זיי געקענט געפינענ די נאַציאָנאַלע אידעאַלנ. אָבער דאָס מיטלאַלטער באַטײַט די אויסגעשפּראָכנסטע קלאַסנהערשאַפט פונ פעאָדאַלנ אונ גאַלכים. פונ דערדאָזיקער צווייִיקײַט, וואָס שײַעכ די נאַציאָנאַלע אונ סאָציאַלע אינטערעסנ איז ניט געווענ קיינ אויסוועג״ 1).

די סטירעדיקײַט פונ דער ראָמאַנטיק שפּיגלט זיכ אָפּ אויכ אינ דער סטירעדיקײַט פונ איר פאָלקלאָריזמ, א סטירעדיקײַט, וואָס איז שוינ אינ א געוויסער מאָס געווענ פאָרגעצייכנט אפילע אינעמ פאָלקלאָריזמ פונ הערדער, דעמ קאָסמאָפּאָליט, וואָס איז אָבער צוגלײַכ אויכ געווענ א „פאָטער״ פונעמ „נאַציאָנאַלנ באַוווסטזײַנ״.

3.

אינ זײַנ כאַראַקטעריסטיק פונ דער ראָמאַנטיק גייט מערינג אינ זאַכ פּראַקטיש נאָכ די שאַרפזיניקע אויספירונגענ הײַנעס וואָס האָט מיט א קלאָרנ קלאַסנכוש אופּגעדעקט איר סאָציאַלנ מעהוס אונ די וואָרצלענ פונ איר סטירעדיקײַט. זי, די דאָזיקע סטירעדיקײַט האָט זיכ אָבער פאָרט אויכ אינ הײַנעס שאַפנ גופע מער אָדער ווייניקער שטאַרק אָפּגעשפּיגלט. אונ טאַקע אויכ אינ זײַנ באַציִונג צו פאָלקלאָר.

פונ איינ זײַט דעקט ער ניכטער אופּ דעמ מעהוס פונעמ ראָמאַנטישנ פאָלקלאָריזמ. ט'לוינט זיכ דאָ אויספירלעכ צו ציטירנ. „אונ טאַקע עמעט — זאָגט הײַנע — קעגנ נאַפּאָלעאָנענ האָט גאָר קיינשומ אנדערער ניט געקענט העלפנ ווי איינ גאָט אַליינ. אָפּ די ווערטלעכע אַרמייענ האָט מענ שוינ ניט געקענט רעכענענ, האָט מענ דעמ בליק ביטאָכנדיק געמוזט ווענדנ צומ הימל.

אונ מיר וואָלטנ אויכ נאַפּאָלעאָנענ גאַנצ וויל איבערגעטראָגנ. אָבער אונדזערע הערשער, האָפנדיק זיכ פונ אימ דורכ גאָט צו באַפרײַענ, האָבנ זיי זיכ פאָרט אכוצ דעמ אַרײַנגענומענע אינ קאָפּ אַרײַנ, אז די פאַראייניקטע קויכעס פונ זייערע פעלקער פונעמ מעלוכיש־צעדריבלענ דײַטשלאַנד — מ. וו.) וואָלטנ דערבײַ גאַנצ נישקאָשעדיק געקענט מיטהעלפנ. צו דעמ צוועק האָט מענ זיכ באַמיט אופּצוּוועקנ בא די דײַטשנ דעמ קאָלעקטיוו־גײַסט, אונ אפילע די סאַמע העכסטע פּערזאָנענ (ד. ה. די דײַטשע מאָנאַרכנ אונ פירסטנ — מ. וו.) האָבנ איצט גערעדט וועגנ דײַטשער פאָלקסטימלעכקײַט (מײַנ קורסיוו — ה. וו.), וועגנ שוטפעסדיקנ דײַטשנ פאָטערלאַנד, וועגנ דער פאַראייניקונג פונ די קריסטלעכ־גערמאַנישע שוואָטימ, וועגנ דער איינקײַט דײַטשלאַנדס. מע האָט אונדז געגעבנ א באַפעל צו זײַנ פּאַטריאָטיש, וואָרעמ מיר טוענ אַלצ, וואָס אונדזערע הערשער הייסנ אונדז טונ... אונ דאָ האָט זיכ טייקעפּ א שיט געטונ די „אידעאַלישע״ גאַסנ־יונגישקײַט, פונ וועלכער דער הער י—הנ

ריקײַט געוואָרנ אָפּ די עקזאָטיק פונ עלטערע ליטעראַטור־פעריאָדנ אינ פאַרשיידענע שפּראַכנ (אי ענגליש, שפּאַניש א. אז. וו.). עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס א. וו. שלעגעל קריטיקירט די לידער פונעמ בירגערלעכנ דעמאָקראַט בירגער, אז זיי זײַנענ ניט אזוי שיינ אונ פּראָסט אונ קאָנצענטרירט ווי די אַלט־ענגלישע „פאָלקס־לידער״, וואָס פערסי האָט געזאַמלט. מיט פאָלקלאָר קלאָגט ער די בירגערלעכ־דעמאָקראַטישע פּאָעזיע (מײַנ באַמערקונג — מ. וו.).

1) Fr. Mehring: Zur Literaturgeschichte, Berlin, 1929, I, בר., ז. 281



(איינער פונ די טעאָרעטיקער פונ דײַטשנ נאַציאָנאַליזמ אינ פאָלקלאָריזמ — מ. וו.) האָט אויסגעבויט א סיסטעמ. ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ די וואַלדעלע אומגעלומפּערטע קריטיקע אָפּאָזיציע קעגנ יענער איבערצײַגונג, וועלכע איז געווענ דאָס ערלעכסטע אונ הייליקסטע, וואָס דײַטשלאַנד האָט ביכלאַל אמאָל געשאַפנ — קעגנ יענער הומאַנישקײַט, קעגנ יענער אַלגעמיינער מענטשנ־פאַרברידערונג, קעגנ יענעמ קאָסמאָפּאָליטיזמ, וואָס צו אימ האָבנ זיכ שטענדיק געבויגנ אונדזערע גרויסטע קעפּ לעסינג, הערדער, שילער, געטע, זשאַנ פּאָל אונ אַלע געבילדעטע אינ דײַטשלאַנד.

וואָס ס'האָט זיכ דאַנ אָפּגעטונ איז אײַכ אַלעמענ באַוווסט. דעמאָלט, ווענ גאָט, דער שניי אונ די קאָזאַקנ האָבנ צעשטערט די בעסטע קויכעס נאַפּאָלעאָנס, האָבנ מיר דײַטשנ באַקומענ דעמ אַלערהעכסטנ באַפעל זיכ צו באַפרײַענ פונ פרעמדנ יאָכ. אונ מיר האָבנ זיכ טאַקע אָנגעצונדנ אינ מענלעכנ צאָרנ איבער דער צו לאַנג איבערגעטראָגענער קנעכטשאַפט, אונ מיר האָבנ זיכ באַגײַסטערט דורכ די גוטע מעלאָדיעס אונ שלעכטע פערזנ פונ קערנערס לידער אונ מיר האָבנ אויסגעקעמפט די פרײַהײַט, וואָרעמ מיר טוענ אַלצ, וואָס אונדזערע פירסטנ טוענ אונדז באַפעלנ.

אינעמ פעריאָד, ווענ דערדאָזיקער קאַמפּ איז צוגעגרייט געוואָרנ, האָט טאַקע גערארפט זײַנ אנ אויסגעצייכנט גרעטעניש פאַר א שול, וואָס איז געווענ פײַנטלעכ געשטימט צומ פראַנצויזישנ מעהוס אונ וואָס האָט פאַרלויבט אינ הימל אַרײַנ אַלצ, וואָס איז געווענ דײַטש־פאָלקסטימלעכ (!) אינ דער קונסט אינ אינעמ לעבנ. די ראָמאַנטישע שול איז דעמאָלט געגאַנגענ האַנט בא האַנט מיטנ שטרעבנ פונ די רעגירונגענ אונ פונ די געהיימ־געזעלשאַפטנ, אונ הער א. וו. שלעגעל האָט קאָנספּירירט קעגנ ראַסינ מיטנ זעלבנ ציל ווי דער מיניסטער שטיינ קעגנ נאַפּאָלעאָנ. די שול איז געשוווּמענ מיטנ שטראָמ פונ דער צײַט, ד. ה. מיטנ שטראָמ, וואָס האָט צוריק געשטראָמט צוריק. אונ אז דער דײַטשער פּאַטריאָטיזמ אונ דער דײַטשער נאַציאָנאַליזמ האָט סאָפּקאָלסאָפּ פולשטענדיק געזיגט, האָט אויכ ענדגילטיק טריומפירט די פאָלקסטימלעכ־גערמאַניש־קריסטלעכ־ראָמאַנטישע שול, „די נײַ־דײַטש־רעליגיעז־פּאַטריאָטישע קונסט״.—

4.

דאָ האָבנ מיר די באַוווסטיניקע קלאַסנמעסיקע באַציִונג פונעמ ראַדיקאַל־פאָרגעשריטענעמ בירגער הײַנע צומ רעאַקציאָנערנ פעאָדאַליזמ אינ דער ראָמאַנטיק. אונ פונדאַנענ שטאַמט אויכ, לעמאָשל, דער אויפנ, ווי הײַנע שאַצט אָפּ דעמ אופקלערערס פר. ניקאָלײַס קעגנערישע באַציִונג צומ פאָלקלאָריזמ.

דערדאָזיקער צײַט־כאַווער לעסינגס איז מיט פאַרביסנקײַט אַרויסגעטראָטנ קעגנ הערדערס ענטוזיאַזמ פאַר „פאָלקסלידער״. אינ זײַנ „פײַנער קליינער אַלמאַנאַכ״ (1777—1778) האָט ער געבראַכט א ריי פאָלקסלידער מיט נאָטנ, כדי צו באַווײַזנ זייער ווערטלאָזיקײַט אונ אָפּצולאַכנ פונ הערדערס באַשטרעבונגענ — אונ האָט אַגעוו גראָד דורכ זײַנ פאַרעפנטלעכונג אופמערקזאַמ געמאַכט אויכ מוזיקער אפנ פאָלקסליד אונ אזוי ארומ ניט וועלנדיק געגעבנ די אָנרעגונג זיכ צו באַשעפטיקנ אויכ מיט דער

„פאָלקסליד־מוזיק (אַן אַנאַלאָגיע צום ליטעראַרישן פאָלקלאָריזם וועלן מיר אויך געפינען אין דער מוזיק פון בעטהאָווען, וועבער, שובערט, לעווע, פלידערמאַן א.אז.וו.).

די גרויסע בירגערלעכע אויפקלערער האָבן פר. ניקאָלײַ ניט ליב געהאַט צוליב דער ווולגאַרישקייט און איבערפלעכלעכקייט פון זײַן אויפקלערערײַ. היינע נעמט זיך אָן ניקאָלײַס קריוודע, מיט א בעפייערטער בירגערלעכער פאַרטייִשקייט. „כאָטש מיר ווייסן, אַז דעריקער האָבן פון אים כויזעק געמאַכט אונדזערע הויפּט־פײַנט, די אַפּיקורסאַנטן, קענען מיר פאָרט ניט אײַנהאַלטן א שמייכל, ווען מיר טראַכטן וועגן אים". אָבער גאַנץ ערנסט זאָגט דאַן היינע, אַז „... אין טאָך איז ער שטענדיק געווען גערעכט". אויך אין זײַן קאַמף קעגן די ראָמאַנטישע צעקראָכנקייט און יערידישקײַט פון געטעס „ווערטערס ליידן". און אַפילע אין זײַן קאַמף קעגן די אַלט־דײַטשע פאָלקס־לידער, וואָס היינע האָט דאָך זייער ליב געהאַט און האָט זיי אויסגענוצט אין זײַן פּאָעטישן שאַפן. „אָבער אין טאָך איז ער (ניקאָלײַ) אויך דאָ גערעכט געווען; ניט געקוקט אַף אַלע מײַלעס זייערע, האָבן דידאָזיקע לידער פאָרט אַנטהאַלטן פאַרשיידנערליי זיכרוינעס, וואָס זײַנען ניט געווען צײַטמעסיק; די אַלטע קלאַנגען די Kuhreigen [1]) האָבן געקענט צוריק אַרײַנאַרן די געמיטער פון פאָלק צוריק אינעם גלויבנס־שטאַל פון דער פאַרגאַנגענהייט. ער (דער אויפקלערער ניקאָלײַ) האָט זיך, ווי אָדיסיי, באַמיט צו פאַרשטאָפּן די אויערן פון זײַנע כאַווײרים, זיי זאָלן ניט הערן דעם געזאַנג פון די סירענעס, און האָט זיך ניט געדײַגעט, וואָס אַזוי אַרום וועלן זיי אויך טויב ווערן פאַר די אומשולדיקע טענער פונעם סאָלאָוויי. קעדיי דאָס פעלד פון דער געגנוואַרט זאָל נאָר אומבאַדינגט ראַדיקאַל גערייניקט ווערן פון יעדן ווילדקרויט, האָט זיך דער פּראַקטישער מאַן ווייניק גענומען צום האַרצן אויב ער האָט אויך אויסגעראָטן די בלומען. דעם אַנטקעגן האָט זיך געשטעלט די פּאַרטיי פון די בלומען און פון די סאָלאָווייס, און אַלע, וואָס האָבן צו דערדאָזיקער פּאַרטיי געהערט: שיינקייט, גראַציע, וויציקייט און שפּאַס — און ניקאָלײַ נעבעך איז געווען באַזיגט.

אין הײַנטיקן דײַטשלאַנד אָבער האָבן זיך די אומשטאַנדן געביטן און די פּאַרטיי פון די בלומען און פון די סאָלאָווייס איז ענג פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציע. אונדז געהער די צוקונפט און סע שאַרעט שוין די מאָרגן־רויטקייט פון זיג. און ווען ס'וועט זײַן־שיינער טאָג א שטראָם טון מיט ליכט איבער אונדזער גאַנצן פאָטערלאַנד, דאַן וועלן מיר זיך אויך דערמאַנען אָן אים, וואָס איז שוין געשטאָרבן, דאַן וועלן מיר אויך אָן דיר דערמאַנען, אַלטער ניקאָלײַ, אָרעמער מאַרטירער פון ראַציאָנאַליזם". היינע ענדיקט מיט א שפּאָט־שמייכל, אָבער מיט טיף סאַנטימענטאַלע ווערטער. די אייגענע רעהאַביליטאַציע פונעם פאָלקלאָר־קעגנער כאַזערט היינע איבער ריידנדיק אין „Zur romantischen Schule" וועגן טײַקן און דערמאַנענדיק דערבײַ ניקאָלײַ.

מיר האָבן בעקיווון געבראַכט דידאָזיקע ציטאַטעס, ווײַל עס קומט אין זיי אַזוי דײַטלעך און אינטערעסאַנט צום אויסדרוק היינעס קלאָרע און באַוווסטזיניקע שטעלונג סײַ צום ראָמאַנטיזם בכלל און צו זײַן פאָלקלאָריזם ביפראַט. פאַרן רעוואָלוציאָ־

[1]) אַלפּישע שווייצאַרישע מעלאָדיעס, וואָס ווערן געשפּילט אַפן האָרן.



נערן בירגער, וואָס באַגריסט אַמאָל און אַף זײַן [illegible] רעדיק אַפילע די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און דעם קאָמוניזם, איז אַזאַ שטעלונג צו דער ראָמאַנטיק און איר פאָלקלאָריזם גאַנץ נאַטירלעך. ער דעמאַסקירט די ראָמאַנטיק און איר כאַראַקטערישן שטריך, די בעטיע צום קאַטאָליציזם, ווי א „קיפּע ווערים, וואָס דער הייליקער פישער אין רוים פאַרשטייט זייער גוט אויסצונוצן קעדיי מיט זיי אַף זײַן ווענטקע צו כאַפּן די נעשאָמעס". האָפּערדיק דערקלערט ער: „די פאַרניכטונג פונעם גלויבן אינעם הימל האָט ניט בלויז א מאָראַלישע, נאָר אויך א פּאָליטישע וויכטיקייט: די מאַסן טראָגן ניט מער מיט קריסטלעכער געדולד זייער ערדישע נויט, זיי לעכצן נאָך גליק אַף דער ערד. דער קאָמוניזם איז א נאַטירלעכער רעזולטאַט פון דערדאָזיקער געביטענער וועלטאָנשויונג און ער שפּרייט זיך אויס איבער גאַנץ דײַטשלאַנד. עס איז א גאַנץ נאַטירלעכע דערשײַנונג, אַז די פּראָלעטאַריער האָבן פאַר פירערס — אין זייער קאַמף קעגן דער פאַראַנענער אָרדענונג די פאָרגעשריטנסטע קעפּ, די פילאָסאָפן פון דער גרויסער שול; זיי גייען אַריבער פון דער טעאָריע צו טאַט, צום לעצטן צוועק פון יעדן טראַכטן..." נאָך איידער ער איז באַקאַנט געוואָרן מיט מאַרקסן זאָגט ער זיך אַרויס קעגן אַלע יענע סאָציאַליסטישע טעאָריעס, ווי סען־סימאָניזם, פוריעריזם, וואָס גייען ניט פון וואָרט צו טאַט.

ער האָט מוירע פאַרן „נאַקעטן קאָמונעם קאָמוניזם". דער קליינבירגער אין היינען ציטערט פאַר דער הערשאַפט פון די מאַסן. ער וואַקלט זיך אין זײַן באַציִונג צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און צום קאָמוניזם פונקט אַזוי ווי אין אַלע פראַ־טים פון זײַנע רעוואָלוציאָנערע איבערצײַגונגען. און פאָרט זאָגט ער קורץ פאַר זײַן טויט זײַנע באַרימטע ווערטער, ווו ער מאָלט די האַרבקייט פון דער רעוואָלוציע און בענטשט זי לעכאָפּ מיט געוואַלטיקן פּאַטאָס, ער בענטשט די, וואָס וועלן פון זײַנע לידער דרייען שקאַרמיצלעך אַף קאַווע און שמעק־טאַבאַק פאַר אַלטע אָרעמע ווײַבער: Vivat justitia pereat mundi, זאָל די וועלט אונטערגיין אַבי די גערעכטיקייט זאָל לעבן און זיגן. דער ראַדיקאַלער בירגער פאַרבינדט זיך מיטן פּראָלעטאַריאַט אַקעגן דעם פעאָדאַליזם. ניט אַלס איבערצײַגטער קאָמוניסט, נאָר אַלס איבערצײַגטער ראַדיקאַלער רעוואָלוציאָנערער בירגער. דאָס איז די סיבע פון זײַן קעגנערשאַפט צו פאָלקלאָריזם, אַלס איינעם פון די הויפּט־שטריכן אינעם פעאָדאַלן ראָמאַנטיזם.

פון דער אַנדערער זײַט אָבער איז דערדאָזיקער מעכטיקער באַקעמפער פון דער ראָמאַנטיק געווען אין א באַשטימטן זינען איינער פון אירע גלענצנדיקסטע פאָרשטייער, דער דעמאַסקירער פון פאָלקלאָריזם — איינער פון אירע הייסעסטע ליבהאָבער. דידאָזיקע סטירעדיקייט איז פאַרוואָרצלט אין דער סטירעדיקייט פון דער בירגערלעכער באַוועגונג אין דײַטשלאַנד צו יענער צײַט.

## 5.

ווער האָט וועגן פאָלקלאָר ענטוזיאַסטישער גערעדט ווי היינע? וועגן אַרנים און ברענטאַנאָ'ס Des Knaben Wunderhorn זאָגט היינע: „ווישל איך זאָל דאָסדאָזיקע בוך

ניט לויבן, וועט ניט געווען זיין, דאָס בוך אנטהאלט אין זיך די ליבלעכסטע צוויטן פון דייטשן גייסט... אין דידאָזיקע לידער פילט מען דעם פולס פון דייטשן פאָלק". ער שרייבט לאנגע טיראדן צום לויב פון פאָלקלאָר ביכלאל און פון פאָלקסליד בפראט — און פריִער אמאָל אפילע א גאנצע אייגענע אויספאָרשונג וועגן פאָלקס־דעמאָנאָלאָגיע און פאָלקסליד („Elementargeister" 1834). (דערביי דארף מען אגעוו פעסטשטעלן, אז לויט זיינע ציטאטעס און דערקלערונגען באמערקט ער אינעם פאָלקסליד דעריקער די שאפונג פון אָרעמע געכאפטע פויערישע סאָלדאטן און פון וואנדערנדיקע האנטווערקער. עס איז ביז גאָר אינטערעסאנט, אז לעהייפעך צו די האנאָכעס פון די דעמאָלטיקע און פריִעריקע פאָלקלאָר־אָנהענגער, וואָס זעען אינעם פאָלקלאָר אויסשליסלעך אָדער דעריקער דעם פויער, באמערקט ער סיי אלס טעמע, סיי אלס שאפער און סיי אלס געברויכער פונעם פאָלקלאָר נאָר „די וואנדערנדיקע כעווריע: באָסיאקעס, סאָלדאטן, וואנדערנדיקע סטודענטן אָדער האנטווערקער". „באזונדערס די האנטווערקער־יונגען" — שטרייכט ער אונטער. ער ברענגט צו דער באהויפּטונג באווייזן פון אייגענער באָבאכטונג. דער ראדיקאלער בירגער היינע באמערקט אינעם פאָלקסליד נאָר יענע עלעמענטן, וואָס האָבן א שייכעס צום ארבעטנדיקן און דעקלאסירטן לומפּן־קליינבירגערטום). קורץ: ער קעמפט קעגן פאָלקלאָריזם — און קען זיך פון אים ניט באפרייען.

אָבער אין טאָכ־גענומען, אריבערשפרייזנדיק איבער דעטאלן און צופעליקע מאָמענטן, באשטייט זיין פאָלקלאָריזם גאָר עפּעס אנדערש ווי בא די טעוטאָמאנען, וועלכע ער באקעמפט. אין טאָכ גענומען באשטייט זיין פאָלקלאָריזם — פראָנדע! ס'פילט זיך אין זיין — פונקט ווי אין הערדערס — פאָלקלאָריזם עפּעס פון יענעם שטייגער פּראָטעסטירן קעגן די פּאָליטישע צושטאנדן, וואָס ליגט אינעם רוסאָישן שטרעבן צו „נאטור" און צו „נאטירלעכע אורשפּרינגלעכע פארהעלטנישן". דאָס „אמאָליקע געזונטע" קליינבירגערטום, דער האנטווערקער, קליינ־פויער א. אז. וו. ווערט דאָ אנטקעגנגעשטעלט צום פארדאָרבענעם פוילנדיקן פעאָדאל און דעם בירגערלעכן קאפּיטאליסט, וואָס שטייט אין דער צייט פון דער רעאקציע אין זיין דינסט. בא הערדערן ווערט אנטקעגנגעשטעלט דער פּרימיטיווער מענטש פון דער נאציאָנאלער אורגעשיכטע — צו דער פארדאָרבענער פעאָדאלער געזעלשאפט. די אמאָליקע קלאָמערשט געזונטע און פּראָסטע פארהעלטענישן ווערן אנטקעגנגעשטעלט צו די פארקריפּלטע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן אין זיין צייט.

היינע זאָגט אמאָל א שארפזיניק וואָרט איבער טאציט'ס בוך וועגן די גערמאנען. פּאָלעמיזירנדיק קעגן דער סטאלס בוך „De l'Allemagne", צוליב איר פארטיידיקן די ראָמאנטיק, מיינט ער מיט א פארבאהאלטענער איראָניע, אז דאָסדאָזיקע בוך וויל עפּשער גאָרניט אזוי זייער לויבן דאָס רעאקציאָנערע דייטשלאנד — ווי אומדירעקט שטראָפן דאָס נאפּאָלעאָנישע פראנקרייך. פונקט אזוי ווי טאציט האָט גאָרניט געוואָלט לויבן די גערמאנען — ווי די דייטשע נאציאָנאליסטן פון אלע צייטן מיינען — נאָר שטראָפן די רוימער. „איער בוך איז אין דעם פראט ענלעך צו דער „גערמאניא" פון טאציט, וואָס האָט עפּשער דורך זיין אפּאָלאָגיע פון די דייטשן געוואָלט שרייבן אן אומדירעקטע סאטירע קעגן זיינע אייגענע לאנדסלייט".



Heine's inspiration from Des Knaben Wunderhorn; saw folklore's sitz-im-leben in wandering groups in society

אָט אזוי דארף מען פארשטיין היינעס קעגנערשאפט און אָנהענגערשאפט צו פאָלקלאָר — אלס אָפּשפּיגלונג פון סאָציאלע סטיקעס, אלס אָפּשפּיגלונג פון אזא געזעלשאפטלעכער סיטואציע, אין וועלכער אן אָנמעכטיק און פארקריפּלט בירגערטום קען זיך אין א וויים אנטוויקלטער עפּאָכע ניט באפרייען פונעם רעאקציאָנערן פעאָדאלן און דעספּאָטיש־מאָנארכישן דרוק.

## III. דער מעהוס פון עטנאָגראפישער פּראָדוציר־ראָמאנטיק

### 1.

עס איז נייטיק אויפמערקזאם צו מאכן אויך אף אזעלכע פאלן, ווו דער עטנאָגראפיזם און פאָלקלאָריזם האָבן בא דורכויס פארשיידענע קלאסנפאָרשטייער פון דורכויס פארשיידענע צייטן פּאָרט אמאָל, איבער דער אנאלאָגישקייט פון באשטימטע שטריכן אין דער סאָציאלער סיטואציע, אויך א דורכויס ענלעכע געזעלשאפטלעכע באשטימונג.

א טייל עלטערע ענגלישע און דייטשע עטנאָגראפן און קונסט־טעאָרעטיקער פלעגן אמאָל מיט א באשטימטער באטאָנונג אָנווייזן אף דער שיינקייט, ווילקייט און סאָלידקייט פון דער אלטער אמאָליקער האנטארבעט, באזונדערס פון די „עטנאָגראפישע" שאפונגען, אף זייערע געשמאקפולע „אינדיווידועלע" פאָרמעס, זייערע צייכנונגען, אָרנאמענטן א. אז. וו. — קורץ, אף די מעלעס פון דער פּראָדוקציע אין די „עטנאָגראפישע" צייטן, אנטקעגנשטעלנדיק דידאָזיקע פּראָדוקציע צו דער „געשמאקלאָזער, אומעסטעטישער, ניוועלירנדיקער און אימראיעלער, נייצייטיקער מאשינארבעט". דער היינטצייטיקער פאשיסטיש־אָריענטירטער דייטשער „פאָלקסקונדלער" כאזערט אמאָל גערן איבער דאָסדאָזיקע אלטע ליד. ס'קלינגט בא אים נאָך ראָמאנטישער, מיט נאָך מער בענקשאפט נאָך די אלטע גוטע צייטן. ער הייסט זיך לערנען באם אלטן „עטנאָגראפישן" האנטווערקער עסטעטישע ריינקייט, פאר דער פּראָדוקציע פון די היינטצייטיקע געברויך־געגנשטאנדן, קעדיי אזוי ארום אָפּצופרישן דעם פארשטאָפּטן עסטעטישן קוואל לויטן „סאמאָראָדנעם" עכטן „פאָלקסגייסט", וואָס האָט זיך דאָרט אין הוילער ריינקייט אויסגעדריקט [1]. וואָס באטייט דידאָזיקע עטנאָגראפישע פּראָדוציר־ראָמאנטיק?

1) אזעלכע טענדענצן קאָן מען אויך געפינען אפילע היינט בא סאָוועטישע טשייגער־באשרייבער. אין א בוך פון פּיביק: „Кипенарь на вачоте" קאָן מען לייענען אזעלכע זאצן וועגן דער האנטארבעט פון קוסטארן (וואָס ווערט אנטקעגנגעשטעלט דער פאבריק־ארבעט און ביידער טעכניק): „ניט א קוק אף יעדער צייכנונג — זי איז שטענדיק אינדיווידועל, שטענדיק אנדערש, ניט ענלעך אף די איבעריקע. דאָס איז ניט קיין מאשינישער שטאמפּ, דאָס איז ניט קיין סטאנדארט־ארבעט, דאָס איז א לעבעדיקע קינסטלערישע שאפונג פון א מענטשן. דידאָזיקע אויסארבעטונג פונעם פּראָסטן ניט־איבעריקן קוקערלעכן קוסטאר ווייזט מיט קישעס פון דער האלב־פארגעסענער היידניסטער מיטע. באהיטנדיק האָט ער דורך דורות און געשלעכטער דערטראָגן צו אונדז, צו אונדזערע עלעקטריפיצירטע טעג דעם דאָזיקן ארכאאישן קישעף". (ציטירט לויט א קריטיק אין „ליטגאזעטא" פון 19 אפּריל 1931 נר. 21). און עס איז ניט קיין צופאל, אז אינאיינעם מיט דעמדאָזיקן עטנאָגראפיזם געפינט מען אין דערזעלבער בראָשור א גאנצע ריי אנדערע קלאסנ־פרעמדע ארויסזאָגונגען, אף וועלכע עס ווייזט אָן דער קריטיקער.

זי באטײַט, אז דער קלײנבירגער, װאָס װערט פונעמ קאפיטאליזמ צעריבנ אונ אָװעקגעשטופט אינ א זײַט, װיל אפ אזא הילפלאָזנ אונ שטארק סטירעדיקנ אױפנ אױסדריקנ זײַנע „מאשינענ־שטורעמדיקע“ נעטיקס. אינ דערדאָזיקער עטנאָגראפישער ראָמאנטיק שפיגלט זיכ אָפ די בענקשאפט פונעמ קלײנבירגער נאָכ יענע צײַטנ פונ צעכאָװער האנטװערקערײַ, װענ דער „מיעשטשאנינ“ האָט אינ דער פראָדוקציע אונ אינ די געזעלשאפטלעכע באציִונגענ געשפילט גאָר אנ אנדער ראָל װי הײַנט. דערדאָזיקער עטנאָגראפיזמ טראָגט דאָ א טיפיש קלײנבירגערלעכנ כאראקטער, איז טיפ־פעסימיסטיש אונ דורכױס רעאקציאָנער.

באטראכטנ מיר אנ אנדער פאל פונ עטנאָגראפיזמ. אינ טאָלסטאָיס „אננא קארע־נינא“ באװײַזט לעװינ א באזונדערנ אינטערעס פאר דער „עטנאָגראפיע“ פונ דער פויערישער פעלד־ארבעט. ער װיל דערלערנענ אונ אויספאָרשנ די ספעציפישע שטײגערישע „עטנאָגראפישע“ אײגנארטיקײט פונעמ רוסישנ פויער בא זײַנ ארבעט אפנ פעלד. לעװינ קלײַבט זיכ װעגנ דעמ שרײַבנ א באזונדער בוכ. ער דערקלערט אויסדריקלעכ, אז מיט דער הילפ פונ דערדאָזיקער דערלערנונג, אויסנוצנדיק די דערלערנטע פאקטנ אונ צופאסנדיק זיכ צו זײ, דארפ די פויערישע ארבעט פראָדוקטיװער געמאכט װערנ. ער זאָגט בעפירעש, אז דאָס װעט קאָנענ פארבײַטנ די נײַע פראָדוציר־מעטאָדנ אונ די נײַע סאָציאלע פאָדערונגענ, װאָס קומענ בײדע פונ מײַרעװ אונ װאָס פאסנ ניט פארנ רוסישנ פויער. אינ דעמ צוזאמענהאנג װערט מיט א באשטימטנ טארומעס דערמאנט — אפילע דער קאָאָפעראטיזמ. װאָס באטײַט דאָ דער אינטערעס פאר דער „פויערימ־עטנאָגראפיע“ באמ מיטעלנ יאָרדישנ פעאָדאלנ גוטסבאזיצער נאָכ דער „פויערימ־באפרײַונג“, דער אינטערעס, װעלכנ טאָלסטאָי שילדערט מיט אזא באװוסטזיניקער קלאָרקײַט אונ ניט אָנ א באהאלטענעמ איראָנישנ שמײכל?

.2

אינ ערשטער רײ באטײַט דאָס, אז נאָכ דער „פויערימ־באפרײַונג“ איז נאָכ מער בולעט געװאָרנ די סטירע צװישנ די פראָדוציר־קויכעס אינ פראָדוציר־באציִונגענ, עס איז נאָכ מער באמערקבארער געװאָרנ, װי שטארק די געזעלשאפטלעכע באציִונגענ שטערנ דער אנטװיקלונג פונעמ פראָדוקציע־אויפנ. די „באפרײַונג“ װערט דורכגעפירט מיט אנ עקספראָפריאציע פונ פויערישע ערדנ, מיט דער דריקנדיקער פליכט פונ אויס־קויפ־צאָלונגענ, מיט א װוקס פונ דירעקטע אונ אומדירעקטע שטײַערנ, מיט א גאנצער רײ אינדיװידועלע אינטריגעס אונ קאָמבינאציעס, כיטרע צוגעטראכטע אפ צו באראבעװענ דעמ „באפרײַטנ“ פויער.

דאָס „אלטע פאטריארכאלע רוסלאנד האָט זיכ נאָכ 1861 אָנגעהויבנ גיכ צו צעפאלנ אונטער דער האשטאָגע פונעמ װעלט־קאפיטאליזמ. די פויערימ האָבנ געהונגערט, זײַנענ אויסגעשטאָרבנ, זײַנענ רוינירט געװאָרנ װי קײנמאָל ניט פריער אונ זײַנענ אנטלאָפנ אינ שטאָט ארײַנ, אװעקװארפנדיק די ערד. מע האָט אינטענסיװ געבויט אײַזנבאנענ, פאבריקנ אונ זאװאָדנ צוליב דער װאָלװעלער ארבעט פונ די רוינירטע פויערימ. אינ רוסלאנד האָט זיכ אנטװיקלט דער גרויסער פינאנס־קאפיטאל, דער גרויסהאנדל אונ די אינדוסטריע“ (לענינ).



אונטערנ דרוק פונ דער אנטװיקלונג פונ די פראָדוציר־קויכעס פירט אמאָל, פאר אונ קורצ נאָכ דער רעפאָרמע, א גוטסבאזיצער אײַנ נײַע (מײַרעװדיקע) פולקומערע פראָדוציר־אויפאנימ (אויכ מאשינעס), װאָס פאָדערנ מעמײלע א װײַטערדיקנ בײַט פונ די געזעלשאפטלעכע באציִונגענ — אפילע נאָר בלויז קעדײ דידאָזיקע נײַע אויפאנימ זאָלנ זיכ ביכלאל רענטירנ. דידאָזיקע באשטרעבונגענ פונ א טײל גוטסבאזיצער האָבנ גיכ געמוזט פירנ צו א פולער אנטוישונג. אפנ באָדנ פונ די פארקנעכטנדיקע באציִונגענ צומ רוינירטנ פויערטומ אויכ נאָכ דער רעפאָרמ האָבנ זיכ ניט געקאָנט אײַנפלאנצנ די אײראָפעישע מעטאָדנ פונ לאנדװירטשאפטלעכער קולטור. דידאָזיקע מעטאָדנ זײַנענ געבליבנ אומפראָדוקטיװ.

די רעפאָרמ ברענגט דאָ קײנ שומ באדײַטנדיקע ענדערונג ניט. יעדע מינדסטע אנטװיקלונג פונ די פראָדוציר־קויכעס מאכט איצט דעמ קאָנפליקט צװישנ פויער אונ גוטסבאזיצער נאָכ בולעטער. אינ אלגעמײנ גײט דעריבער די אנטװיקלונג פונ דער לאנדװירטשאפטלעכער טעכניק ניט פאָרויס, נאָר גיכער פארקערט אפ צוריק. דער פויער האָט אפנ דרוק פונ גוטסבאזיצער געענטפערט אפ זײַנ שטײגער, ער האָט זיכ אָנ אימ נויקעמ געװענ מיט אלע מיטלענ. ער פארלירט יעדנ אינטערעס פאר געװיסנהאפטיקער ארבעט. די גוטסבאזיצערישע לאנדװירטשאפטנ, װאָס באזירנ זיכ נאָכ דער רעפאָרמ אפ די פארקנעכטנדיקע באציִונגענ, גײענ אינ זײער אנטװיקלונג בארג־אראָפ. ס׳װאקסנ די כויװעס, די ערד הײבט אָנ איבערגײנ פונ די אדליקע הענט אינ די הענט פונ כאָכרימ אונ פונ רײַכגעװאָרענע פויערימ־קולאקעס אונ מיעשטשאנעס, דער מיטעלער לאנד־אדל װערט — אויב ער גײט ניט איבער אינ ארמײ, באאמטנטומ אָדער אינ שטאָט — געמײנ אונ יאָרדיש.

אָט אָ די סיטואציע אינ אירע דעטאלישע אנטװיקלונגענ מאָלט טאָלסטאָי אינ זײַנ דערמאָנטנ װערק. לעװינ, א טיפישער פאָרשטײער פונ דעמ שיכט, מוז סאָפקאָלסאָפ קומענ צו אזא אויספיר: אָדער ראדיקאל בײַטנ די באציִונגענ צומ פויער, אונ טאקע קעגנ די גוטסבאזיצערישע אינטערעסנ — אָדער, אײַנײַנעמ מיט באשטימטע ניט־באדײַטנדיקע האנאָכעס אונ רעפאָרמעס, זיכ מיט אלע קויכעס באמיִענ צוריק צו דרײענ די ראָד פונ דער געשיכטע אונ אופצוהאלטנ מיט געװאלט, מיט כיטרעקײט אונ מיט „װיסנשאפט“ אויכ די אנטװיקלונג פונ די פראָדוציר־אויפאנימ.

.3

דעמדאָזיקנ נאיִװנ אונ הילפלאָזנ אויסװעג פרוװט פאר זיכ אויסקלײַבנ דער מעיוכעסדיקער אָבער יאָרדיש־געמײנער לאנד־אדליקער גוטסבאזיצער לעװינ. טאָלסטאָי לאָזט לעװינענ זיכ װעגנ דעמ גאנצ אויספירלעכ ארויסזאָגנ. ער לאָזט לעװינענ באטאָנענ, אז דער רוסישער פויער איז דאװקע בעטעװע אנ אויסגעצײכנטער ערד־ארבעטער, אז די פונ אויסלאנד אײַנגעפירטע מאשינעס טויגנ אויכ אויסגעצײכנט — פאר אײראָפע. אינ װאָזשע ליגט די סיבע, פארװאָס זײ זײַנענ פאר רוסלאנד ניט רענטאבל, ניט געבנ פראָדוקציע אונ אפילע דעפיציט? לעװינ צעמאטערט זיכ דעמ קאָפ איבער דערדאָזיקער פראגע, ער קומט אָבער ניט צומ אויספיר, אז שולדיק

דערינען זײַנען די פּראָדוציר־באַציִונגען, דער פעאָדאַלער, איבגנוצערישער אָנייגנונגס־אויבן, נאָר מאַרקערט — די אַנטוויקלטערע פּראָדוציר־קויכעס.

„ער (לעווין) האָט געזען, אַז רוסלאַנד האָט אויסגעצייכנטע ערד, אויסגעצייכנטע (ערד־) אַרבעטער און אַז אין באַשטימטע פאַלן, ווי בײַם מוזשיק (בײַם קולאַק, וועגן וועלכן טאָלסטאָי דערציילט אביסל פריִער — מ. וו.) פּראָדוצירן די אַרבעטער און די ערד אַסאַך, אָבער אין דער מערהײַט פאַלן, ווו מע ווענדעט אָן דעם קאַפּיטאַל אײַראָפּעיִש, באַקומט זיך אַ קנאַפּע פּראָדוקציע; ער האָט געזען, אַז דאָס באַקומט זיך אַזוי נאָר דערפאַר, ווײַל כאָטש די (ערד־) אַרבעטער ווילן מאַכן גוט אַרבעטן, אָבער פאָרט נאָר לויט דעם שטייגער, וואָס איז זיי אייגנטימלעך; און דער פאַקט, וואָס זיי ווירקן אַנטקעגן (צו די נײַע אַרבעטס־מעטאָדן — מ. וו.) איז ניט קיין צופעליקער מאָמענט, נאָר אַ באַשטענדיקער, און די סיבע דערפון ליגט אינעם גײַסט פונעם פאָלק" (מײַן קורסיוו — מ. וו.—ז. 310, 1930, ו בד. „Анна Каренина").
איז וואָס דאַרף מען טאָן?

מע דאַרף מיט אַלע מיטלען זיך אָריִענטירן אויף דעם „שטייגער, וואָס איז זיי אייגנטימלעך". צו דעם צוועק דאַרף מען זיך נעמען גרינטלעך דערלערנען דעם־דאָזיקן, ד. ה. זײַן ספּעציפישן, אָפּגעשטאַנענעם, פּרימיטיוון, אַלטן „עטנאָגראַפישן" אַרבעטס־שטייגער און אים אָפּסנײַ אויסנוצן און אָנווענדן. מיט אַנדערע ווערטער: מע דאַרף צוריקשרויפן די פּראָדוציר־אופאַנים צו די אַלטע אָפּגעלעבטע פּראָדוציר־קויכעס, וואָרעם „Эти приемы совсем не так дурны как это обыкновенно думают",— פאַרזיכערט אונדז (דאָרט) לעווין. „לאָגיש", אָבער זייער נאַיִוו, וויל ער לייזן דעם קאָנפליקט מיט דער הילף פון „עטנאָגראַפיזם", אַראָפּדריקן און אײַנהאַלטן די פּראָדוציר־אופאַנים אויף יענעם ניוואָ, וואָס קען דערלאָזן די פאַר אים און זײַן קלאַס באַקוועמע געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען. און מאַקסימאַלסטנס קומט ער צום אויספיר, אַז די „ציוויליזאַציע" (ד. ה. די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג מיט אַנטוויקלטער טעכניק, אײַזנבאַנען, פאַבריקן, קאַפּיטאַל א. אז. וו.) איז ניט אָרגאַניש פאַר רוסלאַנד, איז אַ פּריצײַטיקע פאַרשלעפּטע אָנשיקעניש און דעריבער שעדלעך (בד. וו ז. 47).

## 4.

מיר דאַרפן ניט אומבאַדינגט און דורכויס אידענטיפיצירן דעם־דאָזיקן געדאַנקען־גאַנג לעווינס מיט די איבערצײַגונגען טאָלסטאָיס. אין דער באַציִונג טאָלסטאָיס צו דידאָזיקע אַרויסזאָגונגען פון זײַן העלד לעווין פילט זיך אַ באַשטימטע סוווערענעדיגע איראָניע. אָבער אין אַ געוויסער מאָס איז דידאָזיקע איראָניע — אַ זעלבסט־איראָניזירונג, וואָס קומט פון אַנטוישונג. אַלס אידעאָלאָגישער פאָרשטייער פון די לעווינס האָט טאָלסטאָי דידאָזיקע מיינונגען אַליין דורכגעפּאָקט און דורכגעמאָלט — און פאָרט זיך פון זיי אין וועזנטלעכע טיילן קיינמאָל ניט פולשטענדיק באַפרײַט. צײַטנווײַז האָבן זיי זיך בײַ אים אַפילו גיכער פאַרשטאַרקט.

זײַן רוסאָיִשע קעגנערשאַפט צו דער „ציוויליזאַציע", צו דער שטאָטישער קולטור, צו דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג זײַנען דאָך פאַר אים אויף שטענדיק געבליבן כאַראַקטעריסטיש. אין דעם צוזאַמענהאַנג דאַרף מען זוכן די וואָרצלען פאַר טאָלסטאָיס



עטנאָגראַפיזם בכלל און פון זײַן פּאָלקלאָריזם בפרט (פּלאַטאָן, קאַראַטאַיעוו, די מײַסעס אין פאָלקסטאָן א. אז. וו.). טאָלסטאָי האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו באַר־טאָגן מיט אידעאַליזירנדיקער ווילגעגרינטקײַט די אורשפּרינגלעכע אייגנטימלעכקײַט און וואָרצלהאַפטיקײַט פונעם אָפּגעשטאַנענעם פּויער, דאָס הייסט, אַז ער האָט אים ניט בלויז „עטנאָגראַפיזירט", נאָר ער האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס באַמיט אים אײַנצוהיטן אין דעם־דאָזיקן „עטנאָגראַפישן" צושטאַנד — כאָטש ער האָט פון דער אַנדערער זײַט אויף אַ העכסט סטירעדיקן אופן דידאָזיקע עטנאָגראַפישע אָפּגעשטאַנענקײַט פונעם פּויער קריטיקירט און באַקעמפט. ווי שטענדיק, איז אויך דאָ טאָלסטאָיס קריטיק פונקט אַזוי ווערטפול, ווי רעאַקציאָנער עס זײַנען זײַנע פּאָזיטיווע פאָרשלאָגן. טאָלסטאָי דריקט אין דעם ווערק אויס די שטרעבונגען פונעם פּויערטום אין אַ באַשטימטן פּעריאָד, אָבער אין דער אייגענער צײַט באַגעגנט ער זיך סטירעדיק, אַלס פאָרשטייער פון לעווינ־שיכט אינעם אַדל, אויך מיט דער קולאַקישער קעגנערשאַפט צו דער „ציוויליזאַציע". טאָלסטאָיס „סאָציאַליזם" איז דאָך אַ פעאָדאַלער סאָציאַליזם.

פון דערדאָזיקער סטירע נעמט זיך, פאַרוואָס סײַ די לעווינס, סײַ טאָלסטאָי גופא האָבן ניט געקאָנט באַנעמען דעם פּויערס אומגלויבן אין זייערע גוטע קאַוואָנעס, אין זייערע פּראָיעקטן וועגן פּראָדוציר־אַרטעלן א. אז. וו. און האָבן געזוכט די סיבעס פון דערדאָזיקער רעטענישפולער אַקשאָנעס אין — דער עטנאָגראַפיע; בעת דער פּויער האָט פּשוט אין די אַלע פּרוּוון געזען און געטוויזט זען כיטרע אָפּנאַרערישע שטיק פונעם פּריצישן קלאַס. „דער קאַפּיטאַל דריקט דעם אַרבעטער", דריקט דעם פּויער (זאָגט לעווין), ד. ה. דער קאַפּיטאַליסטישער אָנייגנונגס־אופן; פון דעם מאַכט אויך טאָלסטאָי דעם אויספיר, וואָס טויג פאַרן „לעווינ־"קלאַס: אַוועק מיט דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוציר־אופן, אַוועק מיט דער „ציוויליזאַציע", בעת אינגאַנצן איז דעם פּויער און אַרבעטער געגאַנגען אין גאָר עפּעס אַנדערש — אין דעם האַלב־פעאָדאַלן אָדער קאַפּיטאַליסטישן אָנייגנונגס־אופן. ס'איז אים געגאַנגען אין דעם, וואָס ער דאַרף יאָ באַקומען אָדער ניט פון דידאָזיקע פּראָדוציר־אופאַנים, און ניט אין זיי גופא.

„די לערע טאָלסטאָיס איז אומבאַדינגט אוטאָפּיש און לויט איר אינהאַלט רעאַקציאָנער, אין סאַמע פּינקטלעכסטן, סאַמע טיפסטן באַטײַט פון דעם וואָרט. פונדאַנעט איז אָבער ניט געדרונגען, אַז זײַן לערע איז ניט סאָציאַליסטיש, און ניט, אַז דידאָזיקע לערע האָט ניט אין זיך קריטישע עלעמענטן, וואָס זײַנען פעיִק צושטעלן ווערטפולן מאַטעריאַל פאַר דער אויפקלערונג פון די פאָרשריטלעכע קלאַסן" (לענין). טאָלסטאָיס סאָציאַליזם איז אַ פעאָדאַלער, אַן אוטאָפּישער. און ווי פאַר אַלע אוטאָפּיסטן שטייט אויך פאַר אים ווי אַ הויפּט־אויפגאַבע די נייטיקײַט צו אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע — און פאַר אים הייסט דאָס אַזוי אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע, אַז דאָס זאָל אַנטקעגנווירקן דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, וואָס שרעקט אים ביז גאָר.

מיר זעען, אַז אין דעם פאַל איז דער עטנאָגראַפיזם (און פּאָלקלאָריזם) סאָפּקאָל־סאָפּ אַ רעזולטאַט פונעם קריזיס, אין וועלכן עס געפינט זיך אַן אָפּגייענדיקער יאָדישער אַדליקער שיכט פון מיטעלע גוטסבאַזיצער אונטערן דרוק פון דער שטאַרקנדיקער בירגערלעכער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. ניט געקוקט אויף באַשטימטע

סטירעדיק פאַראַנגענע עלעמענטן, וואָס דריקן אויס די שטימונגען פונעם רוסישן פויער, דאַרף אָבער אינעם סאַכאַקל דערדאָזיקער פּראָדוציר־עטנאָגראַפיזם פון די לעווינס און אויך פון טאָלסטאָי גופא אָפּגעשאַצט ווערן — לעהייפּעך צו יענע מאָמענטן, ווי טאָלסטאָי איז אַ „הייסער פּראָטעסטאַנט" — אַלס אַן אויסדרוק פון רעגרעסיווע שטימונגען און בענקענישן פון אַ יאָרדישן שיכט אינעם אדל אין זיין צוזאַמענשטויס מיט דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם. אין דעם פּראַט איז טאָלסטאָי „נאָר אַ פּאַטריאַרכאַלער נאַיווער פּויער" (לעניג). אויך דאָ, ווי בא דער קליינבירגערלעכער עטנאָגראַפישער פּראָדוציר־ראָמאַנטיק, שפּיגלט זיך אָפּ די בענקשאַפט נאָך פּרייעריקע צייטן און זייערע פאַרהעלטענישן. אָבער דאָ, שוין ניט מער פונעם קליינבירגער, ווי מיר האָבן דאָס אויבן געזען, נאָר פונעם יאָרדישן אדל צו זיינע מעיוכעסדיקע צייטן.

.5

פון דעם קאָן מען שוין זען ס'אַרא גרויסער כילעק עס איז צווישן דעם יעריִדיש ־ דעקאַדענטישן פּעסימיזם פון טאָלסטאָיס עטנאָגראַפיזם און כאָלקלאָריזם און דער נאַיוו־ראָמאַנטישער דעמאָקראַטיש־אָפּטימיסטישער שטימונג, וואָס כאַראַקטעריזירט די זעלבע עלעמענטן בא אַ הערדער אָדער אפילע בא געטען. ס'איז אָבער אויך אַ וועזנטלעכער כילעק צווישן דעם פּעסימיזם, וואָס דריקט זיך אויס אין טאָלסטאָיס צוגאַנג צו דעם איניען, און צווישן די „וועלט־שמערצ"־שטימונגען פון פּושקין, לערמאָנטאָוו, ...

מאָשל, אַפּ וויפל זיי געפינען אַן אויסדרוק אין זיין עטנאָגראַפיזם און פאָלקלאָריזם. וואָרעם עפּעס אַנדערש איז דער פּערספּעקטיוולאָזער פּאַסיוויסטישער פּעסימיזם, וואָס שטאַמט פון אַן ענדגילטיק פאַרמישפּעטן און דערליידיקטן קלאַס, ווען די פאַרמישפּעטקייט איז שוין אַ קאָנקרעטער פאַקט, און ווידער עפּעס אַנדערש דער „וועלט־שמערצ" פון יעכידים, וואָס פילן ערשט בלויז פאָרויס די פאַרמישפּעטקייט פון זייער קלאַס. אין דעמדאָזיקן פאָרויספילן, אין דער פעיִקייט דערצו, איז שוין פאַראַן אַ פאַרהאַנאָכע פאַר באַשטימטע פּראָגרעסיווע נעטיִעס. אין באַשטימטע פּעריאָדן הייסט קאָנען פאָרויספילן דעם קומענדיקן אָפּגאַנג פונעם אייגענעם קלאַס (און ניט בלויז גרופּע אָדער שיכט) — זיין אין אַ געוויסער מאָס און אַפּ אַ סטירעדיקן אויפן אויך פאָרשריטלעך. דעמאָלט פאַרמאָגט דער וילן זיך אָנצושפּאַרן אַפּן אַנדערן קומענדיקן קלאַס אין אַ געוויסער מאָס — ניט געקוקט אַפּ דעם סאָפּקאָלסאָפּעדיקן רעאַקציאָנערן באַטייט פון דעמדאָזיקן ווילן — אויך עלעמענטן פון פאָרשריטלעכקייט. דעמאָלט שטעקט נאָך אין דעם פאַרם חילכ אַ פונק פון העראָישער זעלבסטפאַרלייקענונג צום אייגענעם קלאַס. קלוגע פאָרויסזעעוודיקייט און גיכע אַנטשלאָסנקייט בפנעגייע די אויספירן, וואָס מויגן פאַרג אייגענעם קלאַס — אָבער פאַרט אויך אַ פונק פון אַ זעלבסטפאַרלייקענענדיקער נאָכגעביקייט צום איצטיקן באַהערשטן, אונטערטעניקן, וואָס ווערט ערשט אַסאַך שפּעטער ווערן אַ זיגער. אַ פונק העראָיִק, ווייל דיזיקאַליש, און די גרייטקייט צו דער ריזיקע שטאַמט דאָך דעמאָלט פונעם גלויבן אינעם פּראָגרעס. זאָל זיין פונעם פּראָגרעס, מיט וועלכן מע איז זייער ווייניק מאַסקים, אָבער פאָרט אין וועלכן מע



גלויבט. אַן אַזאַ גלויבן אינעם פּראָגרעס וואָלט יענער „וועלט־שמערצ" אַלס אַזעלכער דאָך צו יענער צייט נאָך ניט מעגלעך געווען.

אָן דעמדאָזיקן גלויבן וואָלט זיך דער „וועלט־שמערצ" ניט אַנטוויקלט, וואָרעם ער איז דאָך אַ רעזולטאַט פונעם קאָנפליקט צווישן דעם קלאַסן־אינטערעס און צווישן דעם, וואָס מע האַלט, אַז סע מוז און סע דאַרף קומען. אָט־אָ דאָס ניט קענען און ניט וועלן אַקטיוו פּראָטעסטירן קעגן דעם, וואָס סע מוז און וואָס סע דאַרף קומען און וואָס מע ווינטשט (סטירעדיק), אַז סע זאָל קומען — אָט־אָ דאָס רופט דאָך אַרויס יענעם „וועלט־שמערצ". אין אַזאַ וועלט־שמערצ פילט זיך אַפּ אַ באַשטימטן אויפן דאָס סטירעדיקע האָפן אַפּ דער צוקונפט, וואָס וועט דעם אייגענעם קלאַס פאַרניכטן, אָבער אויך די טרויער אַפּן כורבן פונעם אייגענעם קלאַס. און ווייל אַזאַ „וועלט־שמערצ" איז ניט בלויז אַ טרויער, נאָר אויך אַ האָפענונג, דריקט ער זיך אויס אין הײַכסט סטירעדיקע אידעאָלאָגיעס און אויך טאַטן. (פאַרגל. בא בייראָן — פּעאָדאַליזם און בירגערטום; — די וועלט־שמערצלערישע איראָניע בא היינען — בירגערטום און פּראָלעטאַריאַט א. אז. וו.).

דער הערשנדיקער קלאַס איז נאָך דעמאָלט אַ געניג פעסטער באַלעבאָס, און טאַקע שוין דעמאָלט דערפילן ביז אין דער סיפּ זיין אָפּגייענדיקע צוקונפט און שוין דעמאָלט ווענדן דעם בליק (זאָל זיין סאָפּקאָלסאָפּ לעטויוועס דעם אייגענעם קלאַס) ניט לויט אַ צוריקשלעפּנדיקער, רעגרעסיווער אָריִענטאַציע, נאָר לויט די באַגוסטענע היסטאָרישע טענדענצן — באַטייט אין באַשטימטע צייטן און אין אַ באַשטימטער מאָס אַ פאָרשריטלעכע טאַט. אַזאַ „וועלט־שמערצ" איז לויט זיין גאַנצער טעווע אַן אַקטיוויסטישער, עמעס, ניט קיין אויסגעהאַלטענער אין דער אידעאָלאָגיע און אין זיינע האַנדלונגען, אַ וואַקלדיקער, אַ צעטומלטער, אָבער פאַרט אַן אַקטיוויסטישער.

און אַזעלכער איז אויך דער „וועלט־שמערצ" פון פּושקין, וואָס קומט צום אויסדרוק אויך אין די אידעאָלאָגישע פאַרהאַנאָכעס פאַר זיין עטנאָגראַפיזם און פאָלקלאָריזם. דידאָזיקע עלעמענטן אין זיין שאַפן דאַרפן נאָך אַנדערש אָפּגעשאַצט ווערן, ווי דיזעלבע עלעמענטן בא טאָלסטאָיען, וואָס וואָרצלען אין אַ פּאַסיוויסטישן פּעסימיזם און וואָס שטאַמען פון אַ צייט, ווען דער אדליקער איז שוין פאָרט ניט מער געווען אין דער מאָס באַלעבאָס איבערן „באַפרייטן" פּויער, ווי אַמאָל איבערן לייבייגענעם, און ווען די קומענדיקע אַנטוויקלונג איז שוין אַסאַך בוילעטער און אַלס נים אויסצומיידן זיכטבאַר געוואָרן פאַר יעדן אויג.

די טרויער איבער דעם פאַקט איז שוין גופא אַסאַך מער רעאַקציאָנער, און ווער שוועסט נאָך גאָר, אַז צו דעם קומט נאָך צו אַן איינגעשפּאַרטע באַשטרעבונג צו־צהאַסן דעם אויסוועג ניט לויט די פאָדערונגען פון דער נייטיקער און אומפאַרמיידלעכער, נאָענטער און ווייטערער צוקונפט, נאָר פאַרקערט, אומבאַהאָלפן צו פאַרהאַלטן אָדער גאָר אומצוקערן אַפּ צוריק די אַנטוויקלונג! — און דאָס קומט דאָך צום אויסדרוק אינעם פּעסימיסטיש באַפאַרבטן עטנאָגראַפיזם טאָלסטאָיס. די הילפלאָזקייט און דאָס געפיל וועגן דער רעזולטאַטלאָזיקייט פון אַזאַ באַמיונג, זיי זיינען דאָך די סיבעס פון דעם פּעסימיזם. דאָ — איך רייד ניט פון אַנדערע עלעמענטן אין טאָלסטאָיס אידעאָלאָגיע און שטימונגען, וואָס אַנטשפּרעכן מער פאָרשריטלעכע

באַשטרעבונגענ פונ פויערטום — אינ דעמ עטנאָגראַפיזמ אינ אינ זײַנ פּעסימיסטישער פאַרהאַנאַכע וועלנ מיר שוינ שווער געפינענ א שפּור פונ פאָרשריטלעכקייט. גיכער פאַר אלצ אָבער די רעאַקציאָנערישקייט פונ אנ אָפּגייענדיקנ קלאַס [1].

## IV. פאָרשריטלעכער אונ רעאַקציאָנערער פאָלקלאָריזמ

1.

פּושקינ, וואָס האָט אגעוו געלעבט. אונ געשאַפנ טיילווײַז אינ דערזעלבער צײַט ווי הײַנע, האָט באַוויזנ א דײַטלעכע נעטיִע צו פאָלקלאָר ביכלאל אונ צו דער שפּראַכ פונ פאָלקלאָר ביפראַט. ער האָט ביידע אינ זײַנ שאַפונג רײַכ אויסגענוצט. עס איז אָבער אינטערעסאַנט פעסטצושטעלנ, אז פילנדיק א טאַמ אינ די דיכטערישע אונ שפּראַכלעכע אויסדרוק־פאָרמעס פונ פּויער, באַווײַזט ער אָבער אינ דער אייגענער שפּראַכלעכע אויסדרוק־צײַט א דײַטלעכ אונטערגעשטראָכענע אנטיפּאַטיע קעגנ די שפּראַכלעכע אויסדרוק־פאָרמעס פונעמ פּאַרוועניוישנ בירגער, וואָס וויל זיכ אריסטאָקראַטיזירנ, אונ אינ טאָכ אויכ קעגנ די אויסדרוק־פאָרמעס פונ „מיעשטשאַנישנ", פונ „פּראָווינציעלנ" קליינ־בירגער. ער דעמאַסקירט די פּאַרוועניוישקייט פונעמ אריסטאָקראַטיזירנדיקנ „ראַזנאָ־טשינישנ" אינטעליגענט, וואָס וואַרפט דאַפקע פּושקינען אויס מוזשיקישע אונ בורלאַקישע אויסדרוקנ, — דערבײַ אָבער אנטפּלעקט פּושקינ אויכ די סאָציאַלע וואָרצלענ פונ זײַנ אייגענעמ פאָלקלאָריזמ [2].

וועגנ זײַנע קריטיקער, וואָס וואַרפנ אימ אויס פונ איינ זײַט אריסטאָקראַטיזמ אונ פונ דער אנדערער זײַט מוזשיקישנ שפּראַכ־פאָלקלאָר, כויזעקט פּושקינ שאַרפ אָפּ אונ דעקט אויפ די טמירעדיקייט פונ זייערע אָנגריפנ. מע דאַרפ פעסטשטעלנ, אז די סטירע איז טאַקע פאַראַנ געווענ בײַ פּושקינען, אונ אז זיי האָבנ ריכטיק אָפּ איר אָנגעוויזנ, ניט געקוקט אפ די דעמאָקראַטישע רייד, מיט וועלכע פּושקינ פאַר־טיידיקט זיכ. זיי האָבנ בלויז דידאָזיקע סטירע פּושקינס שלעכט אויסגעטײַטשט, אז זי, פּושקינס סטירע, שטייט יעדנפאַלס העכער אונ איז ווײַט פּראָגרעסיווער, איידער זײַנע קריטיקערס סטירע, וועלכע פּושקינ דעמאַסקירט. „שוינ־זשע זײַנענ ניט זי דאָס דידאָזיקע, וואָס מ׳עסנ זיכ מיטנ פּראָסטנ שטייגער רײדנ (простословием), האַלט־דיק דאָס פאַר א פּראָסטנ אויפנ פונ טראַכטנ (простомыслием)... ווער־זשע, אוב ניט זיי, שרײַבט שטענדיק זיסינקע ארטיקעלעכ, ווו זיי באַמיִענ זיכ נאָכצומאַכנ דעמ גרויס־וועלטישנ שטייגער פּונקט אזוי אײַנגענעבנ ווי קאַמער־דינערינס אונ קאַמער־דינעס די געשפּרעכנ פונ זייערע הערשאַפטנ..." „פונ וואַנענ שטאַמט דידאָזיקע מיעשטשאַניסע

[1] פאָלסטאָיס עטנאָגראַפיזמ איז דערבײַ אָבער פאָרט ניט דאָס אייגענע, ווי, לעמאַשע, ליעסקאָווס צ׳ער ראָסטאָיעווסקיס עטנאָגראַפיזמ. בא טאָלסטאָיען שטאַמט דער עטנאָגראַפיזמ — פּונקט ווי די פאָרהאַנבעט זײַנע — פונ ענגלעכע מאַטענטנ ווי בא די פאָלקיסטנ. ליעסקאָווס אונ נאָכ מער דאָסטאָיעווסקיס עטנאָגראַפיזמ פאַרגלײַכ, לעמאַשע, אינ „Подросток" די מײַסע, וואָס דער פויער־גייער מאַקאַר איוואַנאָוויטש דערצײלט) האָט א סלאַוויאַנאָפילישנ, קירכלעכ־פאַרפּינצטערטנ אונ שוואַרצמייעריקנ כאַראַקטער.

[2] זע: Соч. А. С. Пушкина, Ред. П. А. Ефремова, 1903, בד. V, Критическая и полемическая заметки, т. 492, Замечания о своих поэмах, т. 505, 506, 509, Грамматическая замечания, т. 520.

attacks Leskov



אונ עקלהאַפטיקע פּרעציעזקייט, דידאָזיקע צוועסדיקע צנועסדיקייט פונ א דאָרפישער דיאַטשיכע, וואָס קומט צו גאַסט צו א פּעטערבורגער פּריצטע, פונ א заседательница, וואָס קומט צו גאַסט צו אנ אָנגעפּאָרענער שטאָטישער דאַמע?

עפּעטער נעמט זיכ דאָס פונ דעמ, וואָס אונדזערע ליטעראַטנ ווילנ ווײַזנ, אז זיי געהערנ צו דער העכערער געזעלשאַפט (high life), אז זיי זײַנענ באַקאַנט מיט אירע געזעצנ; האַלט ניט בעסער געווענ פאַר זיי (פאַר די ראַזנאָטשינישע אינטעליגענטנ — מ. וו). זיכ צו באַמיִענ, אז זיי זאָלנ געהערנ לויט זייער טאָנ אונ אויפירונג צו דער גוטער געזעלשאַפט (bonne société)?..

אָבער צי איז דאָס ניט לעכערלעכ, וואָס גראָד זיי נעמענ זיכ ארויסזאָגנ וועגנ דעמ, וואָס ס׳איז יאָ אָדער ניט אָנגענומענ אינ דער אריסטאָקראַטישער וועלט... צי איז דאָס ניט קאָמיש זיי צו זעענ אלס אפּעטראָפּסימ פונ דער העכערער געזעלשאַפט, ווו זיי האָבנ קיינ צײַט ניט אונ ווו ס׳איז פאַר זיי ביכלאל איבעריק ארײַנצוקומענ?"

„... פינואַנענ זאָלנ זיי וויסנ, אז די געקינצלטע פּרעציעזקייט אונ אָנגעדראָדלטקייט זײַנענ אומדערטרעגלעכ אונ באַווײַזנ נאָכמער די אָפּשטאַמונג פונ קליינוועלטישער געזעלשאַפט איידער די פּראָסטע פאָלקסטימלעכקייט (vulgarité), אונ אז גראָד די פּראָסטע פאָלקסטימלעכקייט אנטפּלעקט די צוגעהעריקייט צו גרויסוועלטישקייט? פונ וואַנענ זאָלנ זיי וויסנ, אז די אופריכטיקע אָריגינעלע אויסדרוקנ פונ א פּראָסטנ המוינ־מענטש קומענ פאָר אויכ אינ דער העכערער געזעלשאַפט; זיי באַליידיקנ ניט דאָס געהער, בעתּ די צוואַקיש־צנועסדיקע דריידלעכ פונ דער פּראָווינציעלער העפלעכקייט רופנ בלויז ארויס אנ אלגעמיינעמ ניטווילנדיקנ שמייכל? גוטע געזעלשאַפט קאָנ פאַראַנ זײַנ ניט בלויז אינ איינ קרײַז, נאָר אומעטומ, ווו ס׳זײַנענ דאָ ערלעכע מענטשנ, קלוגע אונ געבילדעטע".

2.

דאָ גיט פּושקינ דעמ פּאַרוועניוישנ טייל פונ דער בירגערלעכ־ראַזנאָטשינישער אינטעליגענצ אינ זײַנ צײַט א שאַרפע לעקציע וועגנ קלאַסאָווער ווערדע, אונ דער־קלערט זיי וואָס עס דאַרפ פאַר זיי באַטײַטנ „גוטע געזעלשאַפט". פונעמ כילעק, וואָס פּושקינ מאַכט צווישנ high life, צווישנ דער „הויכער געזעלשאַפט" אונ צווישנ דער bonne société, דער „גוטער געזעלשאַפט", וואָס קאָנ זיכ, לעהייפּעכ צו יענער, געפינענ אינ יעדנ, ד. ה. אויכ בירגערלעכנ קרײַז, אויב ס׳זײַנענ דאָרט פאַראַנ „ערלעכע מענטשנ, קלוגע אונ געבילדעטע", מאַכט לויט זײַנ גאַנצנ טאָנ אונ קאָנ־טעקסט קלאָר, אז פּושקינ גופע שאַצט, לעפּאָכעס אינ דערדאָזיקער ארויסזאָגונג, אפּ א „דעמאָקראַטישנ" אויפנ די „גוטע" געזעלשאַפט העכער ווי די „הויכע".

פּושקינ פילט אלזאָ גרויסע סימפּאַטיעס צו דער „אופריכטיקער אונ אָריגינעלער" (ד. ה. ניט סתּמ „נאַרישער", נאָר נאַיִווער אונ אומיטלבאַרער — מ. וו.) שפּראַכ פונעמ פּראָסטנ המוינ־מענטש (простолюдина). דאָס הייסט דאָ דעריקער פונעמ סאָציאַל דערווײַל נאָכ ניט זייער געפערלעכנ לײַבייגענעמ פויער. צו יענער שפּראַכ, וואָס מע קאָנ זי געפינענ איבערגעכאַזערט אפילע באַמ עמעסדיק אריסטאָקראַטישנ מעאָדאַלנ

פּאַמיעשטשיק. און טאַקע אויך דערפֿאַר, ווײַל זי איז אַכוץ אַלעמען אַ שטאַרק קאָנסערוואַטיווע שפּראַך. זי באַליידיקט ניט זײַן אויער, ער פֿילט אין איר גרויס־וועלטישן געשמאַק און אַ באַזונדערן כּיין — זי קען אין דער אויסנוצונג אַנטפּלעקן דאַפּקע צוגעהעריקייט צו גרויסוועלטישקייט. ער שאַצט זייער הויך סײַ דעם נײַעם סײַ דעם אַלטן פֿאָלקלאָר און ברענגט פֿון אים אײדעס פֿאַר דער ריכטיקייט פֿון זײַנע שפּראַכלעכע אָפּנויגן און אויפֿטועןן[1]. „פֿאַרן פֿולקומען קענען די אייגנשאַפֿטן פֿון דער רוסישער שפּראַך איז אומבאַדינגט נייטיק צו שטודירן אַלטע לידער, מעשׂיות א. אז. וו.; ניט געטעכט איז אונדזער קריטיק, וואָס זי פֿאַראַכטעט זיי". „די רעד־שפּראַך פֿונעם פּראָסטן פֿאָלק (וואָס לייענט ניט קיין אויסלענדישע ביכער און וואָס, גאָט צו דאַנקען, קאַליטשעט ניט, ווי מיר, זײַנע געדאַנקען אין פֿראַנצויזישער שפּראַך) איז ווערט, מע זאָל וועגן איר מאַכן די גרינטלעכסטע אויספֿאָרשונגען. אַלפֿיערי האָט שטודירט די איטאַליענישע שפּראַך אויפֿן פֿלאָרענטינישן מאַרק. ס'וואָלט אונדז ניט געשאַט זיך אַמאָל צוצוהערן צו די מאָסקווער פּראָסווירניעס, זיי ריידן מיט אַ וווּנדערלעך ריינער און ריכטיקער שפּראַך[2]).

מיילע אַלפֿיערי — ער האָט געהאַט צו טון מיט אַן אַלטער, שוין לאַנג פֿיקסירטער שטאָט־בירגערלעכער שפּראַך־קולטור, אַפֿילו אויפֿן פֿלאָרענטינישן מאַרק, — אָבער פּושקינען גייט דעריקער אין ערשטער ריי וועגן דעם פּױעריש ן (ניט שטאָטישן) אָדער צום פּויערישן נאָענטן פֿאָלקלאָר (און פֿאָלקלאָרישער שפּראַך), וועלכע ער נוצט אין אַ ברייטער מאָס אויס אין זײַנע שאַפֿן („Руслан и Людмила", „Капитанская дочка", „Борис Годунов", אין פֿאַרשיידענע אַנדערע פּאָעמעס, לידער א. אז. וו.).

אין דערזעלבער צײַט אָבער רופֿט בײַ אים אַרויס די „פּראָווינציעלע העפֿלעכקייט", די „צווײַעסדיקע צנועסדיקע דרייזלעך", די „געקינצלטע כיינדלעך" פֿון דער מיעשטשאַנישער און בירגערלעכער־פּראָווינציעלער שפּראַך ניט בלויז אַ „שמייכל", נאָר אַן „אומדערטרעגלעכן ווידערווילן". און ס'איז קלאָר פֿאַרוואָס. דער בירגער איז אַקטועל געפֿערלעכער. דאָ איז גרינגער געווען צו מאַכן האַנאָכעס; דאָ האָט זיך בעסער געלוינט אַרויסצוגעפֿינען פֿאַרשטיינערטע רעשטלעך פֿון דער עלטערער פֿעאָדאַלער קולטור און זיי ליטעראַריש־קינסטלעריש צו פֿאַרשטיפֿן, אַרויסצוגעפֿינען שוטפֿעסדיקייט צווישן דעם פּויער און דעם הויכגעבוירענעם גוטסבאַזיצערישן אַדל.

ס'האָט זיך נאָך דאָ געלוינט מיט דער הילף פֿון דעם פּויערס „פֿרישע אײַנפֿאַלן", פֿון זײַנע „מאָדנע פּראָסטע רייד" אָפּצופֿרישן „דעם מידן גײַסט, וועלכן ס'זײַנען נימעס געוואָרן די איינטאָניקע שאַבלאָנען פֿון דער קונסט, וואָס ווערן באַגרענעצט דורכן קרײַז פֿון דער קאָנווענציאָנעלער אָפּגעקליבענער שפּראַך".

גראָד דעמאָלט ווערט נייטיק אַ באַזונדערע אַכט צו לייגן אויפֿן אויסבוי פֿון אַ נײַער „נאַציאָנאַלער" קולטור און ליטעראַטור צוליב בעסערער באַהערשונג פֿון די שפּאַרנדיקע בירגערלעכע באַוועגונגען, וואָס האָבן ניט געקאָנט ווי געהעריק באַווירקט און רעגולירט ווערן דורך דער ביז דעמאָלט הערשנדיקער פֿראַנצויזישער קולטור

1) בר. V ז. 509.

2) דאָרט ז. 520.



און ליטעראַטור[1]). פֿאַרן אַדליקן שיכט, וועלכן פּושקין רעפּרעזענטירט, האָט זיך דעמאָלט באַזונדערס געלוינט — און דאָס האָט פּושקין בעסער פֿאַרשטאַנען ווי זײַנע ראַזנאָטשיניש־בורזשואַזע קריטיקער — „אָפּצופֿרישן" די קולטורעלע קוילעס פֿונעם אויסגעשעפּטן קלאַס גראָד דעריקער דורך באַשטימטע עלעמענטן פֿון פּױערישע קולטור־דערשײַנונגען, דורך פּױערישן פֿאָלקלאָר.

.3

דער עלטערער אײראָפּעיִשער עטנאָגראַפֿיזם און פֿאָלקלאָריזם, לעמאָשל, דער דײַטשישער (זײַט דעם לעצטן פֿערטל פֿון 19־טן יאָרהונדערט) באַטראַכט דעריבער קלאַל דעם פּ ו י ע ר אַלס דעם אייגנטלעכן טרעגער פֿון עטנאָגראַפֿיזם און פֿאָלקלאָר, כאָטש ס'ווערט געהייגטלעך אַרײַנגענומען אין די עטנאָגראַפֿישע סכומען א ו י ך דער שטאָטישער קליינבירגער, באַלמעלאָכע, הענדלער, סאָלדאַט, דינער א. אז. וו. הערדער, מעזער, אַרנדט, גערדעס, די ברידער גרים א. אַז. וו. בויען זייערע אויפֿטוען אויף דער גרונט־האַנאָכע, אַז דער אייגנטלעכער אָפּהיטער פֿונעם „פֿאָלקסגײַסט" איז דער פּויער. דאָס אַנטשפּרעכט צו דער עקאָנאָמישער סטרוקטור און צו די סאָציאַלע פֿאַרהעלטענישן פֿון יענער צײַט אין דײַטשלאַנד.

אָבער די רוסאָיִשע קעגנערשאַפֿט צו דער קולטור, וואָס ליגט אין דעמאָקראַטיסטיציזם, ווערט פֿון די דערמאָנטע פֿאַרשיידענע קלאַסן־פֿאַרשטייער אַף אַ פֿאַרשיידענעם אויפֿן צוליב פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטלעכע קאַוואָנעס וואַריִרט. אַמאָל איז דאָס, ווי בײַ רוסאָ, אַ פּראָטעסט־אויסדרוק פֿון בירגערטום קעגן דער פֿאַרדאָרבנקייט פֿון אַדל, און אַמאָל, פֿאַרקערט, אַן אָנגריף פֿון דער דראַמאַטיש באַפֿוצטער פֿעאָדאַלער רעאַקציע קעגן דעם בירגערטום. אין ביידע פֿאַלן דאַרף דאָס פּויערטום דינען ווי אַ מאָנענדיק אידעאַל. אין ביידע פֿאַלן ווערט דאָס פּויערטום „גערופֿן צו הילף", אַמאָל קעגן בירגערטום, אַמאָל קעגן די פֿעאָדאַלן — אין ביידע פֿאַלן איז מען אייגנטלעך און סאַפּקאָלסאָף ניט אויסן דעם פּויער. עס פֿאַרשטייט זיך אָבער, אַז דער ערשטער פֿאַל איז פֿאָרט פּראָגרעסיווער אײדער דער צווייטער, וואָס איז בעפּיירעש טיף רעאַקציאָנער. וואָרעם דער ערשטער דינט אַ פֿאָרשריטלעכער באַוועגונג און, באַטאָנענדיק דורך פּויערים־ליבע פֿאָלקיסטישע שטימונגען, ווערט מעמיילע דורך דעם אויך דער

1) די „פּאַטריאָטישע" אַנטיפֿראַנצויזישע כוואַליע בעשאַס און נאָך דער נאַפּאָלעאָנישער מילכאָמע שפּילט, פֿאַרשטייט זיך, אין דעם פּראָצעס בלויז אַ נעבנזאַכלעכע ראָל. אײנײנעם מיט דער נאַפּאָלעאָנישער סאַקאָנע האָט זיך אויך באַרויִקט די פּאַטריאָטישע אַנטיפֿראַנצויזישע כוואַליע און געבליבן איז די אינערלעכע רעוואָליוציאָנערע סאַקאָנע. און דאָס זײַנען ד ע מ אָ ל ט אויסן די פֿאָדערונגען מיקויעך אַ נאַציאָנאַלער קולטור מיצאַד די פֿאָרשטייער פֿונעם אַדל. רידאָיקע פֿאָדערונגען באַגעגענען זיך מיט דערזעלבער אָבער אַנדערש באַזירטער פֿאָדערונג פֿונעם אויפֿקומענדיקן בירגערטום. אָבער אינעם סאָך פֿון אַזעלכע אַרויסטרעטונגען הי פּושקינס (בר. V ז. 338 „וועגן די סיבעס, וואָס פֿאַרפּאַמעלעכן דעם גאַנג פֿון אונדזער ליטעראַטור"), אַז „די אויפֿקלערונג פֿונעם יאָרהונדערט פֿאָדערט וויכטיקע געגנשטאַנדן אַלס דערנערונג פֿאַר די אינטעלעקטן, וואָס קענען זיך שוין ניט באַנוגענען מיט גלענצנדיקע שפּילעכלעך, וד. ה. סיקלעקט ניט, אַז אַס רוסיש זאָל מען בלויז קולטיווירן פּאָעזיע — מ. וו.) בעיס ס'זײַנען נאָך ניט דעריקלערט געוואָרן אַף רוסיש פּאָליטיק און פֿילאָסאָפֿיע" — שטייען נים כּכאָם „נאַציאָנאַלע", נאָר הרכּויס קלאַסאָווע אינטערעסן.

פויער אופגעהויבן, זײַנע באוווּסטזײַן ווערט געוועקט, ס׳ווערט אים געוויזן דער וועג צו בירגערלעכער אנטוויקלונג, בעת איינעם צווייטן פאל עפנט מען א וועג, וואָס וויײַזט אינעם פויערטום אָפּ צוריק.

ווי סע זאָל ניט זײַן: אין עלטערן דײַטשן סענטימענטאַליזם ווערט דער פויער אנטקעגנגעשטעלט צום בירגערטום און צו זײַן אנטוויקלונג נאָר מיצאד די רעאַקציאָנערן. לעמאָשל, אַנטשפּרעכנט עס דער פּאָליטישער איבערצײַגונג פון א יוסטוס מעזער, וואָס זעט גאָר אײַנע איינציקע ווײַזע דײַטשלאנד זאָל זיך ראַטעווען: דורך א געשלאָסענער פעאָדאַל-פויערישער מעלוכע („פּאַטריאָטישע פאַנטאַזיעס" 1774)— אויב ער שטעלט אנטקעגן אויך אין זײַן פאָלקלאָריזם דעם פויער צום שטאָטישן בירגער.

אויב פּושקין שטעלט אנטקעגן דעם פויערישן פאָלקלאָריזם צו א באַשטימטן מין נײַ-בירגערלעכן אריסטאָקראַטיזירנדיקן שטייגער, צו וועלכן ער פילט א בעפּייִרעשע אנטיפּאַטיע. דאָס דאַרף אָבער אנדערש אָפּגעשאַצט ווערן ווי די אנטקעגנשטעלונג בײַ יענע דײַטשע פעאָדאַל־ראָמאַנטישע רעאַקציאָנערע פאָלקלאָר־אָנהענגער, וואָס האָבן שוין געהאַט צו טון מיט אזאַ א מער אנטוויקלטן בירגערטום. עמעס, ער „רופט צו הילף" דאָס „פויערטום" קעגן א באַשטימטן מין בירגער, אָבער קעגן וואָסער מין? דעריקער דאָך קעגן יענעם מין בירגער, וואָס איז אן אונטערלעקער בײַ דער הויכער פעאָדאַלער געזעלשאַפט. און פאַרשטייט זיך: אין א באַשטימטער מאָס אויך קעגן אופקומענדיקן בירגערטום ביכלאַל, אָבער נאָר אין א באַשטימטער מאָס. ניט געקוקט אָף דראָענדיקע בײַשפּילן פון מײַרעוו, וואָס שטערן דעם פעאָדאַלס רו, איז דאָס אופקומענדיקע רוסישע בירגערטום צו יענער צײַט נאָך געווען גענוג שוואַך. מיט זײַנע „ראַזנאָטשינישע", „אָנשטענדיקע קלוגע און געבילדעטע" עלעמענטן האָט זיך בײַ באַשטימטע אומשטאַנדן דער יאָרדישער טייל אַפילע פון דער מיוכעסדיקער אריסטאָקראַטיע, וואָס ווערט בורזשואזירט (פּושקין: „Куда же мне быть аристок-ратом"; „Я, слава богу, мещанин", „Дворянин во мещанстве" גאַנץ גוט געקאָנט פאַרבינדן.

דער פּאָריסגעוואָרפענער שאָפּן פון דער קומענדיקער ראָל פון בירגערטום פאַרטונקלט שוין די שטימונג פונעם יאָרדישן אריסטאָקראַט. אָבער אזאַ אַקטועלער איז אים דערווײַל דער פּראָטעסט קעגן דעם דריקנדיקן אַבסאָליוטיסטישן דעספּאָטיזם און דער אינערלעכ־קלאַסאָוער קאַמף פון דער אַלטער מיוחסדיקער אָבער קאַפּצאָנישער אריסטאָקראַטיע קעגן דעם נײַ־אופגעקומענעם פּאַרוועניוישן אדליקן פּני. ניט בלויז קעגן דעם געשעפטס פון בורזשואזער הערשאַפט ביכלאַל און קעגן דעם אריסטאָקראַטיזירנדיקן בירגערלעכן פּאַרוועניו ביפראַט—ניט ווײניקער רופט דאָ פּושקין דעם פויער צו הילף קעגן דעם נײַעם הויכן אדל.

וועגן די ענדערונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין דער פראַנצויזישער שפּראַך פאַר און נאָך דער רעוואָליוציע, זאָגט פּאָל לאַפאַרג: „די אריסטאָקראַטיע האָט געפילט די נייטווענדיקײַט צוצוצײַען צו זיך די מאַסן מיט דער הילף פון פאָלקס־שפּראַך", און זיי אויסצונוצן אלס שטורעם־קלאַץ קעגן דער בורזשואזיע, און צו דעם צוועק האָט זי צומאָל... פאַרביטן די הויפישע שפּראַך אָף דער



שפּראַך פון מאַרק־זיצערקעס, וועלכע... האָבן פּאָרט פאַרלאַנגט, „מע זאָל אָפּ זיי ניט קוקן ווי אָף קײַלעכיקע נולן". מיר דאַרפן דאָ נאָר אביסל בײַטן די טוביעקטן (אָנשטאָט סטאַמ־מאַסן—פויערים, אָנשטאָט „בורזשואזיע"—דער נײַער אדל און יענער טייל ראַזנאָטשינישע אינטעליגענץ, האָס גייט מיטן נײַעם אדל; דערפאַר קענען „מאַרק־זיצערקעס" בלײַבן, פּושקין רעדט דאָך פון פּראָסטוירניעס און פון אַלפּיערעס פּלאָדערנטישן מאַרק!) און דער זאַץ וועט דורכויס פּאַסן אויך פאַר פּושקינס פאָלקלאָריזם.

A

אזא יאָרדיש־אריסטאָקראַטישע, געצוווּנגען בורזשואזירטע פּאָזיציע קען זיך שוין גאַנץ גוט אין באַשטימטע פּראָטים באַגעגענען מיט די שטרעבונגען פון די „אָנשטענדיקע" גוט־בירגערלעך באַטאַרבעטע „ראַזנאָטשינישע" עלעמענטן. אין פּושקינס סינע קענען א באַשטימטן מין „ראַזנאָטשינצעס" דריקט זיך אוואדע אויך אויס א קלאַסן־סינע צום אופקומענדיקן בירגער ביכלאַל, אָבער אין ערשטער ריי און דעריקער צו יענעם בירגער, וואָס איז אונטערלעקעריש צום נײַ־אופקומענדיקן אדל. ער דיפערענצירט בעפּייִרעש צווישן דעם פּאַרוועניוישן בירגער און דעם „עמעסן" בירגער, וואָס פּאַרמאָגט קלאַסן־ווערדע, וואָס גייט זײַן אייגענעם בירגערלעכן וועג און — וואָס איז נאָך, אגעוו, קלאַסאָווע צו שוואַך אנטוויקלט, קעדיי צו מאַכן זעלבשטענדיקע בירגערלעכע פּאָליטיק. אין אים קאָן ער זען א פאַרבינדעטן סײַ קעגן דעם נײַעם אדל, סײַ קעגן דעם אַבסאָליוטיזם, וואָס האָבן אוועקגעשטויסן אין א זײַט יענעם שיכט אדל, וועלכן זײַן שאַפן רעפּרעזענטירט. פּרעטענזיעס פון אַלטאַדליקע ייכעס און געצוווּנגענע בורזשואזירונג צוליב יאָרדישקײַט—דאָ ליגן די וואָרצלען פאַר די סטירעס אין זײַן אידעאָלאָגיע (אריסטאָקראַטיזם און דעמאָקראַטיזם), וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין זײַן שאַפן ביכלאַל (ראָמאַנטיזם—און רעאַליזם א. אז. וו.) און אין זײַן פאָלקלאָריזם ביפראַט.

וואָרעם בעלי־סאָפעק זײַנען אין זײַן פאָלקלאָריזם פאַראַן באַשטימטע האָנאָכעס צום בירגערטום, צום בירגערטום אין יענעם זינען, וואָס קאָן דעמאָלט אין יענעם אנטוויקלונג־עטאַפּ ארײַנעמען אין זײַנע ברייטע טכומען אויך דאָס פויערטום. פון דער אנדערער זײַט אָבער מיינט מען דאָ מיט „בירגערטום" פּאָרט נאָר דעריקער אין ערשטער ריי גראָד דעם פויער, מיט וועלכן און פון וועלכן עס לאָזט זיך לעבן די טיפּישע אויסדרוק־פאָרמעס סײַ פונעם קליינבירגערלעכן מיעשטשאַנין, סײַ פונעם בורזשוא, וואָס מאַכט נאָך דערווײַל גאָר דעם פּריציש שטייגער, זײַנען אים אויך דערטערגלעך, זיי באַליידיקן זײַן אויער און רופן ארויס זײַן שאַרפסטן ווידערווילן (פּאָלעוואָי, בולגאַרין א. א.). דאָ רופט זיך אָפּ דער אַלט־ייִכעסדיקער כאָטש יאָרדישער פעאָדאַל אין פּושקינען.

דעמאָקראַטישקײַט — אָבער צוליב דעם אַלט־יאָרדישן אדל, און דורך דעם פויערטום — דאָס איז די פאָרמולע פאַר פּושקינס סענאָגראַפּיזם. דער אַלטער יאָרדישער אַמאָליקער הויף־אדל, וואָס פאַרלירט אַלץ מער זײַן עקאָנאָמישן און סאָציאַלן באַטײַט, באַמיט זיך אים צוריק צו באַקומען, אָנשפּאַרנדיק זיך אין זײַן פּראָנדע אַפן לעצטן,

וואָס איז אים געבליבנ, אפּ די רעשטלעכ גיטער אונ אפּנ פּויער. די לײַבייגנטימערישע עקאָנאָמיק הייבט זיכ שוינ אויכ אָנ צו וואקלענ, דארפּ מענ זי „דעמאָקראטיש" פּארפּעסטיקנ. „דעמאָקראטיש" — אָבער פּארפּעסטיקנ, ווײַל נאָר אלײנ די גוטסבאזיצערישע סיטואציע גיט דעמדאָזיקנ שיכט צוריק דאָס באוווסטזײַנ פונ זײַנ סאָציאלער שטעלונג. פּארשטייט זיכ: „אונדזערע פּאָליטישע פרײַהײַט איז אומצעטיילבאר צונויפגעבונדנ מיט דער באפרײַונג פונ פּויערטום" („באמערקונגענ וועגנ דער רוסישער געשיכטע אינ 18־טנ יאָרהונדערט"). אָבער ווי שטעלט זיכ פּושקינ פּאָר דידאָזיקע מעמיילעדיקע באפרײַונגענ? „דער גורל פונעם פּויער פארבעסערט זיכ פונ טאָג צו טאָג אינ דער מאָס, ווי עס ווערט פּארשפּרייט די אויפקלערונג. באהיט מיכ גאָט צו זײַנ אַנ אָנהענגער אינ פּרײַדיקער פונ שקלאפּנטום: איכ זאָג נאָר, אז דער וווילשטאנד פונ די פּויערים איז ענג פּארבונדנ מיטנ נוצ פונ די גוטסבאזיצער — אונ דאָס איז קלאָר פּאר יעדערנ". אזוי מיינט וווילגעזויגט צום פּויער דער פּעאָדאלער אויפקלערער. פּעאָדאלער — אָבער אויכ אויפקלערער. ער האלט שטארק פונעם רוסישנ פּויער. ער לויבט אים זייער, זײַנ מוט, זײַנ פלינקײַט, זײַנ אויפנעמ־פעיִקײַט, זײַנ פרײַע, ניט שקלאפּישע האלטונג א. אז. וו. אָבער זײַנ גוטע צוקונפט איז פּארבונדנ מיט דער גוטער צוקונפט פונעם אדליקנ גוטסבאזיצער.

איז אים טאקע דער פּאָלקלאָר אונ די שפּראכ פונ זײַנ לײַבייגענעם מיזשיק נאָענט אונ ליב, זי באלײדיקט ניט זײַנ אויער, זי איז אָריגינעל אונ אויפריכטיק — קורצ, אנ אדערופּ אפּ דער גוטער שוטפּעסדיקער צוקונפט. דער שטאָטישער בירגער איז אקטועל געפערלעכער. די צײַט פונעם לײַבייגענעם איז אָבער נאָכ ניט אומיטלבאר אונ ענדגילטיק געקומענ, איז גוט אונ שיינ ארויסצוגעפינענ איג זײַנע אויסדרוק־פאָרמעס סײַ די פּארשטיינערטע רעשטלעכ פונ דער עלטערער אריסטאָקראטישער קולטור, סײַ די אנטשפּרעכנדיקע נײַע פאָרמאציעס, וואָס קענענ מיטהעלפּנ, אז זײַנ וווילשטאנד זאָל זיכ אנטוויקלענ איניינעם „מיטנ נוצ פונעם גוטסבאזיצער". „ארא־פּלאָזנדיק" זיכ צו אים קענ בענ זיכ נאָכ אפּנ לײַבייגענעם פּויערטום אָנשפּארנ, באַווײַזנדיק אויכ דורכ פּאָלקלאָריזם, אז אינ טאָכ זײַנענ אפילע די אויסדרוק־פאָרמעס — פּונקט ווי די אינטערעסנ — סײַ באם גוטסבאזיצער, סײַ בא זײַנ לײַבייגענעם די אייגענע.

.5

צוריקקומענדיק צום פּארגלײַכ צווישנ פּושקינס אונ טאָלסטאָיס עטנאָגראפיזם אונ פּאָלקלאָריזם, דארפנ מיר זיכ דערמאָנענ, אז ס'איז א גרויסער כילעק, ווענ, פונ וועמענ, קעגנ וועמענ אונ צוליב וועמענ עס ווערט אינ זיי אלס א קאָרט אויסגעשפּילט דער פּויער. צי קעגנ בירגערטום, צי קעגנ אדל, צי פונ איינ אדליקנ שיכט, וואָס האָט צוליב זײַנ יאָרדיטער סיטואציע באשטימטע דעמאָקראטישע שטריכנ — קעגנ אנ אנדערנ טייל אקטועלערנ, מעכטיקערנ אדל, דיפערענצירנדיק דערבײַ דאָס אונ־קומענדיקע בירגערטום לויט זײַנ אָנהענגערשאפט צום נײַעם אדל (ווי בא פּושקינען) א. אז. וו. עס איז א כילעק צי קומט פּאָר דידאָזיקע ליבע צו פּויערישער עטנאָגראפיע לאנג פּאר דער אנטשקלאפונג אָדער דערנאָכ. וואָרעם דאָס, וואָס קענ פריִער



נאָכ באדײַטנ דעמאָקראטיזם אונ זײַנ א פרווו אויפצוהייבנ דעם לײַבייגענעם — כאָטש טאקע לויט די אייגענע קלאסנ־אינטערעסנ — וועט שוינ שפּעטער קיינ דעמאָקראטיזם ניט זײַנ, וועט שוינ דאפקע ווײַזנ אפּ צוריק.

פּושקינס עטנאָגראפיזם איז פּאָרט, ניט געקוקט אפּנ לעצטנ קלאסאָווונ באטײַט זײַנעם, ניט געווענ געווענדט אומיטלבאר קעגנ דעם פּויער, וואָס איז דאָכ נאָכ דערווײַל געווענ א לײַבייגענער, אונ אלצ, וואָס האָט דעם פּויער אינ דער מינדסטער מאָס געהויבנ, האָט אים דערווײַל נאָכ געקאָנט גיכער נוצנ, העכערנדיק זײַנ געזעלשאפטלעכע שאצונג, וועקנדיק זײַנ באוווסטזײַנ. דעריבער ווײַזט פּושקינס עטנאָגראפיזם אפּ פּאָרויס.

אנדערש טאָלסטאָיס עטנאָגראפיזם, וואָס האָט שוינ לאנג געמוזט אָנווערנ דעם פּאָרשריטלעכנ טאָכ, ווײַל דער פּויער איז שוינ ניט מער געווענ קיינ לײַבייגענער אונ דעריבער האָט אים ניט סטאם יעדער אויפנ פונ ארויסהייבנדיקער אויפמערקזאמקײַט געקענט נוצנ. פּארקערט, אזא ארויסהייבנדיקע אויפמערקזאמקײַט, ווײַס איז ביעכווילעס — זאָל זײַנ אפּ א שטארק פּארשלייערטנ אויפנ — אים אָפּצושטעלנ אָדער צוריק צו שלעפּנ איג זײַנ אנטוויקלונג, ברענגט אים אומיטלבארנ שאָדנ. אנ אפּאָלאָגיע פונ זײַנ געגעבענעם צושטאנד איז דעמאָלט ניט ווייניקער רעגרעסיוו — ווי א דירעקטע אפּאָלאָגיע פונעם אדל. יעדער פרווו דורכ עטנאָגראפיזם צו סטאבילי״זירנ ווײַזט דעמאָלט באזונדערס דײַטלעכ אפּ צוריק. ער הייבט ניט דעם פּויערס געזעלשאפטלעכנ אָנזענ, וועקט שוינ דעמאָלט ניט זײַנ באוווסטזײַנ, נאָר ער ווײַזט אנ אויסוועג פּאר אָנגעזאמלטע סאָציאלע קאָנפליקטנ אינ א צוריקפירנדיקער ריכטונג. פּושקינס פּאָלקלאָריזם דערקענט אויכ אינעם לײַבייגענעם דעם „מענטש", טאָלסטאָיס פּאָלקלאָריזם וויל ארויסגעפינענ אונ דערקענענ אלס גוט אונ שיינ אינעם פּויער — דאָס, וואָס ער איז אמאָל געווענ.

.6

מיר זעענ, אז דער עטנאָגראפיזם אונ פּאָלקלאָריזם פונ פּארשיידענע פּעריאָדנ אונ קלאסנ־פּאָרשטייער דארפנ פּארשיידנ באנומענ אונ אָפּגעשאצט ווערנ. אויב די עלטערע ענגלישע „פעלקער־קענטעניש" (עטנאָלאָגיע) האָט גאָר א נאָענטע אונ פּארשיידנארטיקע שײַכעס צו די קאָלאָניאלע אינטערעסנ, האָט זי זיכ אָבער פּארשמעלערט אינ דער „פּאָלקסקענטעניש", אינ דער עטנאָגראפיע פונעם אייגענעם פּאָלק, צוליב אנדערע סאָציאלע מאָמענטנ. אָבער דער „אימפּעריאליסטישער" עטנאָלאָגיזם קאָנ אויסנוצנ אויכ די „פּאָלקסקענטעניש", די פּאָלקס־כאָכמע (folklore) פונעם אייגענעם פּאָלק אינ פּארשיידענע צײַטנ צוליב פּארשיידענע צוועקנ. אמאָל קעדיי צו באווײַזנ: אָט זעט, אויכ מיר זײַנענ אמאָל געווענ אזעלכע ווילדע, מיט עגלעכע שאפונגס־אויסדרוקנ ווי איר, קאָלאָניאלע פעלקער, אונ פּאָרט זײַנענ מיר מיט דער צײַט געוואָרנ אזא לײַטיש הערשנדיק פּאָלק. ס'איז דער גורל פונ דער אנטוויקלונג, אז מע מוז דורכגיינ פּארשיידענע עטאפּנ, אונ פונ אײַלעניש קומט קיינ גוטס ניט ארויס. א בארויִקונג די קאָלאָניאל־פעלקער.

אמאָל ווידער קאָנ עס באטײַטנ פּונקט קאפּויר: אָט זעט, אויכ מיר זײַנענ אמאָל געווענ פּרימיטיוו, יונג, ווילד, אָבער אפילע נאָכ דעמאָלט האָבנ מיר שוינ געשאפנ

אועלכע מײַסטער־הױנגק, װאָס שטײען שױן דעמאָלט אױף אַזױפיל העכער פון אײַערע װילדע שטאַמלענישן. אַזױ אַרום װערט באַרעכטיקט די „דערציִערישע מיסיע" פון קאַלאָניִאַלן אימפּעריִאַליזם, דאָס אַפּעטראָפּסטװע איבער די „נידעריקערע ראַסן". צוליב דעם שרעקט מען זיך ניט אפילו פאַר באַװוסטזיניקע פעלשונגען (מאַקפערזון) פון די אײגענע פאָלקלאָר־זאַמלער.

בונקט אַזױ קאָן אױך די רעאַקציאָנערע פאָלקסקענטעניש (עטנאָגראַפיע) אױסנוצן די פאָלקער־קענטעניש (עטנאָלאָגיע) צוליב איר ספּעציפישן צװעק זיך צו שפּראַװען מיטן „הײַנטיקן שטאַנד", און אין אַ שפּעטערן פעריאָד — מיטן פּראָלעטאַריאַט. דער עטנאָגראַפיזם קאָן זײַן אַן אױסדרוק פון קלײנבירגערלעכע טענדענצן, װי די אױבן־געשילדערטע עטנאָגראַפישע האַנטװערקער־ראָמאַנטיק, װי דער עטנאָגראַפיזם פון אַ קאַלבאַן אָדער פון אַנדערע אַנ—סקים און פּרילוצקיס. ער קאָן זײַן אַן אױסדרוק פון אָפּגאָנג־שטימונגען בײַ יאָרישע שיכטן אינעם אדל און אָנװײַזן סײַ אױף אינערלעכע, סײַ אױף אױסװייניקסטע קלאַסאַװע קאַמפן, װי בײַ פּושקינען, טאָלסטאָיען א.אז.װ. א.אז.װ.

אָבער יעדער באַזונדערער פאַל דאַרף קאָנקרעט אַנאַליזירט, דיפערענצירט און אָפּגעשאַצט װערן לױט זײַן אַנטשטײונג און אַנטװיקלונג. דער פאָלקלאָריזם פון די „אַראַדניקעס" אין זײער קלאַסישער צײַט קאָן ניט געשאַצט װערן מיט דערזעלבער מאָס, װי דער פאָלקלאָריזם פון די סלאַװיאַנאָפילן אָדער גאָר פון די שװאַרצמײעניקעס אין 20־טן יאָרהונדערט. בײַ אַ דיאַלעקטישן אַנאַליז קאָנען מיר אַרױסגעפינען פאַלן פון פאָלקלאָריזם, װאָס האָבן אױסגעשפּראָכן — און אָפט װיפל — צו די פאַרשריטלעכע שטרעבונגען פונעם אײגענעם און פון אַן אַנדערן קלאַס. און אױך פאַרקערט. אַזױ װעלן מיר אױך קאָנען פעסטשטעלן, אַז דערזעלבער צוגאַנג צו פאָלקלאָרישקײט באַטײַט אין אײן עפּאָכע פאַרשריטלעכקײט און אין אַן אַנדערער — טיפּסטע רעאַקציע.

דעמאָלט ערשט װעלן מיר אין פאָלקלאָריזם — און נאָר װעגן דעם האָבן מיר איצט דעריקער גערעדט — װיסן צו מאַכן דעם כילעק צװישן יענע שטרעמונגען, װאָס האָבן כאַקע אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס באַטײַט „אַראָפּלאָזן" זיך צום נידעריקן קלאַס, װען ער איז געװען אונטן, און צװישן די אַנדערע שטרעבונגען, װאָס האָבן דעריקער געלײגט דעם טראָפּ אױף דער באַהערשונג פונעם קלאַס, װען ער איז שױן לאַנג לױט זײַן טענדענץ און „װירקלעכקײט" לאַכלוטן ניט געװען אונטן. מיר װעלן ריכטיק קאָנען פאַנאַנדערקלײַבן, װען דער פאָלקלאָריזם האָט אין זיך עלעמענטן, װאָס קאָנען אױך אַרױפהײבן די אונטערדריקטע קלאַסן, און װען דער פאָלקלאָריזם קאָן אָדער װיל נאָר אַראָפּדריקן, צוריקשלעפּן דיראָזיקע קלאַסן, װאָס באַפרײַענדיק זיך פון קאָלערלײ „פאָלקלאָרן" — צוריק צו „פאָלקלאָרישער" קנעכטשאַפט.

## V. פאָלקלאָריזם אין אונדזער איבערגאַנגס־פעריאָד

.1

אױך בײַ הײַנטיקן טאָג, אונטער דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, קאָנען מיר פעסטשטעלן זײער שטאַרקע און דורכױס װירקזאַמע עלעמענטן פון עטנאָגראַפיזם



און פאָלקלאָריזם סײַ אין דער קונסט (אַרכיטעקטור, מאָלערײַ, מוזיק א. אז. װ.), סײַ אין דער ליטעראַטור. װי דאַרפן מיר זיך צו זײ באַציִען?

אױך בײַם אָפּשאַצן עטנאָגראַפיזם און פאָלקלאָריזם פון איבערגאַנגס־פעריאָד אונטער דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, אין פעריאָד פון געװאַלטיק פאַנאַנדער־געװיקלטער סאָציִאַליסטישער בױונג, פון פאַרשאַרפטן קלאַסנקאַמף, פון אַלגעמײנער שולבילדונג, פון שטורעמישער קולטור־רעװאָלוציע, װאָס קערט איבער דעם גאַנצן שטײגער לעבן, טאָרן מיר ניט צוגײן דאָגמאַטיש און מעכאַניש, אױב מיר זאָלן ניט אַרײַנפאַלן אין שעדלעכסטע טאָעסים.

פון אײן זײַט איז באַקאַנט, אַז די קלאַסנפײַנטלעכע קױכעס אינעם לאַנד נוצן באַװוסטזיניק אױס דעם עטנאָגראַפיזם, קעדײ אַרײַנצושמוגלען אין דער קולטור־בױונג זײערע נאַציאָנאַליסטישע קלײנבירגערלעכע און אפילו קאָנטר־רעװאָלוציאָנערע טענדענצן. ניט אומזיסט, לעמאָשל, האָבן זיך די קלאַסן־פײַנטלעכע עלעמענטן אין דער װיסנשאַפט אַזױ שטאַרק קאָנצענטרירט אױף עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר. ניט אומזיסט געפינען מיר בײַ קלאַסן־פײַנטלעכע שרײַבער (אױך יִדישע) אין זײערע שילדערונגען פון פױערישן קולאַקישן אָדער קלײנבירגערלעכן לעבן אַזױ שטאַרק באַטאָנט דעם עטנאָגראַפיזם און פאָלקלאָריזם אַלס „זעלבסטצװעק". עס איז ניט קײן צופאַל, װאָס די רעאַקציאָנערע עטנאָגראַפיע האָט בעשאַס דעם בירגערקריג אין אוקראַיִנע אָפּגעשפּילט אַ גאַנץ באַדײַטנדיקע קאָנטר־רעװאָלוציאָנערע ראָל, אױב די פעטליוריִשע „טעאָרעטיקער" פון יענער צײַט האָבן זיך באַמיט אונטערצושטאַרן זײערע קאָנטר־רעװאָלוציאָנערע פּאָליטישע פּראָגראַמעס מיט „עטנאָגראַפישע אַרגו־מענטאַציעס" (אָגיִענקאָ, שעלוכין, גרושעװסקי, דאָנצאָװ א.אז.װ. עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז דיראָזיקע „עטנאָגראַפן" זײַנען דעמאָלט געװען אַ מין „אַגיטפּראָפּ" פון דער קאָנטר־רעװאָלוציע). עס האָט עפּעס צו זאָגן, אױב אַ באַשטימטער עטנאָגראַפיזם אין דער אוקראַיִנישער מאָלערײַ, לעמאָשל, האָט זיך מיט אַלע קױכעס באַמיט אַרײַנ־צופלאַנצן אין דער נײַער סאָװעטישער קונסט — שטריכן פון עטנאָגראַפיזירנדיקן ביזאַנטינישן סטיל און פון אָפּגעשטאַנענסטער פױערישער איקאָנעס־מאָלערײַ („באָי־טשוקיזם"). אַ גאַנץ אַנאַלאָגע דערשײַנונג האָבן מיר געהאַט אין דער אַמאָליקער „קולטור־ליגע"־מאָלערײַ (ליסיצקי, ריבאַק און זײערע תּלמידים) און אין באַשטימטע טראַדיציעס פון דעם מין, װאָס שלעפּן זיך נאָך אַמאָל נאָך ביז אױפן הײַנטיקן טאָג. עס האָט עפּעס צו זאָגן, אױב די אָנהענגער פון דעראָזיקער „ריכטונג" האָבן זיך באַמיט אַרײַנפירן אַזעלכע עלעמענטן אפילו אין דער אַרכיטעקטור, פּרוּװנדיק, לעמאָשל, דורכצושמוגלען פּראָיעקטן צו באַנהױפן אין סטיל פון אַ קלאָמערשטן נאַציאָ־נאַל־אוקראַיִנישן „קירכן־באַראָק", אױב זײ האָבן געפּרוּװט אײַנרײדן, אַז ס׳איז גוט און ריכטיק צו מאָלן פּאָרטרעטן פון קאָמוניסטישע פירערס אָדער פון באַריכטע היסטאָרישע, געזעלשאַפטלעכע, ליטעראַרישע פערזענלעכקײטן אין סטיל פון ביזאַנטי־זירנדיקע איקאָנעס, אױב זײ האָבן זיך באַמיט דורכזאַפּן די נײַע סאָװעטישע מוזיק מיט עלעמענטן פון רעליגיעז־קירכלעכן „פאָלקסליד". עס ליגט אַנערעך אױף דער־זעלבער ליניע װי די באַשטרעבונגען פון אַ טײל נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע פּילאָגן צו פאָלקלאָריזירן די הײַנטצײַטיקע שפּראַך.

די עטנאָגראַפֿיע ביכלאַל, „דאָס פֿאָלקסטימלעכע", „דער פֿאָלקס־גײַסט" א. אַז. וו. איז אַ הױפּט־באַזע פֿון קלערלײ רעאַקציאָנערסטע נאַציאָנאַליסטישע און פֿאַשיסטישע אידעאָלאָגיעס. ניט פֿאַראַן קיין איין רעאַקציאָנער־פּאָליטישע קאָנצעפּציע, וואָס זאָל זיך ניט שטיצן אויף „פֿאָלקס־גײַסט" און אויף עטנאָגראַפֿיע, די זאָל ניט פֿון דאַנען שעפּן אַרגומענטאַציעס און באַווײַזן.

פֿונקט אַזוי איז עס ניט קיין צופֿעליקײַט, אַז אין ה[illegible] „פֿאָלקלאָר־ליד", אַז וויפֿל עס איז נאָך פֿאַראַן, קומט גענוג אָפֿט באַזונדערס שטאַרק צום אויסדרוק: אינעם ייִדישן — דער נעפּמאַן, אינעם רוסישן — דער קולאַק און אַנדערע קלאַסן־פֿײַנט, אַז קולאַקיש־נעפּמאַנישע טענדענצן אין דער ליטעראַטור באַ[illegible] זיך באַזונדערס גערן אונטערן מאַנטל פֿון עטנאָגראַפֿיזם, פֿאָלקלאָריזם און [illegible]־פֿאָלקלאָר. (עס וואָלט ניט שווער געווען דאָ נאָכצואווײַזן אַז אַ שיר [illegible], נאָר דאָס איז גענוג באַקאַנט און ס'וואָלט אונדז צו ווײַט אַוועקגעפֿירט פֿון [illegible] הויפּט־טעמע). די פּראָלעטאַרישע געזעלשאַפֿטלעכקײַט האָט מיט איר דיכטיקן קלאַסן־כוש אויסגעדעקט דעם קלאַסן־פֿײַנטלעכן און אָפֿט דירעקט קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער פֿון דיזאָזיקע „ריין־עסטעטישע" באַשטרעבונגען.

.2

פֿון דער אַנדערער זײַט וועט מען אָבער פֿאָרט ניט [illegible] דאָגמאַטיש זאָגן, אַז עטנאָגראַפֿיזם און פֿאָלקלאָריזם ביכלאַל זײַנען אין אַלע זייערע דערשײַנונגען, אין אַלע דערשײַנונגען טאָג דורכויס רעאַקציאָנער, און אַז מע דאַרף זיי אין אַלע [illegible] ... באַ הײַנטיקן טאָג דורכויס רעאַקציאָנער, [illegible] די דיאַלעקטיק פֿונעם איבערגאַנגס־נונגען אויסראָטן. דאָס וואָלט געהייסן פֿאַרזען די דיאַלעקטיק פֿונעם איבערגאַנגס־פּעריאָד אויף דעם געביט און וואָלט געפֿירט צו [illegible] און שעדלעכע טאָוס׳ם.

דער רעוואָלוציאָנערער פּראָגרעסיווער קלאַס באַנוצט זיך און דאַרף זיך אָפֿט באַנוצן מיט באַשטימטע קאַמפֿ־מיטלען, וועלכע זײַנען געקומען פֿון דער ירושה, און אַמאָל אַפֿילע דירעקט פֿונעם פֿײַנטלעכן קלאַס. די [illegible] אידעאָלאָגישע קאַמפֿ־מיטלען טאָרן, פֿאַרשטייט זיך, ניט סתּם מעכאַניש איבערגענומען ווערן, אויך ניט דעטאַלווײַז, נאָכדעם ווי מע האָט זיי צעשניטן אין קלייני [illegible] קלענסטע באַשטאַנד־טיילן, אין עלעמענטן; — נאָר נאָכדעם ווי מע האָט די [illegible]קטיש גיוווער געוען נאָכדעם ווי מע האָט זייער אַלגעמיינע און באַזונדערע [illegible]אַנצילונג ביז אין די קלענסטע עלעמענטן אַרײַן און אין טאָג פֿאַרניינט. ערשט [illegible]אַלט, שטעלנדיק פֿאַר יעדן קלענסטן עלעמענט אַן אַנדערן „קלאַסמאָוון פֿאַר[illegible]" און ענדערנדיק זייער מהות און פֿונקציע לויטן טאָג, קאָנען זיי איבערגעמאַכט ווערן און דינען אַזוי לאַנג זיי זײַנען נייטיק דעם נײַעם קלאַסן־צוועק. אין מע [illegible] טאַקע פֿעסטשטעלן: אינעם סאָוועטישן קינסטלערישן שאַפֿן זײַנען פֿאַראַן אויך אַזעלכע עלעמענטן פֿון עטנאָגראַפֿיזם, וואָס דינען דעם פּראָלעטאַריאַט און זײַנע צילן.

דערבײַ קאָנען מיר אינעם ריכטיק אויסגענוצטן פֿאָלקלאָריזם פֿון איבערגאַנגס־פּעריאָד סײַ פֿון אָפּשניט צו אָפּשניט, סײַ בײַ פֿאַרשיידענע שרײַבער [illegible] איין אָפּשניט פֿעסטשטעלן באַשטימטע וויכטיקע דיפֿערענצן. אַזוי, לעמאָשל, דאַרפֿן די פֿאָלקלאָריזירטע



עלעמענטן, לעמאָשל, בײַ בלאָקן און בײַ ביעדני [illegible] פֿאַרשיידן דערקלערט ווערן.

בלאָק ברענגט אַרײַן אין זײַן ליד פֿון דער רעוואָלוציע די טשאַסטושקע, דעם „פֿאָלקס־טאָן" און אַפֿילע דאָס ציגײַנער־ליד. דורך זײַן פֿאָלקלאָריזירן די רעוואָלוציאָנערע ציִטעמע פֿאַרקלײנבירגערלעכט ער זי. דאָס איז קלאָר. אָבער פֿאַר יענעם פּעריאָד און פֿאַר זײַן טיפּ, פֿאַר יענעם טייל קלײנבירגערלעכער אינטעליגענץ, וואָס גיט אויף די רעוואָלוציע לויט איר אויסטײַטש און מיט גרויסע שוועריקײַטן און טרעט מונגען — איז דאָס אַ פּראָגרעסיווע דערגרייכונג. דאָס איז דער אויפֿן, דורך וועלכן בלאָק וויל צו יענער צײַט אויסדריקן די רעוואָלוציע, אַזוי ווי ער נעמט זי אויף. דאָס איז ניט דער בעסטער אויפֿן, אָבער פֿאַר יענער צײַט און פֿאַר יענע גרופּעס פֿאָרט אויך אַן אויפֿן פֿון אויפֿנעמען. און דאָס איז פֿאַר דעמאָלט אַ פּאָזיטיווער פֿאַקט.

.3

פּושקינס „פּאַראַדליקט" דעם בויערישן פֿאָלקלאָר אָדער „פֿאָלקלאָריזירט" די אור־ליקע אידעאָלאָגיע און מאַכט אַזוי אַרום דעם פֿאָלקלאָר „סאַלאָן־פֿעיִק". ער בויגט אים אַרונטער אונטער זײַנע קלאַסן־טענדענצן — און דערבײַ עפֿנט ער אַלעמען די אויגן אויף די קולטור־ווערטן פֿונעם ליבייגענעם פּויערטום. דאָס באַטײַט — סטיכיִק — פֿאַר יענער צײַט אַ באַשטימטער טריט פֿאָרויס. פּונקט אַזוי „אינטעליגענטיזירט" בלאָק דעם פֿאָלקלאָר פֿון דער רעוואָלוציע, מאַכט אים „אינטעליגענץ־פֿעיִק". ער בויגט אים אַרונטער אונטער קלײנבירגערלעכע קלאַסן־טענדענצן (זע, לעמאָשל, דעם סאָף פֿון דער פּאָעמע „די צוועלף") — און דערבײַ עפֿנט ער די אויגן פֿון דער קלײנבירגערלעכער אינטעליגענץ אַפֿן אומגעהייערן שאַ[illegible] פֿון דער רעוואָלוציע, וועלכע ער נעמט אָן אויף זײַן שטייגער. מיט זײַן פֿאָלקלאָריזם וויל ער „פֿאַרשטענד־לעכ" מאַכן די רעוואָלוציע, ער וויל פֿאַרטײַטשן און „פֿאַרענטפֿערן" אויף זײַן שטייגער אירע „אומ־אינטעליגענטע" שטריכן פֿאַר זײַן שיכט. דער באַטײַט איז דאָ: מיר ווייסן דאָך עפּעס פֿיגלאַך, אַז אינעם „פֿאָלק" זײַנען פֿאַראַן „גראָבע" און אַפֿילע „טרעקלעכע" שטריכן, „מעגושעמדיקע", „אומ־אינטעליגענטע", און פֿאָרט ווייסן מיר אויך עפּעס זייער לאַנג, אַז אין גרונט איז זײַן טעווע אַ גוטע און הייליקע. אַזוי טײַטשט ער די רעוואָלוציע, אירע שטריכן זײַנען, דוכט זיך, ווײַט ניט „אײדל און פֿײַן" — און פֿאָרט גייט פֿאָרויס דער רעוואָלוציע — „קריסטוס". —

אַף אַזאַ אויפֿן וויל ער פֿאַר זיך און זײַן שיכט פֿאַרטײַטשן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע — דערבײַ אָבער וויל ער שוין מעמילע אָנבינדן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער רעוואָלוציע פֿרעמדע, פֿײַנטלעכע שטריכן און צילן. ער וויל אָנבינדן דער רעוואָלוציע עלעמענטן פֿון פֿאַרפֿוילטע קלײנבירגערלעך־אינטעליגענטישע אידעאַלן, אַז זי מיינט נאָר אין טאָג — דאָס, וואָס ער סטיליזירט מיטן בילד אָדער וואָרט „קריס־טוס". און דאָ האָבן מיר די רעגרעסיווקײַט פֿונעם פּאָעט, וואָס דריקט זיך אויס אויך אין זײַן פֿאָלקלאָריזם. אויב דאָס איז פֿאָרט פֿאַר יענער צײַט און פֿאַר דעם דיכטער געווען אַ פּראָגרעסיווער פֿאַקט, וואָלט דאָס איצטיקע אָדער עפּעס ענלעכס הײַנט, אין פּעריאָד פֿון דערבויען דעם פֿונדאַמענט פֿון סאָציאַליזם, ווען ס'איז שוין

באשטימט אין פאקטיש אנטשיידן געוואָרן „ווער וועמען״, בא די אומדערהערטע
ניצחונות אין אלע געביטן פון סאָציאַליסטישער, מאטעריעלער און קולטורעלער
בויונג, געווען אין אויסגעשפראָכענע שווערע רעאקציאָנערע דערשיינונג.
דער רעוואָלוציאָנערער אויפן פון באנוצן עטנאָגראפישע און פאָלקלאָר־עלע־
מענטן ביז בא היינטיקן טאָג טראָגן גאָר אן אנדערן כאראקטער. ער ווע־ט באַ־
שטימט דורכן קאמף פונעם פראָלעטאריאט פארן פינפיאָר־פלאן, פאר דער פאנאנדער־
געוויקלטער בויונג פון סאָציאַליזם אין שטאָט און דאָרף, פארן ברייטסטן דורכפירן
די קולטור־רעוואָלוציע, פארן קאמף קעגן אלע רעשטלעך אָפגעשטאנענקייט, קעגן
אלע ארויסווייזונגען פונעם קלאסנ־פיינט, ער ווערט באשטימט דורך אלע ארויסגאבעס
פונעם פראָלעטאריאט און פון זיין אוואנגארד, דער קאָמוניסטישער פארטיי, ד. ה.
פון אזעלכע צילן, וואָס נעגירן אין טאָג דעם „פאָלקלאָר״ און פירן צו דער ליק־
ווידאציע פון יעדער שפור זיינער ביכלאל. דער פאָלקלאָריזם ווערט דאָ אָנגעווענדט
צו צוזעקן פון זעלבסטנעגאציע, מיט זיין הילף דארף דאָ ליקווידירט ווערן יעדע
שפור פון „עטנאָגראפישע און פאָלקלאָרישע פארהעלטענישן״ און פון זייערע אידע־
אָלאָגישע אויסדרוק־שטייגערס. דאָס איז דער זין און באטייט פון פאָלקלאָריזם בא
ביעדני און בא א טייל אנדערע פראָלעטארישע שרייבער.
און דאָס איז שוין לויטן גאנצן טאָג גאָר עפּעס אנדערש ווי בלאָקס פאָלקלאָ־
ריזם. קיין שום פאָלקלאָרישע פאָרם קאָן ניט זיין דער ספּעציפישער סטיל און
די פאָרם פון דער פראָלעטארישער אידעאָלאָגיע, אויך ניט אינעם איבערגאנגס־פעריאָד.
אָבער זי קאָן אין דעמדאָזיקן פעריאָד ביז צו א געוויסער מאָס, און מאָלע גאָר
וועסנטיל אויסגענוצט ווערן. אַפּ אזויפיל איז די ראָל פון פאָלקלאָריזם ביכלאל
נאָך ניט איינגאנצן קיין פארענדיקטע, כאָטש זי וועט און מוז זיך מיט דער צייט
און מיטן וווקס פון אונדזערע דערגרייכונגען איינגאנצן פארענדיקן.

## 4.

וואָס שייך דעם פאָלקלאָר גופא פון אונדזער צייט, דארף מען פעסט־
שטעלן, אז באזונדערס אנטוויקלען זיך דאָ באשטימטע פאָלקלאָריש־ליטעראַרישע
איבערגאנגס־פאָרמעס, וואָס זיינען שוין ניט מער „ריינער״ פאָלקלאָר און נאָך ניט
„ליטעראטור״.
אין די וואנטצייטונגען וועלן מיר געוויינלעך קיין שום פאָלקלאָר ניט
געפינען, זיי זיינען ערגער אָדער בעסער געשריבן און צונויפגעשטעלט, אָבער
דורכויס „ליטעראַריש״. דאָס פארשטייט זיך אליין און קאָן אנדערש ניט זיין. אויב
עס ווערט אָבער אין דער שטאָט און אינעם דאָרף פאָרט נאָך געשאפן פאָלקלאָר,
כראָנס ער שוין ווערקער א דייטלעכן איבערגאנגס־כאראקטער.
קעריר ריכטיק קאָנען באשטימען אונדזער באציונג צו דידאָזיקע איבערגאנגס־
פארמעס, ווען פריער נייטיק זיין מיט עטלעכע ווערטער קלאָר מאכן דעם באטייט
אין די טענדענצן פון די מיש־פאָרמעס אין פאָלקלאָר ביכלאל.
בא די פאָלקלאָריסטן הערשט א באשטימטע אומזיכערקייט בענעגייע א טייל
זשאנרען „פאָלקלאָר״, וואָס ווערן אמאָל איינגאנצן אָנגענומען אלס „פאָלקלאָר״ און



ווידער אמאָל איינגאנצן ארויסגעוואָרפן פון „פאָלקלאָר״, אלס „אומעכטע״, „געמאַ־
לאָכטעטע״ און האלב־ליטעראַרישע שאפונגען. אזוי, למשל, די טשאסטושקעס,
ראָמאנסן, באשטימטע „לידער״ פון „לידער־ביכער״, „ציגיינער־לידער״, פארטיידעגע
מינים גאסן־ און בעטלער־לידער, שאנסאָנס, באשטימטע „פאָלקסטימלעכע״ קופּלעטן,
„בענקל־לידער״ א.אז.וו. זיי ווייזן סיי סימאָנים פון פאָלקלאָר, סיי סימאָנים פון ליר־
טעראטור — און צוליב דעם ווערן זיי פון ביידע ניט אָנערקענט. אינעמעכן איז דאָס טאקע
שוין ניט מער קיין „ריינער״ פאָלקלאָר, ווייל צו קיין ווייטערדיקער אנטוויקלונג אין
דער פאָלקלאָר־ליניע וועט דאָס שוין ניט מער פירן, אָבער אויך נאָך ניט קיין איינ־
טלעכע „ליטעראטור״. זיי זיינען די לעצטע סטאַדיע פון יענעם און די ערשטע
פון דעם.
אזא מיש־סטיל איז אין זיין „קלאסישער צייט״ דעריקער כאראקטעריסטיש
פאר די אויסדרוק־פאָרמעס פון פארמעגלעכע פויערים־הענדלערס און שטאָטישע דריבנע
בירגער (אויך באלמעלאָכעס) אין זייער איבערגאנג צו פעסטערע „בורזשואזע״ פאָרמעס.
דידאָזיקע פאָלקלאָרישע מיש־פאָרמעס (אין זייער „קלאסישער״ צייט) אנטשפּרעכן לויט
זייער איינגעלעכן אינצווייגקסנס טאָג דער וואקלדיקער סאָציאַלער סיטואציע און כאָ־
ציאלער אָנגעצילטקייט פון הענדלעריש־פויערישן און שטאָטישן דריבנעם בירגערטום.
דערדאָזיקער באזיס פון די מיש־פאָרמעס באווייזט זיך בולעט אין א גאנצער ריי טיפּיש־
מיעשטשאנישע שטריכן סיי אינעם אינהאלט סיי אין דער פאָרם: וואקלדיקייט
פון דער אידעאָלאָגיע, אָפּגעטויסנדיקע פיליסטערישקייט, טעמפּקייט, פאכדאָנעס און
צעלאָזטקייט, זיסלעכע באנאלישקייט, זויינערלעכע סאנטימענטאליקייט און צעקראָכנ־
קייט. דער פויערישער הענדלער האָט ליב, אנטשפּרעכנדיק צו זיין קלאסנ־כאראקטער,
איבערצוגעמען פאר זיין דיכטערישן אויסדרוק־־שטריכן גראָד פון דעמדאָזיקן מיע־
שטשאנישן פאָלקלאָר־ליטעראַרישן איבערגאנגס־נוסעך. אין זיין שאפונג אין דעמדאָזיק
מיש־געביט קומען צו צו די אייגענע שטריכן אויך שטאָטיש־מיעשטשאנישע־־און אָפט
אמאָל אויך זייער קאָמישע מיספארשטייענישן און אומגעלומפּערטקייטן.
אין באשטימטע פראָטים ענלעך, אָבער דורכויס ניט איינגאנצן דאָס אייגענע, זיינען
געוויסע פאָלקלאָריש־ליטעראַרישע איבערגאנגס־פאָרמעס, וואָס מיר טרעפן אָן בא א
טייל מער אָפּגעשטאנענערן פראָלעטאריאט סיי אין פעריאָד פון רעוואָלוציאָנערער
צוגרייטונג, סיי נאָך דער פראָלעטארישער רעוואָלוציע. דער פראָלעטאריאט איינ־
גאנצן גענומען גייט דעמאָלט מיט ריזיקע טריט צו נייע פאָרמעס און מעמיילע אויך
צו „ליטעראטור״ (פראָלעטארישער) אין ברייטסטן זינען. אָבער א טייל מער אָפּגע־
שטאנענע עלעמענטן, נייע אָנגעקומענע פון דאָרף און שטעטל, האלטן זיך נאָך אום
בעשאס זייער איבערגאנגס־צייט צו פולער איוורעדיקייט און צו פאָליטישער
באוווסטזיניקייט — בא איבערגייענדיקע מיש־פאָרמעס סיי אינעם שטייגער
סיי אין דער וואָרט־שאפונג. דערדאָזיקער פאקט טאָר ניט סטאם איגנאָ־
רירט ווערן. די אָפּגעשטאנענקייט און א באשטימטע נעטיע צו „מיעשטשאנישקייט״
דריקן זיך דאָ אויס אויך אין דער נעטיע צו דידאָזיקע פאָלקלאָריש־ליטעראַרישע
מיש־פאָרמעס, ווייל עס פעלט נאָך בא זיי א פול אויסגעארבעטער קלאסנ־באוווסט־
זיין און אן אויסגעפירעטער קלאסאָווער שטייגער.

.5

דידאָזיקע מיש־פֿאָרמעס זײַנען דאָ געװײנלעך בלױז אַן עטאַפּ, אינהאַלטלעך און פֿאָרמעלע, אױפֿן װעג צו „ליטעראַטור". אָבער אױך דערדאָזיקער עטאַפּ־צושטאַנד טאָר באַשטימט ניט דאַרף איגנאָרירט װערן, סײַ אַלס פֿאָרשונג־אָביעקט, סײַ אַלס פֿאַר ליטעראַריש־אידעאָלאָגישער אױפֿװירקונגס־מיטל. די הײַנצײַטיקע באַזונדערס סאָװעטישע סטאַכאַנאָװסקע איז טאָקע אַמאָל אַ באַשטימטער טריט פֿאָרױס פֿון „פֿאָלקלאָר", צו „ליטעראַטור", אָבער אין די פֿעלבלעך פֿון איר אינהאַלט און פֿון איר פֿאָרם קענען זיך זײער גרינג באַהאַלטן די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע און אַפֿילו רעאַקציאָנערע עלעמענטן.

דידאָזיקע איבערגאַנג־פֿאָרמעס אַנטװיקלען זיך געװײנלעך אָן דעם קאָנטראָל פֿון דער „ליטעראַטור", ד. ה. פֿון דער פּראָלעטאַריש־געזעלשאַפֿטלעכער אָנפֿירונג. אָפֿט און גרינג שמוגלען זיך דאָרט אַרײַן, באַהאַלטן אָדער אָפֿן, אינעם אינהאַלט און אין דער פֿאָרם אַרײַן, קלאַסן־פֿײַנטלעכע װירקונגען. די אײגנטלעכע רעװאָלוציאָנער־באַװוסטזיניקע פּראָלעטאַרישע אַנטװיקלונג אױפֿן געביט פֿון װאָרט־שאַפֿונג שפּיגלט זיך אױס אָפּ דערײַקער און קלאָרער אױסשליסלעך אין די טעמעס פֿון „ליטעראַרישקײט"; אין די „בעזפּריזאָרנע" פֿאָלקלאָריש־ליטעראַרישע מיש־פֿאָרמעס האַלט אָפּטמאָל דער קלאַסן־פֿײַנט, װאָס דרײט זיך דאָרט אַרום אונטער מענטעלע פֿון נאַיװער אומבאַװוסטזיניקײט און אומשולדיקער באַנאַלקײט.

פֿון דער אַנדערער זײַט איז דאָס לאַבסאָלוט ניט קײן כּלל־זאַך. פּונקט אַזױ קענען אַמאָל אין די דאָזיקע איבערגאַנג־פֿאָרמעס קומען צום אױסדרוק אױך דורכױס רעװאָלוציאָנערע און פּאָזיטיװע טענדענצן.

דעריבער איז עס פֿאַרשטענדלעך און נײטיק און ריכטיק, אױב די פּראָלעטאַרישע שרײַבער באַציִען זיך דידאָזיקע ניט־באַאױפֿזיכטיקטע שאַפֿונגען באַװוסטזיניק אױסצוקלערן אױף „ליטעראַרישע" — דאָס הײסט דיסציפּלינירט באַאױפֿזיכטיקטע — פּראָלעטאַרישע רעלסן. סײַ דירעקט, שאַפֿנדיק װערק אין אַ קאָמערשטענלעכן סטיל, סײַ אומדירעקט, איבערנעמענדיק פֿון דעם־דאָזיקן שטײגער באַשטימטע עלעמענטן פֿאַר דער ליטעראַרישער אױפֿװירקונג. און דאָס איז דער אײגנטלעכער באַטײַט און זין פֿונעם ריכטיק אָנגעװענדעטן רעװאָלוציאָנערן פֿאָלקלאָריזם אין דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

אױסנוצן עלעמענטן פֿון דידאָזיקע פֿאָלקלאָריש־ליטעראַרישע זשאַנערן פֿאַר צװעקן פֿון פּראָלעטאַריש־פּאַרטײיִשער אױפֿװירקונג (מאַיאַקאָװסקי, ביעדני, בעזימענסקי א.א.) — הײסט ניט שלעפּן אָפּ צוריק, צו פֿאָלקלאָר, נאָר פֿאַרקערט, דעם פֿאָלקלאָר באַאַרבעטן, כּדי אים צו ליקװידירן דורך „ליטעראַטור", אַריבערציִען אױך די אָפּגעשטאַנענע טײלן אין די אַרבעטער־ און קאָלװירט־מאַסן צו די אינהאַלטן און פֿאָרמעס פֿון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און אירע פּאַרטײיִשע צװעקן. דאָ װיל מען ניט פֿאַרײביקן דעם פֿאָלקלאָריזם, דאָ דינט ער ניט אָפּ צו „באַפֿרישן און צו באַפֿרוכפּערן" די ליטעראַטור, נאָר פֿאַרקערט אָפּ צו באַפֿרישן און צו באַפֿרוכפּערן די רעשטלעך פֿאָלקלאָרישקײט באַם אָפּגעשטאַנענעם טײל אַרבעטנדיקע מאַסן, אַז אַפֿילו דידאָזיקע



רעשטלעך זאָלן דינען דער סאָציאַליסטישער בױונג, װאָס דערפֿירט אינעם רעזולטאַט צום פֿולקומען אָפּגאַנג פֿון פֿאָלקלאָר [1], פּונקט אַזױ װי פֿון די סיבעס, װאָס האָבן אים געשאַפֿן.

.6

גענױ אין דערזעלבער מאָס, אױפֿן זעלבן אופֿן, מיט דערזעלבער קריטעריע דאַרף אױפֿגענומען װערן אױך שפּראַך־פֿאָלקלאָר אין אונדזער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. די מאַרקסיסטישע לינגװיסטיק אין שפּראַך־רעגוליר־אַרבעט איז מיט דער פֿיקסירונג פֿון דיאַלעקטן און פֿון שפּראַך־פֿאָלקלאָרישע עלעמענטן ניט אױסן קינסטלעכע אַרױסצואַרבעטן אין אַרומגעגרענעצן, צו איזאָלירן באַזונדערע „שפּראַך־שװאָטים". אינעם קאָנטר־פּאַטריאָטיזם פֿון דער בורזשואַזער דיאַלעקט־ און פֿאָלקלאָר־פֿאָרשונג, לעמאָשל, אין דער דײַטשער, קומט צום אױסדרוק דער קאָנפֿליקט צװישן די אַלגעמײן־מעלוכישע און לאָקאַל־מעלוכישע אינטערעסן: Reich און Land אין דער עלטערער צײַט; און אין דער נײַער צײַט: צװישן די צענטראַליסטישע אַלמעלוכישע אינטערעסן פֿונעם טראַסטירטן פֿינאַנס־קאַפּיטאַל אױף אײן זײַט און די לאָקאַל־אינטערעסן פֿונעם קלענערן אָרטיקן קאַפּיטאַל* פֿון דער אַנדערער זײַט.

אָסאָ די אַלע קאָנפֿליקטן זײַנען בײַ אונדז ניט מעגלעך, אונדזער דיאַלעקט־ און פֿאָלקלאָר־פֿאָרשונג האָט גאָר אַנדערע צילן, זי װיל ניט „איזאָלירן" דיאַלעקט־גרופּעס, נאָר פֿאַרקערט, זי װיל זײ פֿאַראײניקן, פֿאַרגרינגערן דאָס צונױפֿרײדן. די דיאַלעקטישקײט אָדער פֿאָלקלאָרישקײט פֿון אַ װאָרט אָדער װענדונג איז פֿאַר אונדז ניט קײן אַבסאָלוטער פֿעלער, װאָס מוז אין אַלע פֿאַלן זײַן אַנטשײדנדיק. דערבײַ אָבער באַציִען מיר זיך ניט מיט הײליקן יראת־הכּבֿוד צו יעדן דיאַלעקטישן און שפּראַך־פֿאָלקלאָריסטן ברױזעלע.

די מאַרקס־לענינישע שפּראַך־אַרבעט איז זײער װײַט פֿון אַ פּראָגראַמע, װאָס װיל אַרײַננעמען דעם גאַנצן שלאַק אָפּגעשטאַנענעם שפּראַך־מאַטעריאַל פֿון אַלע דיאַלעקטן, זשאַרגאָנען, פֿאָלקלאָר־לידער א. אַ. װ. אין דער ליטעראַרישער שפּראַך אַרײַן. (אין אַזאַ פֿאָדערונג קומט צום אױסדרוק אַ רעאַקציאָנערער נאַציאָנאַליזם, װאָס קװיקט זיך מיט די נאַציאָנאַלע „אורטימלעכע" װאָרט־אוצרעס און ציטערט מיט שאָװיניסטישער קאַרגשאַפֿט איבער יעדן װאָרט־ברױזעלע). די ליטעראַרישע שפּראַך דאַרף און מוז זײַן אינטערדיאַלעקטיש, אַן אױסגעפּרוװטע פֿון דער פּראַקטיס, אַן אױסקאָריגירטע ניט בלױז פֿונעם פּראַקטישן לעבן, נאָר אױך פֿון דער טעאָריע לױט אױספֿירן פֿון דער רעװאָלוציאָנערער און סאָציאַליזם־בױענדיקער פּראַקטיס. דעריבער װעט די מאַרקסיסטישע לינגװיסטיק ניט דערלאָזן, אַז עס זאָלן אױסגעביטן װערן פּאַסיקע און אױסשפּרעכנדיקע װערטער, באַגריפֿן, בילדער און װענדונגען א. אַ. װ. אױף װײניקער פּאַסיקע נאָר צוליב דעם, װאָס זײ זײַנען „פֿאָלקסטימלעך" און האָבן דעם זיבעטן כײן.

[1] אַ טעות איז צו מײנען, אַז אַזעלכע דערשײַנונגען װי נאָמען־פּאַרטיזאַנגעלע (באָרקאָנבריעל, קאָזר־באַרבעז א. אַ. װ.) איז אַ „נײַער פֿאָלקלאָר". דידאָזיקע פּאַרקירצונגען זײַנען פֿאַרקערט אַן אַבסאָלוטער הײבעך פֿון פֿאָלקלאָר און אַ דירעקט ליטעראַרישע דערשײַנונג.

.7

אָבער בהשׂכּלהשן איז ניט נייטיק זיכ אָבסאָליוט אָפּצוזאָגנ פונ פּאָלקלאָרישנ שפּראַכ־מאַטעריאַל אינ אַלע פאַלנ בלויז דערפאַר, ווײַל ער איז פּאָלקלאָריש. די פּאָלקלאָריסטיקײַט אַלײנ קענ ניט זײַנ קײנ אָפּהאַלט צו נעמענ פונעם שפּראַכ־מאַטעריאַל דאָס, וואָס איז נייטיק און פּאַסיק פאַרנ אויסדרוק אינ פאַר די באַדערפענישנ פונ פּראָלעטאַריאַט אַלס רעוואָליוציאָנערנ און סאָציאַליזם־בויענדיקנ קלאַס.

די פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציע פאַרניכטעט, וואַרפט איבערנ באָרט אומגעהייערע אָנגעזאַמלטע שפּראַכ־אוצרעס, אַלס איבעריקע און פאַרמישפּעטע צום אונטערגאַנג. זי וואַרפט אַרויס די ספּעציפישע שפּראַכמיטלענ (אַלס אַזעלכע) פונ די אונטערגייענדיקע קלאַסנ — אינאיינעם מיט די קלאַסנ און זייערע טענדענצנ. דאָס אייגענע האָט די בורזשואַזיע געטאָנ מיט דער שפּראַכ פונ פעאָדאַליזם. ווענ די שפּראַכ־פּראָצעסנ, וואָס זײַנענ פאָרגעקומענ אינ פראַנקרײַכ אינעם 17־טנ יאָרהונדערט בא דער קאָנסאָלידאַציע פונ אַבסאָליוטיזם צוליב די באַדערפענישנ פונ דער בורזשואַזער אַנטוויקלונג, דערציילט פּאָסלער, אַז אינ דער גאַנצער געשיכטע פונ דער פראַנצויזישער שפּראַכ איז קײנמאָל ניט אַרויסגעוואָרפנ געוואָרנ אַזאַ ריזיקער מאַטעריאַל ווי דעמאָלס (ער טאַנצט אָפּ דאָס אַרויסגעוואָרפענע אַפּ דער העלפט פונ דער גאַנצער דעמאָלטיקער שפּראַכ).

אָבער אינ דער אייגענער צײַט רײַסט אויפ די פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציע אומגעהייערע שפּראַכ־קוואַלנ. און באַפרײַט די שפּראַכ־שאַפערישקײַט. זי פירט אַרויס אַפּ דער ליכטיקער שײַנ די ביז דעמאָלט שטיפמוטעריש באַהאַנדלטע שפּראַכ פונ די פאַרוואָרפענע קאַסטנ, זי הייבט אַרויס און גיט גאָר א באַזונדערנ באַטײַט דער שפּראַכ פונעם פּראָלעטאַריער, דער פּראָפעסיאָנעלער שפּראַכ, דער שפּראַכ פונ רעוואָלוציאָנערער קעמפערישקײַט, דער שפּראַכ פונעם אָרעמ־פויער. זי וויל אָבער די־אָזיקע שפּראַכ־סטילנ, דיאַלעקטנ און זשאַרגאָנענ ניט סטאַבּיליזירנ אינ זייער דיפערענצירטקײַט; זי וויל אײנעמ פונ אַנדערנ ניט איזאָלירנ, ווי דער רעאַקציאָנערער דיאַלעקטאָלאָגיזם אינ פּאָלקלאָריזם — נאָר פּונקט פאַרקערט.

אינ ווײַטער וויל זי זיי אויכ ניט אַרײַננעמענ אַזויווי זיי גייענ און שטייענ אינ דער אַלגעמײנער שפּראַכ־בויונג, וואָס דאַרפ אינ אַלע פּראָטימ אַנטשפּרעכנ דעמ פּעריאָד פונ פאַנאַנדערגעוויקלטער סאָציאַליסטישער בויונג און פונ דורכפירנ די קולטור־רעוואָלוציע. דער מאַרקסיסטישער לינגוויסט דאַרפ גוט געדענקענ, אַז אינ די־אָזיקע שפּראַכלעכע רוי־מאַטעריאַלנ זײַנענ פאַראַנ היפּשע עלעמענטנ פונ קאָנסערוואַטיווקײַט, אַז זייער אָפּט געפינענ מיר אינ זיי די רעזולטאַטנ פונ אונטערדריקונג, אָפּגעשטאַנענקײַט און פאַרהאָרלאָזטקײַט — לעבנ עלעמענטנ פונ פּראָטעסט, בונטאַרישער קעמפערישקײַט און פאָרשריטלעכקײַט. אויכ צו דער־אָזיקער שפּראַכלעכער פּאָלקלאָר־ירושה מוזנ מיר צוגייענ דיאַלעקטיש מיט יאָ און ניינ. די־אָזיקע ירושה איז אינגאַנצנ אינ אַלע פּראָטימ נעענטער צום האַרצנ איידער אַנדערע אָפּנ געביט פונ שפּראַכ — אינ גראַד דעריבער דאַרפ מענ דאָ באַזונדערס געהיט זײַנ. בעשומאופנ איז דאָס ניט קײנ אַקטועל־גילטיק געלט, וואָס מע קענ אַזויווי ס׳גייט און שטייט איבערנעמענ אינ לאָזנ אינ קורס.



ס׳איז א קולטור־ירושה פונ פאַר דער רעוואָלוציע, אַמאָל א האַרציקע, אַנ אייגענע, אָבער פּאָרט א ירושה, וואָס קענ נאָר דיאַלעקטיש אײַנגענומענ און אײַנגעייגנט ווערנ. עס ווערנ אויפגענומענ יענע עלעמענטנ, וואָס זײַנענ נייטיק און פּאַסיק אַלס צונויפפיר־ און אויסדרוק־מיטלענ פאַרנ פּראָלעטאַריאַט, פאַר זײַנ רעוואָליוציע און פאַר זײַנ מאַטעריעלער און קולטורעלער סאָציאַליסטישער בויונג. צו דעמ צוועק נוצט אויס די מאַרקס־לענינישע שפּראַכבויונג סײַ די רעזשיאָנאַלע סײַ די קלאַסאָווע, פּראָפעסיאָנעלע א. אז. וו. שפּראַכ־קוואַלנ, וואָס זײַנענ פונ דער הערשנדיקער אָפיציעלער ליטעראַטור־שפּראַכ צוליב קלאַסאָווע טעמימ (אַמאָל אויכ צוליב טעמימ פונ אינערלעכנ קלאַסנקאַמפּ) פאַרשוויגנ געוואָרנ, כאָטש ס׳איז פאַר באַשטימטע זאַכנ, באַגריפנ און פאָרשטעלונגענ ניט פאַראַנ געווענ קײנ בעסערע וואָרט־אַדעקוואַטנ ווי אינ די־אָזיקע שפּראַכ־קוואַלנ. זי נעמט אָבער פונ אַלע אַרבעטער־באַרופנ, קאַסטנ א. אז. וו. נאָר יענע עלעמענטנ, וואָס פּאַסנ אַמבעסטנ צו די דערמאָנטע צוועקנ. אַלע איבעריקע עלעמענטנ פאַלנ אַרויס פונ דער אינטערדיאַלעקטישער ליטעראַטור־שפּראַכ. (אינ אַנדערער אינינ איז דאָס ליטעראַרישע שאַפנ אינ דיאַלעקט־שפּראַכנ, וואָס האָט נאָכ דורכויס א באַרעכטיקונג און זינ אַזוי לאַנג די־אָזיקע דיאַלעקטנ ווערנ פּאַקטיש אינ לעבנ באַניצט פונ פּראָלעטאַריער און קאָלווירטניקעס).

.8

די קריטעריע איז דאָ: דער מאַקסימום פונ דײַטלעכקײַט, אויסדרוק־פעיִקײַט, צוגעפּאַסטקײַט צום מיינ, פּלאַסטישקײַט און פונ מעגלעכקײַט צו זײַנ אָדער גיכ צו ווערנ אַלגעמיינ־פאַרשטענדלעכ — בא א מינימומ פונ וואָרט־הויצאָעס צוליב די דירעקטע צוועקנ פונ רעוואָליוציע (אינ קאַפּיטאַליסטישנ אויסלאַנד) און סאָציאַליסטישער בויונג.

אויב טאַלהיימער דערציילט (אינ זײַנ אַרײַנפיר צו מערינגס „Zur Literatur-geschichte“ בד. I, ז. 32), אז „די עמעסע באַנײַונג פונ דער שפּראַכ פונ פּראָלעטאַריאַט) קומט דאָ געוויינלעכ פאָר דורכ דעמ, וואָס מע שעפּט פונ די טיפשיכטנ פונ דער פאָלקסשפּראַכ (aus den Tiefenschichten der Volkssprache) פּונקט אַזוי ווי פונ דער רײַכקײַט אינ פאַרגאַנגענע קרעפטיקערע שפּראַכ־פּעריאָדנ“, איז דאָס דורכויס פאַלש און רעאַקציאָנער. עס הענגט צונויפּ מיט דער גאַנצער טראָצקיסטיש־קאַוטסקישער קאָנצעפּציע, אַז דער פּראָלעטאַריאַט אַלס אַזעלכער איז ניט אימשטאַנד צו שאַפנ אַנ אייגענע פּראָלעטאַרישע קולטור, ליטעראַטור — און ממילא אויכ ניט קײנ אייגענע שפּראַכ. אָפּגערעדט פונ דער אומפּינקטלעכקײַט און רעאַקציאָנערישקײַט (באַשטימטע אומפּינקטלעכקײַטנ, אַזעלכע ווי דאָ, האָבנ א דורכויס באַוווסטזיניקע רעאַקציאָנערע פאַרהאַנאָבע) פונ אַזעלכע באַגריפנ ווי Tiefenschichten און Volkssprache, האָבנ מיר דאָ נאָכ א ראָמאַנטיש־קאָנסערוואַטיווע רעקאָמענדאַציע זיכ צו ווענדנ צום Reichtum vergangener kräftiger Sprachperioden סטאַמ! און אויכ צו די „טיפשיכטנ“ — סטאַמ! אָנ דיפערענצירונג, אָנ יעדנ דיאַלעקטישנ צוגאַנג. דאָס איז הוילער רעאַקציאָנערער פּאָלקלאָריזם פונ ערגסטנ סאָרט. פאַרשטייט זיכ:


3—692

אויב דער פּראָלעטאַריאַט איז ניט אימשטאַנד צו שאַפֿנ קיינ אייגענע פּראָלעטאַרישע קולטורווערטנ בלײַבט אימ נאָר איבער צו נעמענ פֿונ די טיפֿ-שיכטנ ס ט א מ, אונ זיכ אָנצושפּאַרנ אַפֿ דער רײַכקײַט פֿונ די פֿאַרגאַנגענע שפּראַכ-פּעריאָדנ — אויכ סטאַמ.

אינ דער נײַער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור- אונ רייד-שפּראַכ, וואָס וואַקסט אײנײנעמ מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג (זע, לעמאַשל, דײַטשלאַנד אונ אַנדערע לענדער) אונ וואָס נעמט אָנ די שטאַרקסטע אַנטוויקלונגס-טעמפּנ אונטער דער דיקטאַטור פֿונ פּראָלעטאַריאַט, ווערט צומ לעצטנ מאָל אויפֿגעהויבנ שפּראַכ-פֿאָלקלאָר אונ פֿאָלקלאָר-שפּראַכ[1] אינ ברייטסטנ זינענ פֿונ דידאָזיקע צוויי באַגריפֿנ, ד. ה. ווי מאַטעריאַלנ פֿונ א קלאַסאָווונ כאַראַקטער (זע ווײַטער). פֿונ דאַנענ אָנ אונ ווײַטער גייט שוינ די שפּראַכ-אַנטוויקלונג אַפֿ יענעמ וועג, וואָס ליקווידירט די דואַליסטישקײַט פֿונ „פֿאָלקלאָר" אונ „ליטעראַטור", זי אַנטוויקלט זיכ שוינ ניט מער אַפֿ טאָפּלטע יעסודעס לויט דעמ פּרינציפּ פֿונ העכערע אונ נידעריקערע קלאַסנ, קיינ שומ באַזיס פֿאַר אַנ אייגנטלעכער אונ בלײַבנדיקער פֿאָלקלאָרישער אַנטוויקלונג איז שוינ ניט מער פֿאַראַנ, די „ווירקלעכע" אַנטוויקלונג קענ נאָר גיינ אַפֿנ וועג פֿונ „ליטעראַטור", ד. ה. דאָ לויט די אינטערעסנ פֿונעמ הערשנדיקנ פּראָלעטאַריאַט, וואָס פֿאַרווירקלעכט דעמ סאָציאַליזמ, וועלכער פֿאַרניכטעט דעמ קלאַסנ-פּרינציפּ ביכלאַל.

דערמיט ווערט ניט געזאָגט, אַז ס'איז דאָ שוינ בײַ הײַנטיקנ טאָג ניט מער בײַטיק קיינ פֿאַרשאַרפֿסטע אידעאָלאָגישע אויפֿמערקזאַמקײַט, פּונקט אַזוי ווי אַפֿ אַלע אַנדערע אידעאָלאָגישע געביטנ. אָבער די רעשטלעכ פֿונעמ קלאַסנ-פֿײַנט אינעמ לאַנד קענענ, פֿאַרשטייט זיכ, ניט מער אויסבויענ קיינ אייגנקלאַסיקע שפּראַכ. די דורכפֿירונג פֿונ דער קולטור-רעוואָלוציע ברענגט מיט זיכ, אַז אויב ס'איז נאָכ פֿאַראַנ בײַ א טייל אַרבעטער טרעגער, שאַפֿער אונ געברויכער פֿונ יעדער מינ פֿאָלקלאָר-שפּראַכ (אינ ברייטסטנ זינענ) הערנ זיי אויפֿ צו זײַנ אַזעלכע, ווײַל דער גאַנצער פּראָלעטאַריאַט ווערט דער איינציקער „געבילדעטער קלאַס", וואָס שאַפֿט „ליטעראַטור-שפּראַכ", זײַנ ליטעראַטור-שפּראַכ. וואָס מער מיר דערנעענטערנ זיכ צומ סאָציאַליזמ, אַלץ מער פֿאַרשווינדט יעדער באָדנ אונ מעגלעכקײַט פֿאַר „פֿאָלקלאָרישקײַט" אַפֿ אַלע געביטנ.

## VI. דער מעהוס פֿונ דער הײַנטצײַטיקער בירגערלעכער פֿאָלקלאָריסטיק (אינ דײַטשלאַנד)

### 1.

מיר האָבנ זיכ פֿריִער באַמיט נאָכצוווײַזנ אַפֿ עטלעכע בײַשפּילנ די דיאַלעקטיק אינ דער געשיכטע פֿונ ע ט נ אָ ג ר אַ פֿ י ז מ אונ פֿ אָ ל ק ל אָ ר י ז מ. אָבער אויכ די געשיכטע פֿונ עטנאָגראַפֿיע אונ פֿאָלקלאָריסטיק, ד. ה. פֿונ דער ווי ס נ ש אַ פֿ ט וועגנ עטנאָגראַפֿישנ שטייגער אונ וועגנ פֿאָלקלאָר האָט איר דיאַלעקטיק. די פֿאַרשיידענע מעטאָדאָלאָגישע קאָנצעפּציעס בײַ פֿאַרשטייער פֿונ דערדאָזיקער

1) שפּראַכ-פֿאָלקלאָר — שפּראַכלעכער פֿאָלקלאָר, פֿאָלקלאָר אַזוי ווײַט ער דריקט זיכ אויס בלויז אינ דער שפּראַכ אַלס אַזעלכער; פֿאָלקלאָר-שפּראַכ — איז די שפּראַכ, אינ וועלכער דער וואָרטלעכער פֿאָלקלאָר ביכלאַל דריקט זיכ אויס. וועגנ טערמינאָלאָגישע פֿראַגעס — אינעמ צווייטנ טייל פֿונ דערדאָזיקער אַרבעט.



וויסנשאַפֿט דאַרפֿנ דיפֿערענצירט ווערנ לויט זייערע אַנטשטייונגס-מאָטיוועס אונ לויט זייערע פֿונקציעס אונ טענדענצנ.

אַמאָל באַטײַט „עטנאָגראַפֿיע" די וויסנשאַפֿט וועגנ דעמ, וואָס איז אייגנטימלעכ דעמ איינעמ „פֿאָלק" (אינ נאַציאָנאַלנ זינענ). אַנ אַנדער מאָל — די וויסנשאַפֿט וועגנ דעמ, וואָס איז שוטפֿעסדיק אַלע פֿעלקער בײַ באַשטימטע שטאַפֿנ פֿונ אַנטוויקלונג (לויט א באַשטימטער „עטנאָלאָגישער" קאָנצעפּציע), אונ אַמאָל — די קולטור-שאַפֿונגענ פֿונ באַשטימטע קלאַסנ אינ באַשטימטע היסטאָרישע פּעריאָדנ — אַנטקעגנגעשטעלט צו דער אַנטשפּרעכנדיקער קולטור-שאַפֿונג פֿונ אַנדערע קלאַסנ, אונ ווידער אַמאָל — אָט אָ דאָסדאָזיקע אַלץ אינאיינעמ אָנ דײַטלעכער אָפּגרענעצונג. דידאָזיקע אומקלאָרקײַט אינ דער אַרומגרענעצונג פֿונעמ טערמינ אונ זײַנ געביט איז דורכויס ניט קיינ צופֿעליקע, זי ווײַזט אָנ אַפֿ פֿאַרשיידנסטע סאָציאַלע קוואַלנ. אָבער נאָר דורכ א קאָנקרעטנ אַנאַליז קענ מענ קלאָר אַרויסבאַקומענ דעמ אייגנטלעכנ סאָציאַלנ מעהוס פֿונ יעדנ מעטאָדאָלאָגישנ צוגאַנג באַזונדער.

זינט מע האָט, לעמאַשל, אָנגעהויבנ זאַמלענ אונ וויסנשאַפֿטלעכ באַאַרבעטנ וואָרט-פֿאָלקלאָר אונ ביז אַפֿנ הײַנטיקנ טאָג איז דידאָזיקע וויסנשאַפֿט אָפֿט אויסגענוצט געוואָרנ פֿונ פֿאַרשיידענע רעאַקציאָנערע שטרעמונגענ אינ פֿאַרשיידענע לענדער. מיט דער הילפֿ פֿונ דער „אורייגענער, אורטימלעכער פֿאָלקסשאַפֿונג", מיט אירע געהעריק „באַאַרבעטע" „אויצרעס" האָט מענ זייער אָפֿט געקנאָטנ דעמ מאַטעריאַל פֿאַר די „היסטאָרישע" באַגרינדעטע פּליטעריעכ, מיט וועלכע מע האָט באַפּוצט די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע — אונ הײַנט די כאַשיכטיש-אימפּעריאַליסטישע — אידעאָלאָגיעס. בײַ די טערמינענ: פֿאָלקסקענטעניש, פֿאָלקסטימלעכ, פֿאָלקסגײַסט, פֿאָלקסמײַסע, פֿאָלקסליד, פֿאָלק-לאָר א. אַז. וו. האָט מענ אָפֿט שפּעקולירט אַפֿ דער אומקלאָרער פּילטײַטיקײַט פֿונעמ באַגריפֿ „פֿאָלק": די גאַנצע נאַציע, אָדער האַמוינ, אָדער סאָציאַל-נידעריקסטע מאַסנ א. אַז. וו.

מע האָט אָפֿט בעקיווונ געלאָזט אומויסגעקלאָרט דעמ באַגריפֿ „פֿאָלק", אויסנוצנדיק דעמ מער דעמאָקראַטישנ באַטײַט דאָרט, וווּ מע האָט באַוווּסטזיניק דורכגעפֿירט „נאַציאָנאַל-אורייגנטימלעכע" טענדענצנ. אונ אַפֿילע מיטנ „דעמאָקראַטישנ" טײַטש האָט מענ צומאָל געוואָלט בלויז קערעווענ די אויפֿמערקזאַמקײַט אַפֿ יענע עלעמענטנ אינעמ פֿאָלקלאָר פֿונ די „טיפֿסטע גערדיכטענישנ אונ די אונטערשטע מאַסנ", וווּ עס האָבנ זיכ אַמרייִנסטנ אָפּגעהיט די סאַמע גערדיכטסטע, אָפּגעשטאַנענסטע אײַנהאַלטנ אונ פֿאָרמעס פֿונ דער „נאַציאָנאַלער ספּעציפֿיק" — אינעמעכנ פֿונ דער „נאַציאָנאַלער" אָפּגעשטאַנענקײַט. אַפֿ יענע ווינקלענ אינעמ פֿאָלקלאָר, פֿונ וואַנענ עס האָבנ זיכ געלאָזט שעפּנ די אָפּגעשטאַנענסטע, באַגרענעצטסטע זיכרוינעס אונ מאַטעריאַלנ פֿאַרנ בוי פֿונ א נאַציאָנאַלנ גײַסט, אַפֿ צו קאָנסטרויִרנ דעמ „טיפֿסטנ מעהוס פֿונ דער אומע", דעמ „סאָד" אירנ.

### 2.

די „טיפֿסטע סודעסדיקע אויצרעס פֿונ דער פֿאָלקס-נעשאָמע", יענער טייל אינעמ פֿאָלקלאָר, וואָס אַנטשפּרעכט צו די ר ע ז ו ל ט אַ ט נ פֿונ יאָרהונדערטער אונטער-

דריקונג (דערדאָזיקער רעוואָלטאַט און די אונטערדריקונג האָבן זיך קעגנזײַטיק געקענט
„באַוויניקן") — האָט אויך אַפּ ווײַטער און אפילו באַ הײַנטיקן טאָג געקענט דינען
קעדיי אײַנצושלעפּערן „די געדיכטע מאַסן". עס דערגייט ביז צו מעטאָדאָלאָגיעע
פּרוּוונג צו „עטנאָגראַפּיזירן" אַלע „גײַסטיקע", ד. ה. אַלע סאָציאַל־עקאָנאָמישע
וויסנשאַפטן ביכלאַל: די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, פּאָליטישע, די געשיכטלעכע, די
פילאָסאָפיע א. אַז. וו. דאָס אַלץ דאַרף לויט אַן „אומשולדיקער און באַגײַסטערטער"
קאָנצעפּציע אַרײַן אַלס טייל־דיסציפּלינעס און אונטערן באַהערשנדיקן אַספּעקט פון
דער עטנאָגראַפיע!

וואָרעם ס'איז דאָך א פּראָסטער כעשבן: עטנאָגראַפיע איז וויסנשאַפט וועגן
פעלקער, „די פעלקער" באַשטייען פון איינצלנע נאַציעס און אירע „שטאַנדישע"
גרופּעס, און זיי — פון איינצלנע אינדיווידן, מעמיילע געהער שוין אַלץ, וואָס איז
שײַעך צו אַלע פעלקער, צו באַזונדערע נאַציעס, צו אירע גרופּעס און אירע יעכידים —
געהער שוין דאָס אַלץ צו עטנאָגראַפיע, וואָס נעמט אַרום אַלע דערמאָנטע וויסנ־
שאַפטן און גיט זיי די געהעריקע מעטאָדאָלאָגישע האַנאָכעס. צי מע זאָגט זיי
מיט דער הילף פון אַזעלכע מינע קאָנצעפּציעס, אַלצייִנס
אַרויס אַזוי גראָב־דײַטלעך, צי אין א מער שעמעוודיק־אײַנגעהילטער פאָרם, וויל
מען אונטערטעניק מאַכן די „מאַטעריאַליסטישע" אַנטוויקלונג פון די וויסנשאַפטן
אונטער א „אידעאָלאָגיש" פּאַרטיפּטן „פאָלקסגײַסט", וואָס ווערט קונציק אַרויס־
דעסטילירט פון עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר און וואָס דאַרף איינמאָל פאַר אַלע
מאָל בלײַבן די לעצטע מעטאָדאָלאָגישע קריטעריע און אָריענטאַציע. דער „פאָלק־
גײַסט" דאַרף שאַפן די רעלסן, פון וועלכע די וויסנשאַפטן טאָרן ניט אַרויסגיין, ער
דאַרף זײַן דער פעסטער אָפּהאַלט און. דאָס זיכערסטע באַוואָרעניש פאַר יעדן רע־
וואָליוציאָנערן געדאַנק. (אויבן

פון דער אַנדערער זײַט אָבער האָט עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָריסטיק
האָבן מיר גערעדט פון עטנאָגראַפיזם און פאָלקלאָריזם!) אָפּט אָפּגעשפּיגלט פאָר־
שריטלעכע טענדענצן און איז צוליב זיי אויסגענוצט געוואָרן. דידאָזיקע סטירעדיקײַט
קען זיך אפילו אָפּשפּיגלען — ענלעך ווי באַם עטנאָגראַפיזם און, פאָלקלאָריזם און
צוליב דיזעלבע סיבעס — באַ איינעם און דעמזעלבן פאָרשטייער פון דידאָזיקע
דיסציפּלינעס.

איך אַן אַנדער פונקציע, לעמאָשל, ווערט א פאָלקלאָריסטיק, וואָס באַהאַנדלט
דעם פאָלקלאָר פון פּאָליטיש־אָפּהענגיקע, באַהערשטע נאַציעס, אײַנגעשפּאַנט דורך
פּאָדראַלע און בורזשואַזע פאָרשטייער פון א קאָלאָניעס־באַהערשנדיקער „נאַציע",
לעמאָשל: די בורזשואַז־פּאָדראַלע ענגלישע און פריִערדיקע דײַטשע פאָלקלאָריסטיק,
אַזוי ווײַט זי האָט באַהאַנדלט קאָלאָניאַל־פעלקער, די רוסישע פאָלקלאָריסטיק וועגן
די ניט־רוסישע פעלקער אין דער צאַרישער אימפּעריע א. אַז. וו. און אין אַן
אַנדער פונקציע — דורך די הערשנדיקע קלאַסן פון א נאַציאָנאַל־פּאָליטיש אָפּהענגיקן
און באַהערשטן פאָלק גופא (לעמאָשל, די בורזשואַזע פינלענדישע, פּוילישע א. אַז. וו.
פאָלקלאָריסטיק אונטערן צאַריזם) — און ווידער און גאָר אַן אַנדערע פונקציע
דורך פאָרשטייער פון די עקספּלואַטירטע און אונטערדריקטע קלאַסן סײַ אין דער



נאַציאָנאַל־פּאָליטיש הערשנדיקער, סײַ אין דער נאַציאָנאַל־פּאָליטיש באַהערשטער
„נאַציע".

אַמאָל דינט די פאָלקלאָריסטיק דער אימפּעריאַליסטישער אידעאָלאָגיע פון פאַר־
כאַפּן און פאַרפעסטיקן דעם באַזיץ פון פרעמדע לענדער און קאָלאָניעס, זי דאַרף
אַכוץ אַלעם אַפּ איר שטייגער באַווייניקן די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג, אַמאָל ווידער
וויל זי, פאַרקערט, דינען דער נאַציאָנאַלער באַפרײַונג פונעם אימפּעריאַליסטישן
יאָך, זי האָט אַכוץ אַלעם דעם מיין צו באַרעכטיקן די אומאָפּהענגיקע נאַציאָנאַלע
עקזיסטענץ. אַמאָל קומט אין דער פאָלקלאָריסטיק צום אויסדרוק דאָס שטרעבן פון
נידעריקערע קלאַסן: לעמאָשל, פון קליין־פּויערטום, אָרעמערן קליינבירגערטום און —
עמעס: אין זייער זעלטענע פאַלן — אין א באַשטימטער מאָס אפילו פון פּראָ־
לעטאַריאַט; — אַמאָל אָבער גראָד דער ווילן דידאָזיקע שטרעבונגען אונטערטעניק
צו מאַכן צו די מאַכטהאָבערישע אינטערעסן. אויך דאָ דאַרף מען געדענקען, אַז מע
טאָר ניט באַטראַכטן היסטאָרישע אָדער אַקטועלע אידעאָלאָגיעס ווי זיי וואָלטן
געמוזט זײַן דורכויס אין אַלע פונקטן קלאַסאָווע אויסגעהאַלטן, וואָרעם אויך דאָ
קומען פאָר, אונטערן דרוק פון פאַרשיידענע קלאַסן־ווירקונגען, פאַרשיידענע אָפּנייגן
און סטירעס. אויך באַם באַטראַכטן די אידעאָלאָגישע פאַקטן אין דער פאָלקלאָ־
ריסטיק מוז מען אין יעדן קאָנקרעטן פאַל פעסטשטעלן ווי ווײַט דער אָדער
יענער פאָלקלאָריסט איז געווען אויסגעהאַלטן באַם אויספירן זײַן קלאַסן־
שליכעס.

א מאַרקסיסטישע געשיכטע פון דער פאָלקלאָריסטיק איז נאָך ניט געשריבן
געוואָרן, און אויך מיר קלײַבן זיך ניט דאָס טון. מיר מוזן זיך דאָ בלויז באַגרענעצן
מיט באַשטימטע מעטאָדאָלאָגישע פּרינציפּן, וואָס דאַרפן אין די קאָנקרעטע היסטאָ־
רישע פאַלן אָנגעווענדט ווערן, קעדיי זיך ריכטיק פאָנאַנדערצוקלײַבן צווישן די
פאַרשיידענע מעטאָדאָלאָגישע פּראַזעאָלאָגיעס פון דער הײַנטצײַטיקער בירגערלעכער
פאָלקלאָריסטיק און אַזוי אַרום אויסצוקלאָרן זייער סאָציאַלן טאָך, זייער אייגנטלעכע
אַקטועל־פּראַקטישע אָנגעצילטקײַט.

אַלס בײַשפּיל וועלן מיר נעמען עטלעכע פאָרשטייער פון דער הײַנטצײַטיקער
דײַטשער פאָלקלאָריסטיק לויט דער ווענדונג, וואָס זי האָט אָנגענומען נאָך דער
אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע. מיר וועלן פּרוּוון אויסקלאָרן, אַז וואָסער אויפן די
פאָלקלאָריסטיק ווערט דאָרט אויסגענוצט דורך דער בורזשואַזיע פון א לאַנד, וואָס
האָט פאַרלוירן אין דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, וואָס לײַדט פון מילכאָמע־
כויִוועס, פון גרויסע עקאָנאָמישע קריזיסן און פון אַרבעטלאָזיקײַט, וווּ די בורזשו־
אַזיע באַמיט זיך צו דערשטיקן דאָס רעוואָליוציאָנערע שטרעבן פון פּראָלעטאַריאַט
און וווּ זי גרייט זיך צוריק צו פאַרכאַפּן די פאַרלוירענע אימפּעריאַליסטישע פּאָ־
זיציעס. מיר וועלן זען, אַז אין דעם פאַל אַנטפּלעקט זיך באַ פאַרשיידענע בירגער־
לעכע פאָלקלאָריסטן — ניט געקוקט אַפּ דער פאַרשיידנקײַט פון פּראַזעאָלאָגיע און
פון פאַרטיי־שטאַנדפּונקט (פון לינקערע ליבעראַלן ביז צו פאַשיסטן) — סאָפּקאָלסאָפּ
אַן ענלעכע אָנגעצילטקײַט. מיר וועלן אָבער אויך פעסטשטעלן די פאַרשיידענע
ניואַנסן באַ די פאָרשטייער פון די פאַרשיידענע גרופּעס. דערבײַ וועט אויך אַנטפּ

קלאָר װערן דער באַטײַט פֿון דער פֿאָלקלאָריסטיק אַלס פּאָליטישע װאָפֿן, ד. ה. אין דעם פֿאַל, אַלס מיטל פֿאַר א רעאַקציאָנערן פּאָליטיזם „פֿאָלקלאָריזם“.

.3

שױן באַם סאַמע אָנהײב פֿון דער דײַטשער פֿאָלקלאָר־טעאָריע [1]) װיל דער נאַציאָנאַליסטישער פּאָליטיקער יוסטוס מעזער („פּאַטריאָטישע פֿאַנטאַזיעס“ 1774) אַלס פֿאָרשטײער פֿון רעאַקציאָנערן פֿעאָדאַליזם — לעהײַפּעכ צו הערדערן, װאָס איז מיט זײַן פֿאָלקלאָר־טעאָריע אַלס פֿאָרשטײער פֿון בירגערטום גאָר עפּעס אַנדערש אױסגעפֿירעט. שטעלט די „פֿאָלקספֿאָרשונג“ אין דינסט פֿון דער מעלוכישער פֿאַרװאַלטונג און פֿון דער יוסטיץ. זײַן אינטערעס פֿאַר דער עטנאָגראַפֿיע (דעריקער פֿונעם פּױער, כאָטש ער נעמט אױך אַרײַן אין קאָפּ דעם קלײנעם הענדלער און קלײנבירגער) אַנטפּלעקט זיך אַלס אַנטשפּרעכונג צו זײַן פּאָליטישן אידעאַל װעגן א „שטאַנדישער“ פֿעאָדאַלער אַנטי־קאַפּיטאַליסטישער, אַנטי־בורזשואַזער פּױערים־מעלוכע. אין דער ראָמאַנטיק פֿאַרמירט זיך די פֿאָלקלאָר־טעאָריע אױך ביז צו א הױכפּונקט — אין די אַרבעטן פֿון די ברידער גרים. די נאַציאָנאַליסטישע טוער און פּאָליטיקער געררעס, אַרנדט, יאַהן א. אַז. װ. האָבן אינעם פֿאָלקלאָר עפּעס ענלעכס געזען װי די הײַנטיקע פֿאַשיסטישע פֿאָלקלאָריסטן און האָבן דאָס אָפֿט פֿאָרמולירט קימאַט מיט די אײגענע װערטער. מע דאַרף אַרױסגעפֿינען דעם נאַציאָנאַלן „הײליקן פֿאָלקסגײַסט“. דעם־דאָזיקן צװעק דינט די מיטאָלאָגישע קאָנצעפּציע אין דער פֿאָלקלאָריסטיק, װאָס װערט באַגרינדעט דורך די גרימס, א קאָנצעפּציע, װאָס אַנטיציפּירט שױן אױך די אינדאָ־ג ע ר מ א נ י ש ע טעאָריע. ערשט דאָס „יונגע דײַטשלאַנד“, װאָס זאַמלט די פֿאָרשריטלעכע בירגערלעכע קריטיק קעגן דער פֿעאָדאַל־רעאַקציאָנערער ראָמאַנטיק, פֿאַרהאַלט זיך זײער סקעפּטיש בנוגע דעם „פֿאָלקסגײַסט“ און אױך קעגן די „פֿאָלקלאָרישע װערטן“. „דאָס יונגע דײַטשלאַנד“ האָט זיך אָבער פּאָזיטיװ װיסנשאַפֿטלעך זײער װײניק באַשעפֿטיקט מיטן פֿאָלקלאָר.

עטנאָגראַפֿיע אַלס װ י ס נ ש אַ פֿ ט הײבט זיך אָן אױספֿאָרמירן אין ענגלאַנד אין די 50־ער יאָרן. 1846 הערן מיר צום ערשטן מאָל בײַ טאָמס דעם טערמין folklore, װאָס באַטײַט אין טאָג: די כ אָ כ מ ע פֿונעם פֿאָלק. די ריזנדיקע רעװערענס צום „פֿאָלק“ איז דעמאָלט שױן אױך אין ענגלאַנד אַן ענטפֿער אױף די קלאַסנבאַװעגונג פֿון ענגלישן פּראָלעטאַריאַט אין די 40־ער און 50־ער יאָרן. 1858 האָט הײנריך ריל מיט זײַן באַװוּסטן פֿאָרטראָג „Volkskunde als Wissenschaft“ געלײגט א גרונטשטײן צו דער נײַער דײַטשער עטנאָגראַפֿיע אַלס װיסנשאַפֿט. זײַן קאָנצעפּציע דאַרף באַנומען װערן אַלס רעזולטאַט פֿונעם רעאַקציע־פּעריאָד נאָך 1848. דעם־דאָזיקער דײַטשער באַגרינדער פֿון דער עטנאָגראַפֿיע אַלס װיסנשאַפֿט האָט באַװוּסטזיניק פֿאַרקניפּט זײַן פֿאָרשונג מיט אַקטועל־פּאָליטישע רעאַקציאָנערע צילן, מיט זײַן קאַמף קעגן דער ביר־

[1]) די עלטערע דײַטשע פֿאָלקלאָר־טעאָריע איז אָנגערעגט געװאָרן פֿון ענגלישע װירקונגען (פּערסיס: „די רעליקװיעס פֿון דער אַלטער ענגלישער פּאָעזיע“, מאַקפֿערסאָנס „אָסיאַן“ א. אַז. װ.). די־דאָזיקע אָנרעגונגען האָבן זיך אָבער אין דער גאָר אַנדערער סאָציאַלער און פּאָליטישער דײַטשער אַטמאָספֿער געביטן און זײַנען אױסגענוצט געװאָרן צוליב אַנדערע סאָציאַלע טענדענצן.



געזעלשאַפֿטלעכער באַװעגונג, קעגן דעם „ליבעראַליזם“. מיט א דורכױס באַװוּסטזיניקן מײַנ שליסט ער בעפֿירעס אױס פֿון זײַן פֿאָרשונגס־געביט די פֿאָלקלאָרישע שאַפֿונג פֿון אַרבעטער. עס איז אױך ניט קײן צופֿאַל, װאָס גראָד אַרום דער מיט 19־טן יאָרהונדערט, און טאַקע נאָך 1848, זײַנען אױפֿגעקומען א גאַנצע רײ באַדײַטנדיקע עטנאָגראַפֿיסטן (ריל, װײנהאָלד, ר. קעלער, פֿ. ליבערעכט, שטײנטאַל־לאַזאַרוס א. אַ.) און ס׳װערט לעבעדיק דער װיסנשאַפֿטלעכער אינטערעס פֿאַר עטנאָגראַפֿיע אין ברײטסטן זין לױט פֿאַרשײדנסטע אידעאָלאָגישע ניואַנסן און פּאָליטישע טענדענצן.

זײַט דעמאָלט ביז צו די לעצטע יאָרצענדליקער װערט דאָס אַרבעט־געביט אין דער־דאָזיקער װיסנשאַפֿט אַלץ מער אױסגעברײטערט. אין די טכומען פֿון דער װיסנשאַפֿט, װאָס האָט זיך פֿריִער באַשעפֿטיקט נאָר דעריקער מיט באַשטימטע שטײגער־געביטן פֿון פּ ױ ע ר ט ו ם, װערט פֿאַמעלעך אַרײַנגעפֿירט דער שטײגער פֿונעם „גאַנצן פֿאָלק“ אין אַלע זײַנע לעבנס־דערשײַנונגען. גיט מער בלױז דער װאָרטלעכער פֿאָלקלאָר און די מינהאָגים און קאָסטיומען פֿון פּױערטום, נאָר די גאַנצע מאַטעריעלע און גײַסטיקע קולטור פֿון גאַנצן „פֿאָלק“ אַלס נאַציאָנאַלע ספּעציפֿיק װערט דער געגנשטאַנד פֿון עטנאָגראַפֿיע. די־דאָזיקע נײַע גלײַכזעצונג „פֿאָלק“ — די גאַנצע נאַציאָנאַלע אײנהײט אין איר ספּעציפֿישקײט אַנטקעגן אַנדערע נאַציעס, האָט א װיכטיקן נײַעם באַטײַט: דער „פֿאָלקסגײַסט“ דאַרף שױן איצט געזוכט װערן סײַ אין אַ ל ע זײַנע דערשײַנונגען, סײַ אין אַ ל ע קלאַסן און שיכטן. װאָרעם די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור פֿון דײַטשלאַנד ענדערט זיך שטאַרק אין דער אַנדערער העלפֿט פֿון 19־טן יאָרהונדערט, באַזונדערס זײַט דעם לעצטן פֿערטל (1882 זײַנען נאָך 40% פֿון דער באַפֿעלקערונג באַשעפֿטיקט אין לאַנד־ און װאַלד־װירטשאַפֿט — אין יאָר 1925 בלױז נאָך 23%). דער פּױער שפּילט שױן ניט מער די הױפּט־ראָל אין יענע טענדענצן פֿון דער פֿאָלקלאָריסטיק, װאָס זײַנען רעאַקציאָנער. דער קוק איז שױן לאַנג געװענדט אױפֿן פּראָלעטאַריאַט. די אידעאָלאָגיע פֿון דער הײַנטיקער דײַטשער בורזשואַזער פֿאָלקלאָריסטיק האָט שױן לאַנג פֿאַרלאָרן די לעצטע רעשטלעך פֿון קעמפֿעריש־קײט קעגן דעם פֿעאָדאַליזם, און בײַ הײַנטיקן טאָג װערט זי דעריקער באַשטימט פֿונעם קלאַסנקאַמף צװישן דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט.

.4

דער אינטערעס פֿאַר עטנאָגראַפֿיע און פֿאָלקלאָר האָט זיך אין די לעצטע יאָרן זײַט דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע זײער פֿאַרשטאַרקט, ער װערט באַזונדערס אינטענסיװ אונטערגעהאַלטן און דערנערט פֿון די, װאָס זײַנען דערין פֿאַרינטערע־סירט. די רעאַקציאָנערע דײַטשע זשורנאַלן זײַנען הײַנט באַזונדערס שטאַרק דורכגענומען פֿון דער באַגײַסטערונג פֿאַר עטנאָגראַפֿיע און פֿאָלקלאָר [1]). דער אַלטער אימפּעריאַליסטישער לאָזונג: Am deutschen Wesen wird die Welt genesen האָט זיך נאָך דער פֿאַרלױרענער מילכאָמע געמוזט פֿאַרשמעלערן: Am deutschen Urwesen

[1]) זע, לעמאָשל, דעם זשורנאַל Die Tat (יענא), די פֿאַשיסטישע נידערדײַטשע צײַטונג Niederdeutsche Heimatblätter, דעם זשורנאַל Die Tide און בכלל אַלע פֿאַשיסטישע און האַלב־פֿאַשיסטישע זשורנאַלן און צײַטונגען.

wird Deutschland genesen. כאָטש דאָס איז בלויז געמיינט אלס ציטוויליקער בײַט פון דער טאַקטיק. מיר וועלן דאָ אויספירלעכער באַטראַכטן עטלעכע „שטאָך־פּראָבעס" פון דער אידעאָלאָגיע, וואָס באַהערשט די דײַטשע בורזשואזע פאָלקלאָריסטיק אין די לעצטע יאָרן און אזוי אַרום וועלן מיר קלאָר מאַכן דורך א קאָנקרעטן בײַשפּיל די פונקציע פון דער בורזשואזער פאָלקלאָריסטיק אינעם פּעריאָד פון פאַרביטערטסטן קאַמף צווישן בורזשואזיע און פּראָלעטאַריאַט [1].

אין דער דריטער אויסגאַבע פון זײַן בוך „Das deutsche Volkslied", וואָס איז דער־שינען 1912, מאַכט דער באַוווּסטער פאָלקלאָריסט יוליוס זאַאר מיט א באַזונדערער באַטאָנונג אויפמערקזאַם, אַז „פאָלקסלידער" זײַנען ניט געמאַכט געוואָרן צוליב דעם, אַז זיי זאָלן געלייענט ווערן פון ביכער, נאָר אַז זיי זאָלן טאַקע פּאַקטיש געזונגען ווערן (בד. I, ז, 21—22). דאָס איז געשריבן געוואָרן אין די יאָרן, ווען דער דײַ־טשער קאַפּיטאַליזם האָט זיך געגרייט צו דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע. און דעמאָלט דערציילט זאַאר, אַז דורכן פּראַקטישן אײַנפירן דאָס זינגען פון פאָלקסלידער „שטייען מיר בא אַן אָנהייב פון א נײַער ווירקזאַמקייט פון פאָלקסליד, בא אַן אָנהייב פון אזא גרויסער ווירקונג, וואָס לאָזט זיך גאָרניט אויסמעסטן. א שטראָם פון שעפע קאָן זיך אין דער צוקונפט אויסגיסן איבער דער גאַנצער נאַציע. דאָס פאָלקסליד, וואָס קומט אַרויס פון די סוידעסדיקע טיפקייטן אין דער דײַטשער פאָלקס־נעשאָמע, האָט אין זיך ניט בלויז הויכע מענטשלעכע און קינסטלערישע ווערטן — ניין, עס האָט אויך הויכע נאַציאָנאַלע און מאָראַלישע ווערטן. אין אים לעבט נאָך די אַלטע אורשפּרינגלעכע איינהייט, וואָס נעמט אַרום דעם לעבעדיקן געזונטן קאָ־לעקטיוו־באַגריף „פאָלק". אָפּ די וועגן פון פאָלקסליד קאָנען מיר אַמגיכסטן אַריבער־שפּרײַזן איבער די הײַנטיקע אומגליקלעכע צעשפּאַלטונגען אין פּאַרטייען (מײַן קורסיוו — מ. וו.) צו יענער איינהײַט, אָן וועלכער אונדזער פאָלק וועט זיך ניט קאָנען כפּראַווען מיט די גרויסע אויפגאַבעס פון דער צוקונפט". ד. ה. מיט דער פאָרויסגעזעענער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, צו וועלכער דער דײַטשער קאַפּיטאַ־ליזם האָט זיך געגרייט. „אַרבעטנדיק פאַרן פאָלקסליד — אַרבעטן מיר איבער אונדזער געזונט־ווערן און איבער אונדזער צוקונפט". ס׳איז גענוג קלאָר וועגן וועמעס „אונדזער", וועגן וואָסער „געזונט־ווערן" און וועגן וואָסער „צוקונפט" ס׳רעדט זיך דאָ.

אין דער פערטער אויסגאַבע פון דעמזעלבן בוך [2], וואָס איז דערשינען 1924, נאָכדעם ווי ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם פון די דײַטשע אימפּעריאַליסטישע צוקונפט־כאַלוימעס, קלינגען שוין די טענער אַסאַך מינאָרער. דאָ רעדט זיך שוין בלויז שטאַרק באַדינגלעך, אַז „אויב ס׳איז עמעס, אַז דאָס פאָלק איז אויך אין זײַן געזאַנג אָפּהענגיק פון דעם, וואָס דער העכערער און געבילדעטער שיכט דערלאַנגט אים, דרינגט שוין מעמילע אַרויס די פליכט פון דעם העכערן געבילדעטן שיכט צו

[1] אין אונדזער איבערזיכט האָבן מיר זיך געמוזט באַגרענעצן מיט יענע מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען גע־ווען פאַר אונדז דערגרייכבאַר. די דאָזיקע מאַטעריאַלן זײַנען ווײַט ניט קיין אויסשעפּנדיקע, זיי גיבן אָבער א גענוג רעפּרעזענטאַטיווע און דורכויס ריכטיק בילד וועגן די אידעאָלאָגישע גרונט־מאָמענטן אין דער דײַטשער פאָלקלאָריסטיק בא הײַנטיקן טאָג.

[2] אַרויסגעגעבן פון פּראָפ. ס. זאַרטאָרי.



באַ[illegible]גן, אַז דאָס [illegible] און אַז די דאָזיקע באַזע וועט באַשאַפן ווערן, וועט שוין דאָס פאָלק אַליין אויפנעמען די דערלאַנגטע אַלטע טיפקײַט פון דער „פּרימיטיווער קאָלעקטיוו־קולטור", מאַכנדיק זיי פאַר א לעבעדיקן פאַרמעג און עס וועט זיי אײַנגייגען אין זײַן גײַסט אָפּ־שטענדיק דורך אומופהערלעכן איבערשאַפן און ווײַטערשאַפן. און דאָס, וואָס איז געווען גאָלד — וועט בלײַבן גאָלד" (בד. I, ז. 26).

ווי נאַיִוו און אומגעלומפּערט אַזעלכע ווערטער זאָלן ניט קלינגען אין אונדזערע אויערן, איז פאָרט זייער ווירקונג אָפּן קלײנבירגערלעכן לייענער זייער פּינקטלעך און ריכטיק אויסגערעכנט. דער אידעאָלאָג קען זיך זײַנע קלײנבירגערלעכע פיליסטערס. ער ווייסט, וואָס ער דאַרף מיט זיי רעדן און וויאַזוי ער דאַרף זיי דערציִען פאַרן פאַשיזם, אָבער פאָרט קלינגט דאָ דער טאָן אַביסל דערשלאָגן און מינאָר. קימאַט אַזוי באַדינגלעך ווי דער מישטיינס־געזאָגט ווילערשער אָנשטעל, מיט וועלכן אונדזער יידישער שיפּער פאַרענדיקט זײַן בוך וועגן יידישע פאָלקסשפּילן („געשיכטע פון יידישער טעאַטער־קונסט און דראַמע", בד. II, 1925, ז. 254): „ווילט איר, איז עס א בענקשאַפט, א בענקשאַפט, וואָס באַהעפט זיך מיט א טריטער פאַרגאַנגענהײַט. ווילט איר, באַנעמט די בענקשאַפט א בילד פון דער צוקונפט". קורץ: ווי איר ווילט, אַזוי קלײַבט זיך אויס. דער דערשלאָגענער קלײנבירגער, וואָס וועט מאָרגן ווערן א פאַשיסט, לייגט פאָר אין די ערשטע נאָכמילכאָמע־יאָרן זײַן רעאַקציאָנערע סכוירע מיט אָפּקלײַב־פרײַהײַט.

## 5.

אַן אַנדערער „ליבעראַלער" דײַטשער עטנאָגראַף [1]) דערציילט אונדז אין א בוך, וואָס איז דערשינען אינעם זעלבן יאָר 1924, אַז „אַלץ ברייטערע און אַלץ מער אָנ־וואַקסנדיקע קרײַזן פון פאָלקס־כאַוויירים ווערן פאַרכאַפּט פונעם כיישעק זיך צו באַ־קענען מיטן אייגענעם פאָלקסטום, גרינטלעכער איידער דאָס קאָן געשען בלויז דורך נאַציאָנאַליסטישע שלאָגווערטער און ריידערײַען. מע וויל דערקענען דאָס פאָלקס־טום אין זײַן טיפסטער פאַרוואָרצלטקייט און אין זײַנע אינעווייניקסטע פוגעס. די לערערשאַפט באַמיט זיך צו באַקומען נעשאָמעדיקע פאַרבינדונגען מיט זייער פאָלקס־טום, די פאָרשטייער פון די קרויווישע גײַסט־וויסנשאַפטן און ביכלאַל די געבילדע־טע באַפעלקערונג, באַזונדערס די שאַפערישע עלעמענטן באַמיִען זיך ווײַטער צו בויען אָפּן יעסאָד פון די געיאַרשנטע פאָלקס־גיטער; זיי אַלע שטרעבן זיך אָן מיט וואַקסנדיקן אימפּעט צו באַקומען יעדיִעס פון דער פאָלקסקענטעניש" (ז. 5). פון וואַנען נעמט זיך דאָס? דער ליבעראַלער פּראָפעסער, וואָס האַלט ניט פון „נאַציאָנאַ־ליסטישע שלאָגווערטער און ריידערײַען", ווייסט וויל דעם פאַקט צו דערקלערן. ער ווייסט און וויל מע זאָל וויסן, אַז די בעסטע רעפוּע קעגן די שווערקייטן פון די פאַרמילכאָמע־יאָרן איז פאַרן קלײנבירגער — די פאָלקסקענטעניש! וואָרעם זי „ווירקט אַנטשיידנדיק פּונקט אַזוי ווי אָפּן גײַסט און דער נעשאָמע פונעם יאָכיד אויך אָפּ אויסבילדן און אופהייבן דאָס פאָלק אַלס גאַנצעס, זי ווירקט אָפּ דער אינעווייניקס־טער פאַרפעסטיקונג פון פאָלקסטום, אָפּ דער באַנײַונג און באַלעבונג פון

1) Prof. Dr. Michael Haberlandt: Einführung in die Volkskunde. Wien, 1921.

דער פאָלקס־נעשאָמע" (מײַנ קורסיוו—מ. וו. ז. 71). באנײַונג אונ באלעבונג—קעגנ דער באוועגונג פונ פראָלעטאריאט אונ פאר דער צוגרייטונג צו נײַע אימפּע־ריאליסטישע מילכאָמעס.

קורצ: „דאָס העכסטע ציל פונ דער פאָלקסקענטעניש איז צו דערגרייכנ אונ צו באנעמענ די פאָלקסנעשאָמע" (ז. 58). „אומעטומ איז די פאָלקסקענטעניש, די נאציאָנאלע לעבנסקענטעניש, א איניענ, וואָס האָט א שײַכעס־ניט בלויז צו דער וויסנשאפט, נאָר צומ גאנצנ פאָלק, זײַנ בילדונג אונ דערציִונג קאָנ זיכ פאָרמירנ נאָר פונ דער־דאָזיקער טיפקײַט ארויס" (זז. 70—71). וועט דאָכ עמעצער קאָנענ מיינענ, אז דאָס זײַנענ טאקע די אייגענע „נאציאָנאליסטישע שלאָגווערטער אונ רעדערײַענ"? ניינ, פארקערט. דער ליבעראלער פראָפעסאָר האָט ארויסגעפונענ אינ זײַנ פאנ־עטנאָגראפיזמ—דאפקע אויכ אינטערנאציאָנאליזירנדיקע, פאציפיזירנדיקע ווירקונגענ. וואָרעמ אינ גאנג פונ דער עטנאָגראפישער פאָרשונג מוז מענ באמערקנ פארשיידענע אינטערנאציאָנאלע האשפּאָעס, מוז מענ דערזעענ ענלעכע אנטוויקלונגס־גענג אינ דער עטנאָגראפיע פונ פארשיידענע פעלקער. אסאכ פאקטנ אינ דער פאָלקסקענטעניש לאָזנ זיכ דערקלערנ נאָר דורכ פארגלײַכונג מיט ענלעכע דערשײַנונגענ בא אנדערע פעלקער. „אזוי ארומ העלפט מיט די פאָלקסקענטעניש פונ איר זײַט אפ צו געפינענ א וועג, וואָס פירט ארויס פונ די נאציאָנאלע קעגנזאצנ אונ זי ווערט אנ ערלעכע שאָלעמ־מאכערנ אונ דערציִערנ פונ די פעלקער" (ז. 71). זעט איר, מע זוכט ניט די פאָלקס־נעשאָמע אונ איר באנײַונג אונ באלעבונג סטאמ! אכוצ אלע אנדערע גוטע זאכנ נוצט דאָס אויכ—דעמ אינטערנאציאָנאליזמ! דער נאָכמילכאָמעדיקער קליינבירגער, וואָס לײַדט פונ די מילכאָמע־רעזולטאטנ, מילכאָמע־כויוועס, קריזיסנ א.א.וו., פארופט זיכ אינ די ערשטע יאָרנ נאָכ דער מילכאָמע אפ דער אינטערנאציאָנאלער סאָלידארישקײַט פונ אלע גוטע אונ ערלעכע מענטשנ—אזוי לאנג ער האָפט נאָכ אפ האנאָכעס פאר די שיינע ריִד. דערבײַ אָבער באנײַט ער די פאָלקס־נעשאָמע סײַ קעגנ דעמ „אינעווייניקסטנ", סײַ קעגנ דעמ „אויסנווייניקסטנ" פײַנט.

.6

א קלאסיש מוסטער וועגנ דער אינטערנאציאָנאליזירנדיקער ווירקונג פונ דער־רעאקציאָנערער בורזשואזער פאָלקלאָריסטיק אונ וועגנ איר אייגנטלעכער סאָציאלער פונקציע קאָנענ מיר געפינענ בא איינעמ א פראנצויזישנ „געלערנטנ" אגענט פונ דער קאָנטר־רעוואָליוציאָנערער עמיגראציע, וואָס הייסט שאפלע, אונ וואָס האָט אָנגעשריבנ א פינצטער בילבלדיק בוכ: „די פאמיליע אינ ראטנפארבאנד, א היסטאָרישע אונ יורידישע שטודיע". דערדאָזיקער „געלערנטער" שעפט זײַנע הויפּט־ארגומענטאציעס קעגנ דער סאָוועטישער געזעצגעבונג־דאפקע פונ פאקטנ אינ דער רוסישער עטנאָגראפיע, אינ וועלכער ער פארשטייט אפאָנעמ ניט מער אונ ניט ווייניקער ווי דעמ כילעק צווישנ דעמ צארישנ אונ דעמ סאָוועטישנ רעכט. ער פאלט אָנ אפ דער סאָוועטישער געזעצגעבונג, ווײַל זי איז ניט אינ העסקעמ צו דער עטנאָגראפיש פעסטגעשטעלטער רוסישער פאָלקס־נעשאָמע, וואָס איז „אינ טאָכ דעריקער א רעליגיעזע". „די רעליגיעזע מינהאָגימ פונ א ראסע (!), וואָס איז נאָכ נעכטנ גע־



וועג ווי צוריק מיט טויזנט יאָר (!), אירע אָבערגלויבנס, איר נאַיוקײַט אונ איר כיינעוודיקײַט, אלצ וואָס איז געווענ איר סטיליע, איר אייגנסטע נאטור—האָט מענ ברוטאל בארא בעוועט" [1]. אָפּגערעדט פונ דער שיינער, וויסנשאפטלעכער פינקטלעכקײַט, וואָס בויט זיכ אפ א באשטימטנ סאָרט עטנאָגראפיע אונ אירע פעסטשטעלונגענ, אז די רוסישע ראסע (!) איז נאָכ נעכטנ געווענ „ווי צוריק מיט טויזנט יאָר", איז דאָ אינטערעסאנט, ווי וויל עס ווערט דאָ באנומענ אונ אויסגענוצט דער אינטערנאציאָנאליזירנדיקער אונ פאציפיזירנדיקער מיינ פונ דער רעאקציאָנערער עטנאָגראפיע. דער „געלערנטער" פראנצויזישער יוריסט, וואָס איז אזויפיל געבילדעט אפ צו וויסנ וואָס סע טוט זיכ אינ דער עטנאָגראפיע פונ דער רוסישער ראסע, ווייס טייקעפ פונ איר צו שאפנ ארגומענטנ—אונ נאָכ וואָסערע—פאר דער נויטווענדיקײַט צו באקעמפנ א געזעצגעבונג, ווײַל זי איז אינ קאָנפליקט מיט דעמ, וואָס איז געווענ נעכטנ פונקט אזוי ווי צוריק מיט טויזנט יאָר.

.7

די הײַנטצײַטיקע בירגערלעכע עטנאָגראפיע קאָנ ניט אינגאנצנ לייקענענ, אז דאָס געביט פונ איר פאָרשונג ווערט ארומגעגרענעצט דורכ סאָציאלע דיפערענצנ אינ דער געזעלשאפט, פרווט זי דעריבער אָפּשוואכנ דעמ באטײַט פונ דידאָזיקע דיפערענצנ אונ באמיט צו קאָנסטרויִרנ עפּעס א מינ „פאָלקסמענטש" an sich, אומאָפּהענגיק פונ דער סאָציאלער סיטואציע, אלס א מינ „ריינע" בלויז גײַסטיקע קאטעגאָריע.

אזוי, לעמאָשל, דערקלערט אדאָלפ שפאמער [2]: „אויב מע וויל, ווי מע פלעג דאָס אמאָל טונ, אָפּשיקנ די פאָלקסקענטעניש, אז זי זאָל בלויז באטראכטנ „די ניִדעריקע" שטאנדנ אינ קעגנזאצ צו די „געבילדעטע"—איז ווער־זשע קאָנ דאָ ציִענ די גײַסטיקע גרענעצנ? (אָט א קלאָצ־קאשע!—מ. וו.) די עמעסע גרענעצ אָבער, וואָס גרענעצט ארומ דאָס באטראכטונגס־געביט פונ דער פאָלקסקענטעניש—קאָנ נאָר זײַנ א גײַסטיקע, ניט קיינ סאָציאלע (מײַנ קורסיוו—מ. וו.). וואָרעמ די פאָלקסקענטעניש באשעפטיקט זיכ ניט מיטנ גײַסטיק־זעלישנ לעבנ פונ עפּעס א מער אָדער ווייניקער גרויסנ אונטערשיכט פונעמ פאָלק (ד. ה. ניט פונ קאָנקרעטע שיכטנ אָדער קלאסנ—מ. וו.), נאָר מיטנ אונטערשיכטלעכנ אינעמ פאָלקסמענטש an sich" (ד. ה. מיט דעמ, וואָס איז אינ דער אידיי „פאָלקסמענטש" אבסטראקט „אונטערשיכטלעכ"—אונ גיי פארשטיי!—מ. וו.).

דער טײַוול הילט זיכ צניִעסדיק אײַנ, אָבער ס'זעענ זיכ פאָרט ארויס די הערנער. די עטנאָגראפישע דערשײַנונגענ זײַנענ לויט שפאמער ניט טיפיש מיט דעמ, וואָס זיי זײַנענ ענג פארבונדנ מיט באשטימטע קלאסאָווע אָפּגעגרענעצטע גרופּעס, נאָר זיי זײַנענ אנ אָפּשפּיגלונג פונעמ גײַסט פונ דער גאנצער נאציע, וואָס קאָנצענטרירט זיכ, ערשטנס, אינ דער אידיי וועגנ פאָלקסמענטש an sich, אונ

[1] ציטירט לויט א רעצענזיע פונ א. וויס אינ "Moskauer Rundschau" 1931, נומ. 4.

דער פאָלקס־נעשאַמע״ (מיינ קורסיוו—מ. וו. ז. 71). [illegible]

צווייטנס ניט סטאַמ אינ אימ, נאָר אינ יענעמ טייל פונ דערדאָזיקער אידיי, וואָס איז „אונטערשיכטלעכ״ ב י כ ל אַ ל, ד. ה. אינ דער אידיי פונ דער אידיי.

דערדאָזיקער געפלאָנטעטער גאַלימאַטיאַ דאַרפ פאַרהיטנ פאַר יעדנ פרווו סאָציאָ־לאָגיש צוצוגיינ צו דעמדאָזיקנ פאָרשונגס־געביט. ניט עפּעס דאָרט מאַטעריעלע קלאַסנ־מאָטיוונ באַשטימענ אונ פורעמענ אויס די שאַפונגענ פונ עטנאָגראַפיע אונ פאָלקלאָר, נאָר דער אימאַנענטער גייסט, וואָס געפינט זיכ באַמ „אונטערשיכטלעכנ פינעמ פאָלקסמענטש sich an״. ווי פאַראָדיסטיש אזא זאַצ זאָל ניט פאַר אונדז קלינגענ, וואָסערע וויצ־אַסאָציאַציעס ער זאָל ניט נאָכ זיכ נאָכשלעפּנ—דער קליינבירגער שלינגט איינ אָנ דערווידערונגענ נאָכ ערגערע פילנ אונ ער גלויבט זיינע געלערנטע, אַז דערדאָזיקער אימאַנענטער „גייסט״ איז אַזאַ מינ איניען, מיט וועלכנ מע קומט אפ דער וועלט פאַרטיקערהייט פונ געבוירנ אָנ. שפּאַמער פאַרלאַנגט דאָס גאַנצ קאַטעגאָריש. „די פאָלקסקענטעניש קאָנ נאָר דעמאָלט געמאָלט זיינ, אויב מע גלויבט אינ אַנ א י י נ ג ע ב ו י ר ע נ ע ר ג י י ס ט י ק י י ט, וואָס פורעמט די מענטשלעכע טאַטנ פונקט אַזויווי זיינע גלויבנס־פאָרשטעלונגענ אונ שאַפונגענ אינ וואָרט אונ טאַט. מיט דעמדאָזיקנ גלויבנ—פאַרזיכערט אונדז שפּאַמער—שטייט אָדער פאַלט די פאָלקסקענטעניש״ (ז. 11). אונ טאַקע: נאָר דורכ אַזאַ מינ גלויבנ קאָנ די עטנאָגראַפיע ווי געהעריק אויסגענוצט ווערנ פאַר די בורזשואַזע קלאַסנ־אינטערעסנ.

.8

שפּאַמער דערקלערט דאַנ נאָכ דײַטלעכער: „וואָרעמ וואָלט דידאָזיקע מענטשלעכע גייסטיקייט געווענ בלויז אַנ אָפּהילכ פונ ווירטשאַפטלעכע באַוועגונגענ (אָט פונ וואַנענ דער ווינט וויעט!—מ. וו.), וואָלט זי (ד. ה. די מענטשלעכע גייסטיקייט ביכלאַל, אונ אַלצ, וואָס הענגט צונויפ מיטנ אָביעקט פונ עטנאָגראַפיע ביפראַט—מ. וו.) אינ ערשטער ריי געווענ אַ געגנשטאַנד פונ סאָציאַלנ אונ קולטורעלנ פאָרשונגס־געביט (אונ דערפאַר זאָל אונדז גאָט באַהיטנ!—מ. וו.) אונ איר וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונג וואָלט ניט געהאַט קיינ פרימערנ שטויס־קויעכ. זי וואָלט בלויז געווענ אַ דערשיינונג־קאָמפּלעקס פונ סעקונדערע אויסווירקונגענ (לויט די שפּאַמערס דאַרפ זי, די עטנאָגראַפישע אויספאָרשונג, אומבאַדינגט האָבנ אַ „פרימערנ. שטויס־קויעכ״—מ. וו.). אינעמעסנ אָבער גלויבט דער „פאָלקסקונדלער״, אַז אינ דער איינגעבוירענער מענטשלעכער גייסטיקייט באַווייזט זיכ אונ דריקט זיכ אויס אַ קויעכ, וואָס איז אינ זיינע לעצטע געגעבנהייטנ סאָפּקאָלסאָפּ ניט אָפּהענגיק פונ די אויסנווייניקסטע פאַרהעלטענישנ. אונ גראָד דערדאָזיקער קויעכ באַשטימט ערשט אינ אַ ברייטער מאָס דעמ גוירל סיי פונעמ איינצלנעמ מענטש אונ סיי פונ גאַנצע פעלקער״ (ז. 41). אָט וואָסער „גלויבנ״ דער בירגערלעכער פאָרשער דאַרפ האָבנ אַלס אַ מעטאָדאָלאָגישע באַזיס פאַר דער עטנאָגראַפיע.

פונ דעמ אַלעמ דרינגט שוינ אַרויס די וויכטיקייט פונ דער עטנאָגראַפיע פאַרנ גאַנצנ „פאָלק״ אונ פאַר יעדנ מענטש באַזונדער. „די סיבעס פאַרוואָס אונדזער צייט ד. ה. אינ א ו נ ד ז ע ר שפּראַכ: די בירגערלעכע וויסנשאַפט אינ פעריאָד פונ אימפּע־

טער דוויקעס, קאָנ מענ ניט אויסשעפּנדיק דערקלערנ בלויז מיט איינ פאָרמולע. אויסנווייניקסטע אונ אינעווייניקסטע קויכעס, וויסנשאַפטלעכע אַנטוויקלונגענ אונ פונקט אַזוי אויכ די פּראָבלעמעס, וואָס רירנ אָנ באַ היינטיקנ טאָג די סאַמע ברייטסטע קרייזנ—ערשט דאָס אַלצ אינאיינעמ קאָנ דערקלערנ די שטאַרקייט פונ דעמדאָזיקנ אינטערעס. די קאַטאַסטראָפע פונ די מילכאָמע־ אונ נאָכמילכאָמע־יאָרנ האָט צוגעגעבנ צו די צוויי פּאָליוסנ פונ דער עטנאָגראַפישער פאָרשונג: פאָטערלאַנד־פאָלק פונ איינ זייט אונ מענטש פונ דער צווייטער זייט—אַ ליידנשאַפטלעכ דורכדיסקוטירטנ באַטייט, וואָס איז קלאָר געוואָרנ אויכ פאַרנ פּאַשטעסטנ אומפּראָבלעמאַטישסטנ מענטש״ (ז. 53).

אונ ס'איז דעריבער אויכ פאַרשטענדלעכ, פאַרוואָס דידאָזיקע וויסנשאַפט איז, לויט שפּאַמערנ, באַרופנ אַרופצודריקנ איר שטעמפּל אפ אַלע איבעריקע וויסנשאַפטנ, אויסצופורעמענ אונ צו באַהערשנ דאָס גאַנצע „גייסטיקע לעבנ״. די פאָנ־עטנאָגראַפיזאַציע פונ אַלע וויסנשאַפטנ דאַרפ איינהאַלטנ אונ צוריקשלעפּנ די סאָציאַלע אַנטוויקלונג—כאָטש ער פאָרמולירט דאָס אַביסעלע ווייניקער דײַטלעכ. „ווידער אַמאָל שטייט היינט דער מ ע נ ט ש אינ צענטער פונ דער פ אָ ר ש ו נ ג, אָבער שוינ ניט מער אַלס מאַטעריאַל פונ דער ווירטשאַפט, אַלס אַ רעדעלע אינעמ גאַנג פונעמ פּראָדוקציע־פּראָצעס (דער ווונק איז גאָרניט צווייד־טיק!—מ. וו.), אַלס פאַרברויכער אונ פּראָדוצירער, אַלס מאַשינ־מענטש, נאָר אַלס אַ וועזנ, וואָס טראַכט אונ פילט לויט באַשטימטע זעליש־גייסטיקע דיספּאָזיציעס, מעגלעכקייטנ אונ באַגרענעצטקייטנ...״ די אורשפּרינגלעכע איינגעבוירענע „גייסטיקע״ דיספּאָזיציעס האָבנ טאַקע אויכ באַשטימטע „מעגלעכקייטנ״, אָבער נאָר וויכטיק איז פאַר די שפּאַמערס צו באַטאָנענ גראָד „די באַגרענעצטקייטנ״ זייערע, באַזונדערס וואָס שייעכ אינעמ סאָציאַלנ כאַראַקטער. דעריבער טאַקע דאַרפנ זיי דאָס זיינ דעטערמינירטע פונ געבוירנ אָנ אונ אפ אייביק. אונ טאַקע צו דעמ צוועק, קעדיי דאָס צו באַפעסטיקנ, דינענ די פאָנ־עטנאָגראַפישע כקירעס פונ די שפּאַמערס, וואָס ווילנ גערנ אַרייננעמענ אונטער זייער אַפּעטראָפּסעס א ל ע „גייסטיקע״ וויסנשאַפטנ.

„אָנשטאָט דעמ נאַטורוויסנשאַפטלעכ פונדאַמענטירטנ וועלט־בילד, פונעמ לעבנ אַלס ווירטשאַפט־פּראָצעס—זאָגט שפּאַמער ווייטער—איז איצט אויפגעקומענ דאָס לעבנס־וועלט־בילד, וואָס איז באַדינגט דורכ פעלקער־ אונ פאָלקסקענטעניש: דער לעבנס־פּראָצעס אַלס פּראָדוקט פונ מענטשלעכער גייסטיקייט. פונ אַלע זייטנ, סיי ספּעקולאַטיוו, סיי היסטאָריש, סיי עקספּערימענטאַל־פּסיכאָלאָגיש, באַמיט מענ זיכ צו לייזנ די פראַגע וועגנ דער מענטשלעכער גייסטיקייט אַזוי, אַז איבערנ גייסטוויסנשאַפטלעכנ טעמפּל פונ אונדזער צייט (געמיינט זיינענ אַנערעכ אַלע היסטאָרישע־הומאַניטאַרע וויסנשאַפטנ, אויכ סאָציאַל־עקאָנאָמיע, פּאָליטיק א. א. וו.—מ. וו.) וואָלט געקאָנט שטיינ אָנגעשריבנ דאָס וואָרט Menschenkunde״ (ז. 62).

.9

די פאָנ־עטנאָגראַפיזאַציע פונ אַלע „גייסט־וויסנשאַפטנ״, וואָס דאַרפנ אַלע איינ־נעמ ווערנ די ע ט נ אָ ג ר אַ פ י ע אינ סאַמע ברייטסטנ זינענ, ווערט בעפירעש אונ אָפּ אַנ ערנסט אַוועקגעשטעלט אַלס וויסנשאַפטלעכע פאָדערונג. „זייער ברייט זיי־

נען די קרײַזן — דערציילט שפּאַמער — וואָס ווערן אַרומגעכאַפּט פֿון דערדאָזיקער באַוועגונג. פֿאָלקס־און פֿעלקער־קענטעניש האָבן: פֿון זיך אַראָפּגענומען די נאַטורוויסנשאַפֿטלעכע קייטן, און די סאָציאָלאָגיע, לעמאָשל, (קלאָר וועלכע און קלאָר, פֿאַרוואָס זי איז דאָ פֿאַר שפּאַמערן אין ערשטער ריי וויכטיק — מ. וו.) האָט זיך אַלץ מער און מער דערנעענטערט צו פֿאָלקס־ און פֿעלקער־קענטעניש" (דאָרט).

שפּאַמער באַווײַזט דאַן מער דעטאַליש, ווי שטאַרק די עטנאָגראַפֿיע הייבט אָן אַלץ מער און מער צו באַהערשן אַלע אַנדערע וויסנשאַפֿטן. אַזוי, לעמאָשל, מיז די „דײַטשע געזעלשאַפֿט פֿאַר סאָציאָלאָגיע" אָנגערופֿן איר זאַמלבוך פֿון יאָר 1926 צוליב דעם כאַראַקטער פֿון די אַרבעטן: — Forschungen zur Volkskunde und Psychologie. אין. ג. סאָלאָמאָנס אינטערנאַציאָנאַלן „Jahrbuch für Soziologie" (בד. II, 1927), וואָס שפּיגלט, לויט שפּאַמערן, אַמבעסטן אָפּ די „פּילקאָליריקע" סיטואַציע פֿון דער הײַנטיקער סאָציאָלאָגישער אַרבעט, שטייען זיך בעשאָלעמדיק איינע לעבן דער אַנדערער אַזעלכע אַרבעטן ווי וועגן „דעם וועג צו דער געזעלשאַפֿט" און — „די קאָלעקטיווע פֿאָרשטעלונגען"; „צו דער סאָציאָלאָגיע פֿון די קאָלאָניאַלע אַרבעטספֿאַרהעלטנישן" און — „טעאָרעטישע עטנאָלאָגיע אין אַמעריקע"; „די נאַציאָנאַליטעטן־פֿראַגע אין פּוילן" אין „דאָס אינדישע דאָרף". סאָציאָלאָגן און פֿעלקער־פּסיכאָלאָגן — האַלט שפּאַמער — שאַפֿן אַ גרויסן טייל פֿון דער פֿילאָסאָפֿיע אין אונדזער צײַט, און פֿילאָסאָפֿן, ווי ערנסט קאַסירער (דער באַוווּסטער נעאָ־קאַנטיאַנער פֿון הערמאַן קאָהענס שול — מ. וו.) בויען הײַנט זייערע סיסטעמעס אין אַ גרויסער מאָס אָפּ די רעזולטאַטן פֿון די עטנאָגראַפֿישע וויסנשאַפֿטן. ווער וואָלט זיך צוריק מיט ערשט צוויי צענדליק יאָר דערוווּסט — פֿרעגט שפּאַמער — אָנצורופֿן „די געשיכטע פֿון דער פֿילאָסאָפֿיע, אַלס געשיכטע פֿינעם מענטשן" (שפּאַמער טײַטשט „מענטש" — אַלס טרעגער און שאַפֿער פֿון עטנאָגראַפֿיע — מ. וו.), ווי ס'טוט דאָס פֿריץ היינעמאַן אין די Kant-Studien פֿון 1926? „אין דער ביאָלאָגיע, פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגיע און מעדיצין זײַנען אַרײַן די רעזולטאַטן פֿון פֿאָלקס־ און פֿעלקער־קענטעניש און האָבן געצוווּנגען רעווידירן פּראָבלעמאַטיש געוואָרענע האַנאָבעס. אַפֿילו די פּראַקטישע יוריספּרודענץ זאָגט זיך ניט אָפּ פֿון דעמדאָזיקן צײַט־געדאַנק" (ז. 63). (אַנעוו: אַ מוסטער וועגן דער מעטאָדאָלאָגישער אָנווענדונג פֿון עטנאָגראַפֿישע ידיעות בײַ דער וויסנשאַפֿטלעכער געזעץ־לערע — זע אויבן ז. 58—59).

איך וויל ניט אַנטשיירן, ווי ווײַט ס'איז ריכטיק דער דיאַגנאָז, וואָס שפּאַמער שטעלט בענוגע דער פֿאַן־עטנאָגראַפֿיזאַציע פֿון די בורזשואַזע וויסנשאַפֿטן, איך וויל אויך ניט אַנטשיירן, ווי ווײַט שפּאַמער טײַטשט ריכטיק אויס די פֿון אים דערמאָנטע פֿאַקטן אַלס טענדענצן צו עטנאָגראַפֿיזאַציע. איינס אָבער איז אַוואַדע קלאָר: אַז די דײַטשע בירגערלעכע עטנאָגראַפֿן וואָלטן זיך געוווּנטשן אַזעלכע טענדענצן און אַז אַזעלכע פּרעטענזיעס זײַנען צווישן בירגערלעכע עטנאָגראַפֿן און עטנאָלאָגן גענוג פֿאַרשפּרייט.

די עטנאָגראַפֿיע דאַרף ניט נאָר באַהערשן אַלע וויסנשאַפֿטן, נאָר אויך „צונויפֿבינדן די אויפֿגאַבעס פֿון דער ליטעראַטור־ און קונסט־געשיכטע, פֿון דער פֿילאָסאָפֿיע, פֿון דער רעליגיע־געשיכטע א. אַז. וו. אַרײַננעמען אין זייער אַרבעטקרייז די א. ג. העכסטע אויפֿטוען פֿון די נאַציאָנאַלע העלדן" (ז. 10). „אויב מע פֿרעגט, וועלכע פֿון די דערמאָנטע וויסנשאַפֿטן (פֿאָלקס־ און פֿעלקער־קענטעניש, פֿעלקער־פּסיכאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע — מ. וו.), וואָס ווערן אַלץ ענלעכער איינע צו דער אַנדערער — וועלכע פֿון זיי ס'האָט די סאַמע גרעסטע פֿאַרדינסטן פֿאַר דערדאָזיקער אַנטוויקלונג (ד. ה. פֿאַר דער „נײַער גײַסט־וויסנשאַפֿטלעכער אײַנשטעלונג" — מ. וו.), און וועלכע פֿון זיי איז הײַנט אַמבעסטן אויפֿגעבויט און אַנטוויקלט, וועלן מיר מוזן זאָגן, — אַז די פֿאָלקס־קענטעניש אָדער די פֿעלקער־קענטעניש... און העיויס די פּראָבלעמעס וועגן דעם אייגענעם פֿאָלק דערשײַנען אונדז גראָד הײַנט ברענענדיקער, אַקטועלער, אײַדער די ידיעות וועגן דער גײַסטיקייט פֿון שוואַך־ציוויליזירטע ווײַטע פֿעלקערשאַפֿטן (דײַטשלאַנד האָט דאָך זײַנע קאָלאָניעס פֿאַרלוירן! — מ. וו.), דעריבער האָט די פֿאָלקס־קענטעניש (ד. ה. די אייגן־נאַציאָנאַלע עטנאָגראַפֿיע — מ. וו.) אַ באַדײַטנדיקע מײַלע אַקעגן דער פֿעלקער־קענטעניש, סײַ וואָס שײַך דער פּראַקטישער אויסנוצונג, סײַ וואָס שײַך דעם אַלגעמיינעם באַטײַט" (ז. 63—64).

אָט ווי ס'ווערט אַראָפּגענומען אָן שום צערעמאָניעס דער „אַלגעמיינער דײַטער" (זע אויבן ז. 12) פֿאַר פֿעלקער־קענטעניש (עטנאָלאָגיע) און פֿאָלקס־קענטעניש (עטנאָגראַפֿיע) — דאָרט, וווּ אַזאַ גלײַכזעצונג האָט ניט קיין שום פּראַקטיש־סאָציאַלן אויסנוץ־ווערט. דאָ האָבן מיר דערעך־אַגעוו אַ בלימעלע פֿון „אָביעקטיוויקײַט" אין דער בורזשואַזער וויסנשאַפֿט, וואָס אָריענטירט זיך כאָלילע ניט אויף פּראַקטישע אויסנוץ־צוועקן, און פֿאַר וועלכער אַלע פֿאָרשונגען אָן אויסנאַם האָבן דורכויס דעם אייגענעם, אַזוי צו זאָגן, קאַטעגאָריש־אימפּעראַטיווישן ווערט און אינטערעס. דער פֿאַרמילכאָמעדיקער אימפּעריאַליזם מיט זײַן „ברענענדיקן" אינטערעס פֿאַרן „גײַסטיקן לעבן" פֿון די „שוואַך־ציוויליזירטע" פֿעלקער פֿאַרשמעלערט זיך צײַטווײַליק אינעם נאָכמילכאָמעדיקן דײַטשן פֿאַשיזם לויט דעם אַקטועל מער ברענענדיקן אינטערעס בענוגע דעם אייגענעם פֿאָלק, וואָס מע דאַרף „געזונט מאַכן".

.10

די פֿאָלקסקענטעניש דאַרף ווערן די „וויסנשאַפֿטס־וויסנשאַפֿט", זי דאַרף געבן די אַלגעמיינע „פֿילאָסאָפֿיע" פֿאַר אַלע אַנדערע „גײַסט־וויסנשאַפֿטן", זי דאַרף ווערן זייער פֿאָרשונג־באַזיס און לעצטער סינטעז. דעריקער אָבער: זי דאַרף באַקעמפֿן אין אַרויסשטויסן יעדן פּרוּוו פֿון אַ אידעאָלאָגיע, וואָס בויט זיך אויף דער „פֿאָלקס־ווירטשאַפֿט". דאָס זאָגט שפּאַמער טאַקע ניט פֿאַרשטעלטערהייט און טאַקע גאַנץ דײַטלעך. „דעריבער איז דאָס אַוואַדע ניט סתּם ספּעציאַליסטישע גײַווע און פּוסטע נעוויעס, אויב מיר זאָגן: די וויסנשאַפֿט, וואָס איז באַרופֿן אײַנצונעמען דאָס אָרט פֿון דער פֿאָלקסווירטשאַפֿט אין אונדזער גײַסט־לעבן און וואָס איז באַרופֿן אונדז און די קומענדיקע דורות אויפֿצוטרייסלען ביז אין די לעצטע טיפֿענישן, אַ וויסנשאַפֿט, פֿאַר וועלכער עס וועלן קעמפֿן אויפֿן געביט פֿון פֿאָרשונג אַלע קוואַלן פֿון דער מענטשלעכער אָנשטרענגונג סײַ אין אונדזער דאָר, סײַ אין די קומענדיקע דורות — איז טאַקע אונדזער פֿאָלקס־קענטעניש" (ז. 64).

דער אייגנטלעכער סאָציאַלער מין פֿון דערדאָזיקער גרויסמעדיקער קרוינונג און

הירכונג פונ די עטנאָגראַפישע פאָרשונגענ אונ אירע רעזולטאַטנ איז געווענ דורכזיכטיק. די עמעסע פונקציע פונ דיראָזיקע רעזולטאַטנ ווערט אָבער דײַטלעכ, באַטש קלאָמערש דערעכ־אגעוו, אָנגעוויזנ. עס ווערט אָנגעוויזנ אַפ דער פּראַקטישער נוצלעכקײַט פונ דעראָזיקער דיסציפּלינ—פאַר דער אדמיניסטראַטיווער באַהערשונג פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאַריאַט. טאַקע נאָר דערעכ־אגעוו—אָבער אינ אזא פאָרמולירונג, וואָס גיט אָנצוהערנ אַפנ צענטראַלנ באַטײַט פונ דעמ אָנווײַז.

וואָלעמ: שפּאַמער שעמט זיכ גאָרניט צו זאָגנ, אז די אײגנטלעכע טרעגער פונ דעראָזיקער וויסנשאַפט דארפנ זײַנ—די באַאַמטע, אונ גראָד די העכערע באַאַמטע. „די אופגאַבעס פונעמ העכערנ באַאַמטנטומ שטעלנ זיכ קײנמאָל ניט אויס מיטנ אָפּטונ די לויפנדיקע אינינאָנימ, אונ זײ טאַקע זײַנענ דאָס אינ ערשטער רײ (מײַנ קורסיוו—כ. וו.) באַרופנ צו זײַנ די טרעגער פונעמ עטנאָגראַפישנ וויסנ" (ז. 54). דאָ קענ מענ זאָגנ דאָס ווערטל: Ein grosses Wort gelassen ausgesprochen. ס'פעלט בלויז, אז דער „געלערנטער" זאָל דעשיפרירנ: באַאַמטע-פּאָליציע; וואָרעמ ווײַטער זאָגט ער טאַקע, אז די באַאַמטע, אונ דאַפקע „העכערע", דארפנ האָבנ די עטנאָגראַפיע, „קעדײ אָנפירנדיק אונ טרײַ-אָפּהיטנדיק דאָס פאָלק אונ די פאָלקס־גרופּעס (!) אויסצופירנ די דערציִערישע אונ פּאָליציאַטיווע ארבעט" (ז. 54). ער זאָגט דאָס מיט אזעלכע שײנע ווערטער, אז זײ לאָזנ זיכ ניט איבערזעצנ מיט זײער פולנ גלאַנצ: „...Leitend und betreuend am Volke und Volksgruppen erzieherische und vorbeugende Arbeit zu leisten", דאָס הײסט מיט קלאָרע דיבורימ: די עטנאָגראַפיע דארפ דינענ אלס קאַמפּ־מיטל קעגנ דעמ רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאַריאַט.

די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע, וואָס האָט געדארפט ברענגענ דערצו, אז — Am deutschen Wesen soll die Welt genesen (Naumann) — ד. ה. צו ברײטסטע אימפּעריאַליסטישע געווינסנ, האָט גאָר געבראַכט צו שווערע שאָלעמ־באַדינגונגענ, צו אָפּרײַסונג פונ „דײַטשע לאַנדטײלנ", צו דריקנדיקע רעקאָמפּענסאַציע־פּליכטנ, צו א טײלווײַזער אנטוואָפענונג פונ דער ארמײ, זי האָט ביז גאָר פאַרשאַרפט די ווירטשאַפטלעכע אונ סאָציאַלע ווידערשפּרוכנ. די אידעאָלאָגיע האָט דאָ די אופגאַבע אָפּנײַ צו פאָרמירנ די אימפּעריאַליסטישע שטימונגענ באַמ קלײנבירגער אונ צו פאַראַליזירנ די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג פונ פּראָלעטאַריאַט. מיט א פאַרטיפטנ פאַנ־נאַציאָנאַליזמ דארפ מענ אָפּשפּרעכנ דאָס געשפּענסט פונ קאָמוניזמ, וואָס איז שוינ לאַכלוטנ עפּעס אנדערש, ווי בלויז א „געשפּענסט" אינ א זעקסטל טײל פונ דער וועלט. דער בורזשואַזער קאַמפּ קעגנ דעמדאָזיקנ „געשפּענסט" שפּיגלט זיכ אָפּ אינ אלע אירע אידעאָלאָגישע ארויסזאָגונגענ אונ באַזונדערס אינ יענער וויסנשאַפט, וואָס איז שוינ לאַנג אונ באַזונדערס אָפּט אויסגענוצט געוואָרנ אלס אומויסשעפּלעכער קוואַל פאַר נאַציאָנאַליסטישער „פאַרגײַסטיקונג".

.11

א גרויסער טײל קלײנבירגערטומ, וואָס קוקט מיט פאַכד סײַ אַפ דער אנטוויקלונג פונ קאַפּיטאַליזמ, סײַ אַפנ וווּקס פונ רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאַריאַט, גײט פאָרט אינ אזא פּעריאָד דערעכ־קלאַל אַפנ בוקסיר פונ דער גרויס־בורזשואַזיע, טראַכט



צו לויט זײַנ באַגרענעצט־אומהעראָישער פּיליסטערישער קלאַסנ־טעווע פאַרשײדענע הילפלאָזע, כאָטש לאַכלוטנ ניט „אומשולדיקע" אונ ניט אומגעפערלעכע „פּאָליציאַטיוונ" אינ אלע אידעאָלאָגישע געביטנ. דיראָזיקע אידעאָלאָגישע מאָמענטנ ווערנ דאַנ גערנ אײַנגעכאַפּט, באַווירקט אָנגעפירט אונ אויסגענוצט פונ דער גרויסבורזשואַזיע צוליב אירע אינטערעסנ. אזעלכע מינע „גערדאַנקענגענג" ווי „פאַנ־עטנאָגראַפיזאַציע" אלס פּאָליטישער, סאָציאַלער אונ קולטורעלער אלהײל־מיטל טראָגנ דײַטלעכ דעמ שטעמפּל פונ קלײנבירגערלעכנ אורשפּרונג, זײ שטאַמענ אינ טאָכ גיכער פאַרנ אלצ אינ ערשטער רײ פונ דער קלײנבירגערלעכער אידעאָלאָגיע אונ אנטשפּרעכנ אַמײנסטנ גראָד צו קלײנבירגערלעכע אונ קלײנ־פּויערישע אידעאַלנ אונ בענקעניש.

די ראָמאַנטיק, וואָס קומט אינ אזא האַמצאָע צומ אויסדרוק, באַטײַט דאָ א בענקעניש נאָכ יענער פאַרגאַנגענהײַט, ווענ דער קלײנבירגער איז נאָכ ניט געווענ אינ אזא געדריקטער סיטואַציע צווישנ העכסט־אנטוויקלטנ קאַפּיטאַליזמ אונ רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאַריאַט, ווענ די סאָציאַל־עקאָנאָמישע ראָל פונעמ קלײנבירגערטומ אינ דער געזעלשאַפט איז געווענ פונ גאָר אנ אנדערנ באַטײַט. בינ צו א געוויסער מאָס קענ מענ זאָגנ, אז דער ראָמאַנטישער פאָלקלאָר־אידעאַל ביכלאַל איז אינ טאָכ מער פאַר אלצ כאַראַקטעריסטיש פאַרנ קלײנבירגער—וואָס שטײט אמאָל אונטער דער אָנפירונג פונ פעאָדאַלער אונ קירכלעכער רעאַקציע, אמאָל פונ פאָרשריטלעכער האָרע־פאַשנע מאַכנ, אונ הײַנט אינ א גרויסער מאָס פונ אימפּעריאַליסטישנ קאַפּיטאַליזמ. אונ אויכ: דער אײגנטלעכער ווירקונגס־ראַדיוס פונ אזעלכע פאָלקלאָר־אידעאַלנ ווערט סאָציאַל ארומגעגרענעצט מער אָדער ווײניקער דורכנ קולאַקישנ פּויערטומ אונ קלײנבירגערטומ. פאַר דער אומבאַרעמהאַרציקער כײַע קאַפּיטאַליזמ איז יעדעס מיטל, פונ וואַנענ ס'זאָל ניט קומענ, גוט גענוג אַפ עס אײַנצושפּאַנענ אינ איר מאַשינ, בפּראַט נאָכ אויב עס ווערט דערמיט אײַנגענומ אויכ אײַנגעשפּאַנט דער שאַפער פונעמ מיטל גופע. אָבער דורכ אזעלכע „פּאָליציאַטיוונ" ווערט ניט אופגעהאַלטנ, נאָר פאַרגיכערט די באַרגאַראָפּיקע צעוויקלונג פונעמ קלײנבירגערטומס גוירל, וואָס ווערט ענדגילטיק פאַרענדיקט דורכנ זיג פונ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

.12

אָפּנהאַרציקער אונ דײַטלעכער, אָנ איבעריקע ליבעראַלע אונ סטיליסטישע גאַפּצונגענ זאָגט זיכ ארויס „וועגנ דעמ מעהוס, דערציִונגס־ווערטנ אונ צילנ" פונ דער פאַשיסטישער פאָלקסקענטעניש אנ אנדער דײַטשער עטנאָגראַפּ, הײנצ הונגערלאַנד [1]). וואָס די שפּאַמערס, האַבערלאַנדטס, זאַרטאָריס א. א. וו. פאַרשווײַגנ שעמעוודיק, זאָגט ער ארויס אָנ כאָכמעס. די „וויסנשאַפטלעכקײַט" פונ דעמדאָזיקנ באָרנירטנ פּראָווינציעלנ זײער הײמישלעכנ „געלערנטנ", דעמ „ארכיוו־אָנפירער פאַר פאָלקסקענטעניש פונעמ אָסנאַברוקער לאַנד אונ די שכײנעסדיקע געביטנ א. אז. וו. א. א. וו."— איז מער ווי פּראָבלעמאַטיש, דערפאַר אָבער אנטפּלעקט ער אַפ א „קלאַסישנ אופנ" די אײגנטלעכע פאַשיסטישע וואָרצלענ פונ דער הײַנטצײַטיקער דײַטשער בירגערלעכער עטנאָלאָגיע אונ עטנאָגראַפיע אסאַכ קלאָרער אונ אײנדײַטיקער

[1]) Dr. Heinz Hungerland: Die Volkskunde, eine Hilfswissenschaft der Geschichte, ihr Wesen, ihre Erziehungswerte und Ziele; Osnabrueck, 1926.

און אַרבעטער באַקימענ אַנ אינעווייניקסטע הארציקײַט, באַזונדערס ווענ דער אַרבעטער שטאַמט טאַקע פונ דער אַרבעט־געגנט גופא" (ז. 20־21).

„דער אויסנווייניקסטער ציוויליזאַציע־נאַטוראַליזמ, האָט בויט זיכ אַז א מעטאַפיזיש־קריסטאָקראַטישנ אויטאָריטעט־גלויבנ. אונ וואָס זינקט אַלצ מער אינ מער אַראָפּ צומ הײדנטומ (!), האָט געפירט צו די גרויסע פעלקער־סיכסוכימ, צומ וועלט־קריג, צו דער באַלקאַניזאַציע אונ צו דער טיילווײַזער באָלשעוויזאַציע פונ אייראָפּע (דאָ ליגט דער הונט באַגראָבנ! — מ. וו.). אָבער אַנ אַנטוויקלונג־געשיכטלעכער (געמיינט: אַנ עטנאָגראַפישער — מ. וו.) אינעווייניק־צי אָריענטירטער קולטור־נאַציאָנאַליזמ — אונ אַז דעמ צילנ מײַנע פאָלקס־דערציִערישע פאָדערונגענ — וועט פאַמעלעכ אונ אָרגאַניש דורכ מעלוכע־בינדנ מיט א באַשטימטער ראַסע אַלס צענטער (Staatenbünde von bestimmten rassigen Kern) אויפשטעלנ א צונויפגערערטע אייראָפּע, אַזאַ מינ פעסטונג־דאַמבע, וואָס נאָר זי אַליינ וועט קאָנענ אָפּראַטעווענ די מײַרעוו־לענדער פונ דראָענדיקנ אונטערגאַנג (לייענ פונ קאָמוניזמ! — מ. וו.)". —

אָט אָ דיזאָזיקע לעצטע צילנ פונ זײַנע „פאָלקסדערציִערישע פאָדערונגענ", וואָס דאַרפנ אויסגעפירט ווערנ מיט דער הילפ פונ עטנאָגראַפיע, ווערנ שוינ דאַמאָלט אַרויסגעזאָגט מיט גאָרניט פראָסטע ווערטער, נאָר מיט יענער מעליצעדיקער אונ מעטושטעשער געדריידלטקײַט, וואָס דער פאַשיזמ באַנוצט, ווענ ער וויל ניט, מע זאָל אימ כאַפּנ באַמ וואָרט, אונ ווענ ער האָט מוירע צו שטאַרק אָפּצושטויסנ דעמ קלײנבירגער דורכ אײַנדײַטיקער קלאָרקײַט. דעריבער מוזנ מיר די סוירעספּילע זאַצ־אַביטל דעשיפרירנ.

.14

דער פראָווינציעלער באַרעדעוודיקער פאַשיסט ווײַזט דאָ אָנ ווו דער שוכ קוועטשט אימ. די פאָלקסקענטעניש דאַרפ זײַנ א וויכטיקער קאַמפּ־מיטל — קעגנ באָלשעוויזמ. צוליב דעמ דאַרפ מענ דאָס אַזוי נייטיק האָבנ די „אײַנהײַט־קולטור". „די שוטפעסדיקע, אַנטשלאָסענע, אַפעקטיווע צילאָנשטעלונג פונ אַלע פאָלקס־קלאַסנ אַפ דער אַלטער קולטורעלער יערושע, דאָס ציל־באַוווּסטזיניקע אָנקניפּנ אָנ דער פאָלקלעכער פאַרגאַנגענהײַט אונ די ליבעפולע פאַרטיפונג אינ איר מעסוירע דאַרפנ שאַפנ דעמ גרונט־באָדנ פאַר דער אויסגעבענקטער פאָלקלעכער אײַנהײַט־קולטור, וואָס מוז סאָפ־קאָלסאָפ זײַנ דאָס העכסטע ציל פונ שטודיומ פונ פאָלקסקענטעניש" (ז. 19).

„דײַטשלאַנדס אומגליק" שטאַמט ניט פונעמ אימפּעריאַליסטישנ קאַפּיטאַליזמ אונ זײַנע סטירעס, נאָר פונעמ „ציוויליזאַציע־נאַטוראַליזמ, וואָס זינקט אַלצ מער אונ מער אַראָפּ צו הײַדנישקײַט". דער פאַשיזמ פאַרהאַלט זיכ פײַנטלעכ צומ קירכלעכנ „אינטערנאַציאָנאַליזמ" אונ איז ניט באַזונדערס גוט געשטימט צו דעמ „אָפּאָרטוניסטישנ" אײַנפלוס פונ דער קאַטוילישער קירכע אונ פונ אַנדערע „אינטערנאַציאָנאַלע" קירכעס אַפ זײַנע אימפּעריאַליסטיש־נאַציאָנאַליסטישע צילנ. דער פאַשיזמ קאָנ ניט לײַדנ די קאָנקורירנדיקע מאַכט־פרעטענזיעס פונ די פאַרשיידענע קירכעס. דער אימפּעריאַליסטיש־עקסטרעמער נאַציאָנאַליזמ פראָפּאַגירט א ריינ נאַציאָנאַלנ דײַטשנ גאָט, וואָס דאַרפ „אויפגעבויט ווערנ" ניט פונ „מיורעכדיקע דאָגמעס", ניט אַפ „קריסטאָקראַטישנ אויטאָריטעט־גלויבנ", קורצ: ניט אַפ דער שוטפעסדיקער קריסטוס־לעגענדע אונ באַזונ־



דערס ניט אַפ דער אויטאָריטעט פונ פויפּסט אונ קאַטוילישער קירכע נאָר פונ די אַלטע נאַציאָנאַל־דײַטשע מיטאָלאָגישע באַשטאַנדנ — אונ טאַקע מיט דער הילפ פונ עטנאָגראַפיע, אַלטע פאָלקס־גלויבונגענ א. אַז. וו.

דערבײַ איז אָבער דער פאַשיזמ דורכויס ניט קיינ קעגנער פונ יעדנ אינטערנאַציאָנאַליזמ ביכלאַל. ער האָט ניט באַזונדערס ליב דעמ קירכלעכנ „אינטערנאַציאָנאַליזמ", איז א טויט־פאַרביסענער פײַנט פונעמ רעוואָליוציאָנערנ אינטערנאַציאָנאַליזמ באַמ פראָלעטאַריאַט — ער איז אָבער דורכויס פאַר א אינטערנאַציאָנאַלנ בונד קעגנ דעמ פראָלעטאַריאַט, פאַר אַזאַ מינ בונד פונ קאַפּיטאַליסטישע גרויס־מעלוכעס, ווו „דײַטשלאַנד" זאָל אַרײַנ אַפּסנײַ אינ דער אימפּעריאַליסטישער רויב־כאַוורײַע אַלס שטאַרקער אונ מעכטיקער רויב־שוטעפ. דער פאַשיזמ איז דורכויס פאַר אַזאַ מינ אינטערנאַציאָנאַלנ בונד, וואָס דאַרפ העלפנ אומלייגנ אונ פאַרניכטנ דאָס רעוואָליוציאָנערע שטרעבנ פונ פראָלעטאַריאַט. דער אָפּקלײַב פונ די בונד־שוטפים דאַרפ גיינ לויט דעמ סימענ פונ ראַסע־קרויוועשאַפט. פונ דער „עטנאָגראַפישער ראַסנ־לערע", דעמ טראַדיציאָנעל־רעאַקציאָנערנ אויסגאַנג, נעמט מענ א פאָרמולע פאַרנ ווונטש זיכ צו פאַרבינדנ מיט יענער אימפּעריאַליסטישער גרויס־מעלוכע, וואָס איז פאַר דײַטשלאַנד פונ יענע יאָרנ (1924 — 1926) ביכלאַל געקומענ אינ באַטראַכט (דעריקער ענגלאַנד).

און דאָס טאַקע זײַנענ דער הויפּט־„מעהוס, דערציִונגס־ווערטנ אונ צילנ" פונ דערדאָזיקער פאָלקס־קענטעניש, דאָס טאַקע מיינט מענ דעריקער מיטנ „ווידערגעבוירנ פונעמ דײַטשנ מענטשנ" (ז. 22), וואָס דאַרפ לויט די הונגערלאַנדס זײַנ א רעזולטאַט פונ דער עטנאָגראַפישער אַרבעט. דאָ טאַקע ליגט דער הונט באַגראָבנ.

## VII. דער אונטערגאַנג פונ עטנאָגראַפישקײַט אונ פאָלקלאָרישקײַט

.1

עס איז אַנ אָנסאָפּעקדיקער פאַקט, אַז דער עטנאָגראַפישער שטייגער ביכלאַל אונ מעמיילע אויכ דער פאָלקלאָר ביפראַט זײַנענ פאַרמישפּעט צומ אונטערגאַנג. דורכ דער ענדערונג פונ די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישנ, וואָס די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט געבראַכט, ווערט זייער ליקווידאַציע בלויז פאַרגיכערט. די אַנטוויקלונג פונ די פאָרמעס אינ לעבנשטייגער אונ קונסט, וואָס איז סיסטעמאַטיש אופגעהאַלטנ געוואָרנ אינ אָפּגעשטאַנענקײַט, ווערט באַפרײַט פונ די צוימענ, וואָס דער פוילנדיקער בורזשואַזער סיידער האָט אַפ איר אַרויפגעלייגט. די מונדלעכע אומיוודעדיקע קונסט פונ די אונטערדריקטע קלאַסנ אונ שיכטנ האַלט אינ ליקווידירט ווערנ דורכ דער נײַער פראָלעטאַרישער קונסט: די אָפּגעשטאַנענקײַט — דורכ קעמפערישער רעוואָליוציאָנערישקײַט, דאָס „ספּעציפיש־נאַציאָנאַלע" — דורכ פראָלעטאַריש־רעוואָליוציאָנערנ אינטערנאַציאָנאַליזמ, די באַנאַלע טראַפאַרעטישקײַט — דורכ דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישער דיפערענצירטקײַט א. אַז וו. די עקאָנאָמישע אונ סאָציאַלע באַזיצ

און רעוואָליוציאָנערע טײלן און זשאַנרען. אָבער אויך דאָרט איז דאָס שוין דער **לעצטער** פֿאָלקלאָר, פֿאַרן אונטערגאַנג, ווײַל אויך דאָרט דינט ער שוין יענער רעוואָליוציע, וואָס וועט אָפּשראַנען יעדע באַזע פֿאַר זײַן ווײַטעראַנטוויקלונג, ווײַל די גאַנצע אײגנטלעכע שאַפֿערישקײט וועט זיך דאַן, נאָך דער רעוואָליוציע, אויסדריקן אין די העכסטע „ליטעראַרישע“ פֿאָרמעס, אין וועלכע עס פֿאַרשווינדן אַלע טיפּישע סימנים, וואָס טײלן אויס „פֿאָלקלאָר“ פֿון דער „געבילדעטער“ ליטעראַטור־שאַפֿונג.

ווי שטאַרק זיי זאָלן דאָס ניט באַדויערן, קענען די בורזשואַזע פֿאָלקלאָריסטן ניט לײקענען אַזעלכע קלאָרע און בולטע פֿאַקטן, אַז עטנאָגראַפֿישקײט און פֿאָלקלאָרישקײט גײען אינאײנעם, כאָטש זיי באַמיִען זיך אין דער אײגענער צײַט מיט פֿאַרבײַסענער אײַנגעשפּאַרטקײט און מיט קאָלערליי מיטלען ניט נאָר צו פֿאַרלײקענען די עקזיסטענץ פֿון דער פֿאָלקלאָר־אַנטוויקלונג גופֿא, נאָר אויך אָנצובינדן און דורכצופֿירן גאַנצע סיסטעמעס פֿון פּראַקטישן פֿאָלקלאָריזם אַף די פֿאַרשיידנסטע געביטן פֿון דער אַקטועלער שאַפֿונג. אָבער אויך בײַ אונדז אין ראַטנפֿאַרבאַנד קומט אַמאָל אויס צו הערן פֿון סאָפּעקדיקע „מאַרקסיסטן“ אַ מיינונג, אַז די פֿאָלקלאָר־אַנטוויקלונג איז נאָך ניט פֿאַרענדיקט. דער ווונטש איז דאָ דער „פֿאָטער“ פֿונעם געדאַנק, און דערדאָזיקער „פֿאָטער“ קומט פֿון קלאַסן־פֿײַנטלעכע קלײנבירגערלעכע געגנטן. עס וועט קודם־כל זײַן צו באַטראַכטן די מיינונגען פֿון עטלעכע בירגערלעכע פֿאָלקלאָריסטן וועגן דער **צוקונפֿט** פֿון פֿאָלקלאָר און אויך דעם אופֿן ווי זיי באַציִען זיך צום פֿעסטגעשטעלטן פֿאַקט. מיר וועלן אַזוי אַרום אָפּדעקן דעם באַטײַט פֿון „ספּיקעס“ אין דער איצט אַקטועלער פֿאַרענדיקונג פֿון דער פֿאָלקלאָר־אַנטוויקלונג.

### 3.

דער דײַטשער נאַציאָנאַליסטישער פֿאָלקלאָריסט אַ. בעקעל שטעלט נאָך 1908 פֿעסט [1], אַז „לײדער ווערט דער קרײַז, אין וועלכן ס'איז פֿאַרוואָרצלט די פֿאָלקס־מעסירע, מיט יעדן יאָר־צענדליק אַלץ קלענער און קלענער, דעריבער טאָר מען ניט קײן צײַט פֿאַרלירן. שוין לאַנג איז די פֿאָלקס־מעסירע אַרויסגעשטופּט געוואָרן פֿון די שטעט און זי איז אַריבער אַלס ירושה צום פּויערים־שטאַנד. אָבער אויך דאָ דראָעט אַ וואַקסנדיקע סכּנה, וואָרעם אויך דערדאָזיקער שטאַנד, וואָס איז פֿעסט צוגעבונדן צו דער ערד, הייבט זיך אָן וואַקלען. דער גלויבן אין דער ירושה פֿון די אָבֿות איז שוין ניט מער אַזוי לעבעדיק ווי פֿריִער. פֿרעמדע און ווערטלאָזע שמאָכטעס ווערן העכער אָפּגעשאַצט ווי דאָס אײגענס, ווי די אוראַלטע באַקומענע ירושה־גיטער פֿון פֿאָרצײַטנס. די האַרציקע פֿאַרבינדונג, וואָס האָט פֿאַרקניפּט די פֿאַרגאַנגענהײַט מיט דער קעגנוואַרט, ווערט אַלץ לויזער און לויזער. איז טאַקע דעריבער ניט קײן וווּנדער, וואָס דער פּויערים־שטאַנד שטאַרבט פּאַמעלעך אָפּ אָרער בײַט זײַן מהות. דערדאָזיקער אַנטוויקלונג־פּראָצעס איז זײער צו באַדויערן: ער באַטײַט — דעם אָנהײב פֿון סאָף, — און ניט בלויז פֿון דײַטשן

1) „Die deutsche Volkssage“ צווייטע אויפלאגע ז. 120.



עטנאָגראַפֿישן שטײגער“. די לאָגיק און דער דערקלער־אופֿן פֿון די ענדערונגען באַם פּויערים־שטאַנד זײַנען געגנוג מאָדנע און עפּעס ניט אַזוי שטאַרק וויסנשאַפֿט־לעך, אָבער דער פֿעסטגעשטעלטער פֿאַקט איז קלאָר.

„געדענקען מיר — פּרײדיקט ווײַטער דער „געלערנטער“ — די מאָנענדיקע ווערטער פֿון ה. וו. ריל: „די פֿאָלקסמאַסע איז בײַ אונדז דער בויער. נאָר דער דאָזיקער אײנציקער פֿאַקט גאַראַנטירט אונדז די **צוקונפֿט** פֿון **דײַטשן פֿאָלק**(!). אָבער ווי צו אונדז, אויב די דעגענעראַציע, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן פֿון אויסגעוויניק אויסצוזעסן די מאַכט פֿון דאָרפֿישן פֿאָלק, וועט אויך דערגרייכן דעם אינעווייניקסטן קערן!“ צי וועלן מיר זיך טאַקע ווײַטער באַרויִקטע צוקוקן צו דעם פּראָצעס? איר אַלע, וואָס איר זענט דערצו באַרופֿן, סײַ דורך אײַער ראַנג, סײַ דורך אײַער באַזיץ, אונטערצוהאַלטן גרויסע גײַסטיקע מאַכט פֿון דער באַזיץ — זאַמט ניט לענגער! אַ גרויסע **דײַטשע** אויפֿגאַבע וואַרט אַף לייזונג, נעמט זיך צו טאָטן!“

און טאַקע אַף אַן עכט וויסנשאַפֿטלעכן אופֿן פֿאַרענדיקט דערדאָזיקער ווילהעלמינישער רעאַקציאָנער זײַן בוך: „אַלע מײַנע ווערק שליסן זיך אײַנעם מיטן אַנדערן ווי בלעטער פֿון אַ יאַם־רויז אַרום איר בליטן־בעכער, אַרום מײַן פֿאָלק און מײַן גאָט. נאָר זיי קומט צו געבן קאָוועד“.

פֿון דער גאַנצער פּאַטעטיק איז אָבער בלויז קלאָר זײַן פֿעסטשטעלונג, אַז דער עטנאָגראַפֿישער שטײגער אינאײנעם מיטן פֿאָלקלאָר גײען אונטער אַפֿילע צווישן פּויערים. ווײַטער איז קלאָר די פֿאָדערונג, אַז די, וואָס האָבן „ראַנג און באַזיץ“, דאַרפֿן דעמדאָזיקן שטײגער ראַטעווען פֿון דראָענדיקן אונטערגאַנג, קעדיי אַזוי אַרום ראַטעווען די „דײַטשע צוקונפֿט“. אַלס אידעאָלאָגן פֿון די, וואָס פֿאַרמאָגן „ראַנג און באַזיץ“, פּראָפּאַגירט אַזאַ „געלערנטער“ אַקטיוו און פּראַקטיש אָפּסגײַ אַרײַנצופֿלאַנצן דעמדאָזיקן עטנאָגראַפֿישן שטײגער און פֿאָלקלאָר. די עטנאָגראַפֿיע, באַטאָנט בעקעל, מוז אויפֿהערן צו זײַן אַ טעאָרעטישע וויסנשאַפֿט, זי דאַרף ווערן פּראַקטישע טאַט. „מע מוז סאָפֿקאָלטאָפּ מאַכן אַן עק צו דער פֿאַרשטעלונג, אַז די פֿאָלקסקענטעניש איז בלויז שטאָף פֿאַר געלערנטע, אַ פֿאַך־שטודיום, ווי אַסאַך אַנדערע. גאָט זאָל באַהיטן, אַז די דײַטשע פֿאָלקסקענטעניש זאָל אַמאָל ווערן אַ פֿאַך־וויסנשאַפֿט, דאָס וואָלט געוועזן איר סאָף“ (ז. 119—120). די פֿאָלקסקענטעניש דאַרף ווערן אַזוי צו זאָגן די דײַטשע רעליגיע. „אין דער פֿאָלקסקענטעניש שטעקט מער ווי געוויינלעך אין אַ פֿאַך־וויסנשאַפֿט. די דײַטשע פֿאָלקסקענטעניש אַנטהאַלט דעם טאַמציס פֿון דער דײַטש־פֿאָלקישער וועלטאָנשויונג“. און פֿאַרוואָס עפּעס די פֿאָלקסקענטעניש? ווײַל זי געהער, ווי בעקעל ציטירט לויט אַ. שטראַק, צו „די גײַסטיקע אַרויסזאָגונגען. וואָס דרינגען אומבאַוווּסטזיניק אַרויס און וואָס זײַנען באַדינגט דורכן **נאַטירלעכן** צוזאַמענהאַנג פֿון אַ פֿאָלק“. דאָס וויל זאָגן, אַז די אָביעקטן פֿון דער פֿאָלקסקענטעניש זײַנען אַ באַווײַז פֿאַר דער **נאַטירלעכער** צוזאַמענגעהעריקײט פֿון אַלע קלאַסן, אַלס אײנהײט, אַז דידאָזיקע אײנהײטלעכע צוזאַמענגעהעריקײט איז אַזוי צו זאָגן מישיישעס יעמיי בערייִשיס און אַף אײביק פֿון גאָט און אַפֿילע פֿון דער נאַטור באַשלאָסן. קלאָר און דײַטלעך!

.4

דערדאָזיקער „געלערנטער“ וויל כאָטע ניט פאַרבינדנ קיינ פּאָליטישע טענדענצ מיט פאָלקסקענטעניש אונ פאָלקלאָר. בעשוֹמוֹפנ ניט. „מע האָט געמיינט, אז „פאָלק“ (אינעם באַגריפ פאָלקסקענטעניש — מ. וו.) באַטײַט נאָר די מאַסע, ד. ה. דער האַמוינ. ניטאָ קיינ גרעסערער טאָעס ווי דער! מיטנ האַמוינ האָט די פאָלקסקענטעניש קיינ שום שײַכעס ניט. דער האַמוינ קענ ניט קיינ פאָלקסגעזאַנג, קיינ פאָלקסלעגענדעס אונ ביכלאַל קיינ שום אײדעלע זאַכ ניט. דער האַמוינ גיט זיכ בלויז אָפּ מיט זײַנע שלעכטע לײַדנשאַפטנ (!). די דאָזיקע דערקלערונג פונ באַגריפ „פאָלק“ איז א טאָעסדיקע. פונקט אזוי טאָעסדיק איז אָבער אויכ די מיינונג, אז „פאָלק“ באַטײַט נאַציע. דער באַגריפ פאָלק אינ עטנאָגראַפישנ זינ האָט ניט קיינ שום פּאָליטישנ בײַ־טאַמ“. דאָס דערקלערט דער ביטערער געלערנטער אפ ז. 1 פונ זײַנ בוכ.

דערבײַ אָבער שטערט אימ דאָס לאַכלוטנ ניט צו באַווײַזנ אונ צו פּריידיקנ אפ די גאַנצע איבעריקע הונדערט אונ צוואַנציק זײַטנ פונ זײַנ בוכ גראָד דעמ פּאָליטישנ באַטײַט, וואָס סע האָט די פּראַקטישע אָפּהיטונג פונ עטנאָגראַפישקײַט אינ פאָלקלאָרישקײַט פאַר דער „צוקונפט פונ דײַטשנ פאָלק“. דאָס גאַנצע בוכ, ווי אַלאַכ ענלעכע, איז א פּראָפּאַגאַנדע־בוכ — ניט פאַר דערדאָזיקער וויסנשאַפט, נאָר — פאַרנ עטנאָגראַפיש־פאָלקלאָרישנ שטייגער גופע. מיט אלע מיטלענ דאַרפ דערדאָזיקער שטייגער אָפּגעהיט אונ אפילע אָפּסנײַ אײַנגעפּלאַנצט ווערנ. אונ א הויפּט־מיטל איז, פאַרשטייט זיכ, — די שול. עטנאָגראַפיע אונ פאָלקלאָר דאַרפנ אײַנגעפירט ווערנ אינ די שולנ ניט סתּם אלס לערנ־געגנשטאַנדנ, נאָר אלס אַרײַנפיר צו פּראַקסיס, צומ עטנאָגראַפישנ לעבנשטייגער אינ דער ווירקלעכקײַט. ס'דאַרפנ דערצויגנ ווערנ עטנאָגראַפישע מענטשנ. „אָנ סאָפּעק — ציטירט בעקעל א זאַצ פונ מאָגק — איז די אַלגעמיינע בילדונג דער ערגסטער פײַנט פונ אַלעמ, וואָס מיר זײַנענ געווינט צו באַנעמענ ווי אַרויסזאָגונגענ פונ דער פאָלקס־נעשאָמע“ (ז. 2). ענלעכע אַרויסטרעטנ קעגנ דער אַלגעמיינער „פאָלקס“־בילדונג איז אפילע אינ ווילהעלמינישנ דײַטשלאַנד אינ יאָר 1908 שוינ ניט מער מעגלעכ געווענ, אָבער אַרויסטרעטנ פאַר אַלגעמיינער פאָלקס־פאַרנאַרישונג אונטערנ מענטעלע פונ עטנאָגראַפיזמ אונ פאָלקלאָריזמ איז דורכויס מעגלעכ געוואָרנ.

„צי קאָנ אונדז עפּעס אינ דער וועלט ביכלאַל העלפנ, אויב דער גײַסט פונעמ פאָלק ווערט ניט שוינ פונ דער יוגנט אָנ דערצויגנ צו ליבע אונ אָנהענגלעכקײַט פאַרנ וועזנ פונ היימלאַנד?... דאָס בילד פונ היימלאַנד מוז פונ כאַמע פריִער יוגנט אָנ אײַנגעפּלאַנצט ווערנ: היימלאַנד־קענטעניש דאַרפ ווערנ אזא באַשטאַנדטייל פונעמ שול־לימעד ביכלאַל, אָנ וועלכנ קיינער זאָל זיכ ניט קאָנענ באַגיינ. איידער דאָס קינד ווייס ניט דעמ מעהוס פונ זײַנ היימלאַנד, זאָל מענ אימ ניט אָנבינדנ די געאָגראַפיע פונ דער אויסנווייניקסטער וועלט. פאַרשטייט זיכ: עס קלעקט ניט קיינ שאַבלאָנמעסיק לערנענ היימלאַנד־קענטעניש... מיט איר איז טיפ אינעווייניק פאַרבונדנ די פאָלקסקענטעניש...“ אונ טאַקע אויכ דער פאָלקלאָר. בעקעל גיט דאָ די דעטאַלסטע פּעדאַגאָגישע אָנווײַזונגענ (ז. 114 אונ ווײַטער). אזוי דאַרפ פּאַראַלי-



זירט ווערנ די סאַקאָנע, וואָס דראָעט פונ דער אַלגעמיינער בילדונג, ביז אינ דער פּעדאַגאָגיק אַרײַנ גייט די עטנאָגראַפיזאַציע אונ פאָלקלאָריזאַציע [1].

דערדאָזיקער רעאַקציאָנערער פאָלקלאָריסט שטעלט פעסט דעמ אונטערגאַנג פונ פאָלקלאָר, אונ פאָרט האַלט ער פאַר נייטיק אונ פאַר מעגלעכ דעמ אונטערגאַנג צו פאַרהאַלטנ אונ אפילע די עטנאָגראַפישקײַט סיסטעמאַטיש צו פאַרשטאַרקנ אַנטשפּרעכנדיק צו די אינטערעסנ פונ אימפּעריאַליסטישנ קאַפּיטאַליזמ. דאָס איז געווענ אינ יאָר 1908. זײַט דעמאָלט האָט דער אָפּגאַנג פונ עטנאָגראַפישקײַט אונ פאָלקלאָרישקײַט געמאַכט ווײַטערדיקע ריזיקע פאָרשריטנ. אונ דאָס איז, פאַרשטענדלעכ, נאַטירלעכ אונ דאַרפ באַגריסט ווערנ. בא הײַנטיקנ טאָג באַטײַט יעדע טעאָריע, וואָס פּרוּווט דערלאָזנ א ווײַטער־אַנטוויקלונג אָדער גאָר אויפבלי פונ עטנאָגראַפישקײַט — אפילע, ווענ זי מאַסקירט זיכ אונטער דעמ אויסרייד, אז דאָס וועט זײַנ א „פּראָלעטאַרישע אונ רעוואָליוציאָנערע“ עטנאָגראַפישקײַט — אַנ אָפענער אויסדרוק פונ בורזשואַזע אונ טיפ רעאַקציאָנערע טענדענצנ.

.5

אַנ אַנדערער דײַטשער פאָלקלאָריסט, דער איבערנדערמאָנטער אַדאָלפ שפּאַמער [2], פּאָלעמיזירט קעגנ די, וואָס שטעלנ אונטער א סאָפּעק די עטנאָגראַפישע וויסנשאַפט, האַלטנדיק, אז עטנאָגראַפישקײַט ביכלאַל האַלט אינ פאַרשווינדנ ווערנ. שפּאַמער באַטאָנט, אז אזא האַשאָרע איז דערווײַל ניט מער ווי בלויז אַנ אומעטיק נעווינעטזאָגנ סתּם אינ דער וועלט אַרײַנ. מיט אזעלכע פּראַזעס האָפט ער צו ראַטעווענ די עטנאָגראַפיע אלס וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלינ. ער טוט דאָס אָבער זייער ניט געראָטנ. עטנאָגראַפיע איז שוינ טאַקע ניט מער קיינ וויסנשאַפט מיט אַקטועל־פּראַקטישע פּראָבלעמ־שטעלונגענ, אָבער איר זייער וויכטיקער באַטײַט אונ איר צוקונפט אלס היסטאָרישע דיסציפּלינ איז לאַכלוטנ ניט אָפּהענגיק פונ דעמ, וואָס איר פאָרשונג־אָביעקט פאַרשווינדט אלס דערשײַנונג פונעמ אַקטועלנ לעבנ.

שפּאַמער גופע מוז זיכ מוידע זײַנ: „ס'איז קיינ שום סאָפּעק נישט, אז מיטנ ווּקס פונ די מאָדערנע ציוויליזאַציע־פאָרמעס, וואָס כאַפּנ אַרומ מיט זייער „פאָרשריט“ („פאָרשריט“ ברענגט שפּאַמער אינ גענדזנפיסלעכ! — מ. וו.) אַלצ גיכער אונ גיכער די גאַנצע וועלט — שווימט אַלצ מער אונ מער אַרופ א באַשטימטער איינהײַט־סטיל פונ די אויסנווייניקסטע פאָרמעס אינ בוי־שטייגער, קליידונג, אינ דער פאַבריקמעסיקער סטאַנדאַרט־סכוירע פונ מעבלעס, בילדער־באַפּוצונג, שפּילצײַג א. א. וו.

[1] די עטנאָגראַפיזאַציע אינ פאָלקלאָריזאַציע פונ דער פּעדאַגאָגיק אונ פונ די שול־לימודימ איז אינ קאַפּיטאַליסטישנ דײַטשלאַנד ניט געבליבנ סתּם א טעאָרעטישער פאָרלאַנג. אינ א סאַכ שולנ איז זי טאַקע פּראַקטיש שוינ מער אָדער ווייניקער לאַנג אײַנגעפירט געוואָרנ. די שול אינ די לערער ווערנ אויכ שטאַרק אויסגענוצט פאַר דער בורזשואַזער עטנאָגראַפישער וויסנשאַפט־אַרבעט. זע, למשל, דאָס זאַמלביכל „Völkerkunde und Schule“, אַרויסגעגעבנ פונ פּראָפ. א. טילענוס 1926, וואָס איז אינ טאָכ אַנ אינסטרוקציע פאַר לערער אונ שילער אפ מיטצואַרבעטנ אינעמ זאַמלענ אזעלכע עטנאָגראַפישנ מאַטעריאַלנ (מיט עטנאָלאָגיע, ווי דער טיטל זאָגט צו, האָט דאָס א קנאַפּנ שײַכעס) ווי, למשל, פאַמיליע־געשיכטע „ראַסנ־פאָרשונג“ אינ ענלעכע העכסט־וויסנשאַפטלעכע איניאָנימ.

[2] „Wesen, Wege und Ziele der Volkskunde“, Leipzig 1928, ז. 59—60.

אנ אויכ די גײַסטיקע באַדערפֿעניש'נ אונ פֿעיִקײַטנ (!) ניוועלירנ זיכ ביז צו א באַשטימטנ גראַד. מיט דער פֿאַרשטאַרקונג פֿונ אַלגעמײַנעמ לעבנס־טעמפּ וועלנ מער מינ דער אַנטוויקלונג פֿונ מאָדערנעמ קאַפּיטאַליזמ—מ. וו.) פֿאַרשווינדנ אַלצ מער די „אײַנדזלענ" מיט פֿאַרעלטערטע־קולטור־רעשטלעכ, ענגע נאָכהינקעניש'נ, וואָס זיי טאַקע האָבנ מיר דאָס צו פֿאַרדאַנקענ די אַנטשטייונג פֿונ באַזונדערע דאָרפֿישע קאָסטיומענ אונ קאָלערלייַ פֿאָלקסקונסט־פֿאָרמאַציעס, דאָרפֿישנ־שטייגער א. אז. וו. דורכ דער אָפּשלײַפֿונג פֿונ די אָרטיקע ספּעציפֿישע עטרעכנ בליאַקעריע אויכ אָפּ די שוואָטימדריקע אונ פֿאָלקהאַפֿטיקע אײַגנאַרטיקײַטנ. דאָס פֿילפֿאַרביקע בילד פֿונ אָנ־צאָליקע באַזונדערע אַנטוויקלונגענ, וואָס זײַנענ אינ דײַטשלאַנד אינ א באַשטימטער מאָס געווענ טאַקע וואָר א רעזולטאַט פֿונ דער קליינ־מעלוכעדיקײַט אונ פֿונ פֿעאָדאַל־הערשאַפֿטנ—ווערט אַלצ בלאַסער פֿונ יאָר צו יאָר.

שפּאַמער טרייסט זיכ אָבער: אויב די אַנטוויקלונג פֿונ קאַפּיטאַליזמ ניוועלירט פֿונ איינ זײַט, דיפֿערענצירט אָבער דיזעלבע אַנטוויקלונג פֿונ דער אַנדערער זײַט— די קלאַסנ. „פֿונדעסטוועגנ— זאָגט שפּאַמער ווײַטער— איז די האַשאָרע, אַז די שוואָטימדריקע אונ פֿאָלקהאַפֿטיקע אײַגנאַרטיקײַטנ פֿאַרשווינדנ פֿולשטענדיק, דערווײַל נאָכ (ווי פֿאָרזיכטיק!—מ. וו.) בלויז אַן אומעטיק נעוויִעס־זאָגנ סטאַמ אינ דער וועלט אַרײַנ. אַכוצ דעמ ווײַזט אונדז די ביזאיצטיקע אַנטוויקלונג, אַז מיטנ צונויפֿשמעלצנ אינ גרעסערע (מעלוכישע־מ. וו.) אײַנהײַטנ (דאָס פֿאַראייניקטע דײַטשלאַנד—מ. וו.) וואַקסט באַגלײַכ די גײַסטיקע צעשיידונג פֿונ די סאָציאַלע גרופּעס".

אָט דאָס איז די טרייסט זײַנע, אַז די סאָציאַלע דיפֿערענצנ, וואָס פֿאַרטיפֿנ אונ פֿאַרשטאַרקנ זיכ דורכ דער אַנטוויקלונג פֿונ אימפּעריאַליסטיש'נ טרעסטירטנ קאַפּיטאַליזמ, וועלנ פֿאַרייביקנ די קלאַסנפֿאַרהעלטעניש'נ אונ מעמילע אויכ די ווײַטער־דיקע אַנטוויקלונג פֿונ עטנאָגראַפֿישקײַט אונ פֿאָלקלאָרישקײַט. אונ וואָס־זשע וועט זײַנ, אויב דידאָזיקע קלאַסנפֿאַרהעלטעניש'נ וועלנ אויכ ליקווידירט ווערנ דורכ די פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע—ווער וועט דאַנ זײַנ דער טאַפּער, געבֿריבער אונ הויפּט־טרעגער פֿונ די לעצטע רעשטלעכ קולטורעלע „נאָכהינקעניש'נ"? עפּשער די באַזיגטע בורזשואַזיִע? עמעס, זי וועט זיכ פּרוּווּנ שפּילנ אויכ אָפּ דעמ אינסטרומענט, ווי זי באַמיט זיכ שוינ איצט באַצײַטנס אײַנצינעמ מיט אירע געלערנטע שפּאַמערס דאָס צו טונ. עס איז אָבער א גרויסער כילעק צווישנ דעמ אַמאָליקנ פֿאָלקלאָר, וואָס איז געווענ דאָס פּרימיטיווע אויסדרוק אונ ווירקונג־מיטל פֿונ פֿעאָדאַל־ראָמאַנטיש־אַנאַכראָניסטישע פֿאָלקלאָר־פֿעקטיווערײַכע צוקונפֿט־קלאַסנ—אונ צווישנ די ראָמאַנטיש־אַנאַכראָניסטישע פֿאָלקלאָר־פֿעקטיווערײַכע צוקונפֿט־קלאַסנ, צומ אונטערגאַנג באַשטימטע רישע באַלעבונגס־פּרוּווּנ פֿונ די פּערספּעקטיוולאָזע, צומ אונטערגאַנג באַמישפּטע קלאַסנ. אזא מינ קינצלעכער פֿאָלקלאָר האָט קיינ שומ אויסזיכטנ ניט, אינ מוז אינאיינעמ מיט זײַנע טרעגער אונטערגיינ.

.6

קאָמיש קלינגט עס, אויב שפּאַמער קומט נאָכ דעמ אַלעמ צומ אויספֿיר, אַז— דעריבער האָבנ מיר ניט קיינ שומ גרונט צו האַלטנ, אַז אינ א פֿאָרויסזעבאַרער צײַט וועלנ מיר האָבנ אַנ איינהײַטלעכנ טיפּ מענטש, אָדער זאָל זײַנ אפֿילע בלויז „אייראָפּייער" (געמיינט אינ שטייגערישנ, עטנאָגראַפֿישנ זינענ—מ. וו.). אונ טאַקע באַלד דערנאָכ אַנטפּלעקט שפּאַמער גופֿע די אייגנטלעכע קאַוואָנעס פֿונ אַזעלכע „ליבעראַלע" פֿאַרטיידיקונגענ פֿונ די פֿאָלקלאָר־פּערספּעקטיוונ. „טאַקע די געוואַלדיקע איבערשיכטונגענ, וואָס קומענ פֿאָר הײַנט פֿאַר אונדזערע אויגנ אינ די לעבנס־פֿאָר־מעס פֿונ די מענטשלעכע קאָלעקטיוונ, גיבנ צו צו אונדזער וויסנשאַפֿט (פֿאָלקס־קענטעניש—מ. וו.) א באַזונדערנ באַטײַט. דער אַלטער ראַטעווענדיקער געדאַנק, פֿונ וועלכנ מע האָט מיט רעכט אַמאָל אָפּגעלאַכט דאָרט, ווו ער איז בלויז סטאַמ אויסנ געווענ אָפּצוהיטנ אונ באַפֿרישנ דעמ „קאָוועד־ווירדיקנ" אַלטנ אויצער פֿונ ליד אונ זאָגע, די „שיינע אַלטע" שפּילנ, טענצ, שטייגערס א. א. וו.—דערדאָזיקער אַלטער געדאַנק ווערט הײַנט ווידער צוריק לעבעדיק אינ א פֿיל טיפֿערנ זינ. ס'גייט ניט וועגנ ראַטעווענ אַלטע פֿאָרמ־פֿאַרמעגנס, נאָר נײַע דערקענטעניש־אויצרעס". קורצ: דאָס וואָס מע האָט שוינ (אויכ די שפּאַמערס!) פֿונ לאַנג אונ מיט רעכט אָפּ־געלאַכט, ווערט איצט פּלוצימ פֿאַר דער בורזשואַזיִע אונ אירע שפּאַמערס צוריק לעבעדיק אונ ווערטפֿול „אינ א פֿיל טיפֿערנ זינ", ס'ווערט א נײַער דערקענטעניש־קוואַל—וויאַזוי צו באַקעמפֿנ דאָס רעוואָליוציאָנערע שטרעבנ פֿונעמ פּראָלעטאַריאַט.

ס'באַקומט זיכ אָבער זייער ווייניק קאָנסעקווענט, אויב שפּאַמער פֿאַרענדיקט זײַנע טיראַדעס מיט די ווערטער: „דעריבער איז הײַנט יעדער בײַדעש, וואָס די פֿאָלקסקענטעניש פֿאַרליִרט אָנ א מעגלעכקײַט דורכצופֿירנ ברייטסטע באַאָבאַכטונגענ, א שאָדנ פֿאַר דער פֿאָרשונג, וואָס מע וועט אימ ניט קאָנענ פֿאַריכטנ". קלאָמערשט צוליב דער באַרעכטיקונג פֿונ זײַנ וויסנשאַפֿט אַלס אַזעלכער פּרוּווט ער אינ אָנהייב ראַטעווענ די אַנטוויקלונג־פּערספּעקטיווע פֿונ איר אָביעקט—אונ קומט לעסאָפּ אָנ צו דעמ, וואָס ער שאַצט פֿריִער אָפּ אַלס „אַנ אומעטיק נעוויִעס־זאָגנ סטאַמ אינ דער וועלט אַרײַנ".

.7

גענוי דאָס אייגענע אונ מיט דערזעלבער באַגרינדונג הערנ מיר וועגנ דער פֿאַר־ענדיקונג פֿונ עטנאָגראַפֿישקײַט אויכ בײַ האַבערלאַנדט [1], אַנ אַנדערנ בירגערלעכנ דײַטש'נ עטנאָגראַפֿ. דער אייגנטלעכער טיפּעכ בראָכ אינעמ עטנאָגראַפֿישנ שטייגער קומט פֿאָר לויט זײַנ מיינונג בײַ די אייראָפּעיִשע קולטור־פֿעלקער זינט דער העלפֿט 19־טנ יאָרהונדערט. די סיבעס זעט ער (אונ דער סיידער פֿונ דער ריי איז כאַראַק־טעריסטיש!—מ. וו.) אינ „די טיפֿ־גראָבנדיקע נײַסנ: די נײַע שול, די אַלגעמיינע מיליטער־פֿליכט, די אָפּשאַפֿונג פֿונ דער פּאַטרימאָניאַל־הערשאַפֿט, אינעמ פֿאַרשטאַרקטנ פֿאַרקער, אינעמ אויפֿקומ פֿונ דער הויכער פֿאַבריק־קולטור" (פּרוּווּנ מיר א קאַפּעטשקע די ריי אומצוקערנ?—מ. וו.). דאָס אַלצ האָט געבראַכט „צו א ווײַט אַרומכאַפּנדיקנ בראָכ מיט די מעסוירעסדיקע לעבנספֿאָרמעס בײַ די אייראָפּעיִשע קולטור־נאַציעס". „איבערגעגעבנ צו פֿרעמדע האַשפּאָעס, האָבנ אינ פֿאַרלויפֿ פֿונ דער אייגענער אַנטוויקלונג די העכערע באַפֿעלקערונג־שיכטנ ביז אַראָפּ צו דער קליינבירגערלעכער וועלט פֿונ דער פּראָווינצ אַלצ מער אונ מער זיכ אָפּגעזאָגט פֿונ די אַלטע געיאַרשנטע פֿאָלקס־

1) Einführung in die Volkskunde. Wien, 19[illegible] S. 7.

גיכער פֿין דער קאָלעקטיוו־קולטור אין האָבן זיי אויסגעפּיטן צוליב א מער וועלט־קירסידיקן אלגעמיינ־וועלטלעכן מעהיס. אקעגן אָבער האָבן די פּויערישע שיכטן, וואָס וווינען אין דער זייט פֿונ האסטיקן פּארקער און פֿון לעבעדיקן געשיכטלעכן שטראָם, וואָס זיינען דורך זייער ארבעט און גייסטיקייט (לייען צוליב זייערע אָפּגע־שטאנענע פּראָדוציר־אויפֿאנים, געזעלשאפֿטלעכע פֿארהעלטענישן און סאָציאלער פּסיכאָלאָגיע — מ. וו.) אסאך מער אומיטלבאר און הארצלעכער פֿארבונדן מיטן נאטור־לעבן איידער יעדער אנדערער פּראָפֿעסיאָנעלער קלאס — האָבן דיראָזיקע פּויערישע שיכטן אקסאָגעסדיקער און ברייטער אָפּגעהיט די אורשפּרינגלעכע פֿאָלקישע קאָלעקטיוו־קולטור אין אלע אירע פֿראָסים". דעריבער קאָן מען נאָר נאָך בא זיי און אויך בא אזעלכע פּראָפֿעסיעס ווי פּאסטעכער, בורלאקעס, שיפֿערס, וואלדארבעטער, שאכטיאָרן, קוילנברענערס א. אז. וו. געפֿינען עטנאָגראפֿישע שטריכן. אָבער אויך בא דידאָזיקע גרופּעס שטעלט האבערלאנדט פֿעסט בלויז Überlebsel פֿונ דידאָזיקע שטריכן, „קול־טור־בראָכשטיקלעך, אָפּגעשוואכטע און אומפֿארשטענדלעך געוואָרענע מעסוירעס". וואָס שייך מאטעריעלער (זאכ־) עטנאָגראפֿיע שטעלט ער מיט באדויערן פֿעסט (ז. 1), אז זי איז שוין אינעם לעבן אינגאנצן פֿארשוווּנדן. מיט באדויערן, כאָטש ער אליין כאראקטעריזירט (ז. 15) דיראָזיקע לעצטע נאָך פֿאראנענע רעשטלעך אלס „אנאכראָניסטיש".

.8

אין דאָס, וואָס ס'ווערט פֿעסטגעשטעלט בנוגע עטנאָגראפֿישקייט ביכלאל, ווערט אויך פֿעסטגעשטעלט בנוגע וואָרט־פֿאָלקלאָר ביפֿראט.

דער פֿאָלקסליד־פֿאָרשער פּראָפֿ. י. זאאר זאָגט אין זיין 1912 דערשינענעם בוך „Das deutsche Volkslied" (זז. 18—19): „עמעס, מע האָט שוין אָפֿט דערקלערט, אז אונדזער פֿאָלקסליד שטארבט אָפּ, אין אפֿילע, אז ס'איז שוין געשטאָרבן. אָבער דאָס־דאָזיקע באקלאָגן האָט זיך דערווייל נאָך שטענדיק ארויסגעוויזן אלס א טאָעס. פֿאר־וואָס זאָל עס אָפּשטארבן? אלס א סיבע פֿון וואָס? ווי גערעכט איז געווען אנאס־טאזיוס גרין (דער דיכטער א. א. פֿאָן אוערספּערג — מ. וו.) ווען ער האָט געזאָגט, אז דער לעצטער דיכטער וועט ערשט אינאיינעם מיטן לעצטן מענטש פֿארלאָזן דאָס פּוסט־געוואָרענע ערדן־היים. און דאָ רעדט מען נאָך, אז אונדזער דייטש פֿאָלק, דאָס קינדהאפֿטיקסטע און גרעסטע צווישן אלע פֿעלקער־פֿאָלקן, וואָס די וועלט האָט געהאט, וועט אופֿהערן צו דיכטן און צו זינגען. ניין! אזוי לאנג מיר האָבן נאָך א דייטש פֿאָלק — און מיר קאָנען עס געשיכטלעך באָבאכטן זייט צוויי טויזנט יאָר — וועלן מיר אויך האָבן א דייטש פֿאָלקסליד. כיישעק צו זינגען, נאטור און אוראלטער אינערציע־קויעך (!) וועלן אויך אינדזער עפּאָכע פֿון פֿאבריקן, מאשינעס און עלעק־טריציטעט איבערלעבן און גוירוער זיין". אזוי מיט די ווערטער: „איבערלעבן און גוירוער זיין".

אזוי וויל זאאר אָן שום באווייזן איבערצייגן, כאָטש ס'פּילט זיך, אז מיט זיינע רעאקציאָנערע דעקלאמאציעס וויל ער אויך זיינע אייגענע ספּייקעס איינשטילן. וואָרעם, אשטייגער, צי מוז טאקע דער „לעצטער דיכטער" זיין דאפֿקע א דיכטער פֿון „פֿאָלקסלידער" און ניט פֿון ליטעראַרישע? און ווער האָט ווען געזאָגט, אז דאָס

[illegible] וועט ביכלאל אופֿהערן „זינגען"? ס'רעדט זיך דאָך נאָר וועגן א באשטימטער פֿאָרם, וועגן „פֿאָלקס־דיכטונג" און דורכויס ניט וועגן דיכטונג ביכלאל. דאָ פֿארבייט דער הער פּראָפֿעסער דאָקטער זאאר צוויי באגריפֿן, כאָטש געוויינלעך פֿארשטייט ער אויסגעצייכנט דעם כילעק. ער באָבאכטעט די דייטשע געשיכטע פֿון „צוויי טויזנט יאָר" און געפֿינט דאָרט שטענדיק „פֿאָלקסדיכטונג" — מיילע וועגן דעם וועלן מיר זיך ניט שפּארן, כאָטש אזא זאץ איז אסאך מער ווי סאָפּעקדיק — אָבער דאן קומט א הייפּשער שפּרונג אין דער לאָגישער אויספֿירונג. וואָרעם פּרווון מיר א רעגע טאקע זאָגן: צוויי טויזנט יאָר יאָ, און עפּשער אינעם דריטן טויזנט ניט — ניט געקוקט אפֿ א. גרין, וואָס האָט אגעוו גאָר עפּעס אנדערש געמיינט?

.9

אסאך פּאָרזיכטיקער און איינגעהאלטענער קלינגען די אנטשפּרעכנדיקע זאצן פֿון זעלבן בוך אין דער אויפֿלאגע פֿון 1924, וואָס איז ניי באארבעט געוואָרן פֿון פּראָפֿ. פֿ. זארטאָרי (זז. 25 — 26). „עמעס, א טייל שטימען זאָגן נעוויִעס, אז דער לעבעדיקער פֿאָלקסגעזאנג גייט אונטער. און טאקע: די געלעגנהייטן פֿאר קאָלעקטיוון געזאנג האָבן זיך פֿארמינערט. די שפּין־שטובן פֿארשווינדן, דעם קאָלעקטיוון ארבעטסגעזאנג הארגענען די מאשינעס, די וואנדערדיקע געזעלן פֿאר־קירצן זיך שוין ניט מער זייערע וואנדער־שטרעקעס דורך מונטערן געזאנג. די „היסטאָרישע" און רעליגיעזע („פֿאָלקס"־) לידער ווערן אלץ ווייניקער פֿון טאָג צו טאָג. די וועלט־מילכאָמע האָט פֿארניכטנדיק געווירקט אפֿן סאָלדאטן־ליד, ניט ברענ־גענדיק קיין שום פֿארבייט. און אמאָל דוכט זיך טאקע, אז דער גראמאָפֿאָן האלט אין דערשטיקן די לעבעדיקע מענטשלעכע שטים און אז די אָפּערעטישע שלאָג־לידלעך באפֿרידיקן אינגאנצן דאָס איבערגעבליבענע זינג־באדערפֿעניש".

אָבער נאָך דעמדאָזיקן קלאָרן און איבערצייגנדיקן פּראָגנאָז טרייסט זיך זארטאָרי, און ווידער אמאָל מיט סטאם־דעקלאמאטאָרישע טיראדעס, וואָס האָבן אלס אורשפּרונג גיכער דעם רעאקציאָנערן ווונטש איידער א וויסנשאפֿטלעכע באָבאכטונג. „און פֿאָרט קען מען זיך ניט פֿאָרשטעלן (ווער, און פֿארוואָס ניט? — מ. וו.), אז אונדזער פֿאָלק (?) זאָל טאקע אמאָל אפֿ אן עמעסן אופֿהערן צו זינגען. אלץ נאָך זיצן יונגען און מיידלעך אינאיינעם, און זיי ווילן געוויינלעך פֿארברענגען אפֿ א טיפֿן הארציקן אויפֿן. אלץ נאָך יאָגטעווט מען יאָנטויווים אפֿן דאָרף־פּלאץ און אפֿ דער גרינער לאָנקע, אלץ נאָך מארשירן וואנדער־פֿויגלען (אזוי הייסן די פֿאשיסטישע יוגנטלעכע ספּאָרט־פֿאריייניקונגען, די דייטשע באָי־סקאוטס — מ. וו.), פֿארשיקערטע פֿון פֿרילינג און זומערדיק־פֿריילעך דורכן לאנד. אלץ נאָך רופֿט ליבע ארויס טענער פֿון האָפֿענונג און טרייסט. דער שטיפֿערישער כיישעק זיך צו רייצן מיט א שארפֿ שטעכווערטל ווערט אלץ נאָך געזילדערט דורך דעם, וואָס ער ווערט איינגעהילט אין דער פֿאָרם פֿון ליד". לייענענדיק אזעלכע ווערטער, פֿילט זיך בעפֿייִרעש א שטיפֿערישער כיישעק זיך מיטן פּראָפֿעסער צו רייצן דורך זייער שארפֿע שטעכווערטער ניט גע־מילדערטע פֿון קיין שום „ליד־פֿאָרם", נאָר אין פּאָשעטער פּראָזע.

„לידי הערט דאָ צו טענטעראוטענעלע אויסגעשטאַרט מיט „פאָלקסלידער", מיטן
די באַ'זואר. אינטערעסאַנט אָבער האָט קיינער ניט באַהויפּטעט, אַז „דאָס פאָלק" וועט
אויפהערן צו „זינגען", מע האָט בלויז פעסטגעשטעלט, אַז די פאָלקלאָריסטע פּאַרט
פאַרשפּרייטדט. „דאָס פאָלק" „זינגט" און „וועט זינגען", אָבער „ליטעראַריש". פאַר די
וואָרט און זאַרטאָריס איז אויב „פאָלק" און „זינ.פּנ" — מיט אַרויסקומען די פאָרם,
וואָס איז אייגנטימלעכע פאַר קלאַסאָווע אונטערדריקטע: דאָס פאָלקלאָרליד. אנטקעגן
קלאָרע פאַקטן וועגן אַזעלכע אונטערגעשטעלט לירישע און איראָנישע דעקלאַמאַציעס מיט
האָפענונגען אַפּן קליינבירגערלעכן פיליסטערטום. אָבער אַלע דער קליינבירגער
האָט באַ הײַנטיקן טאָג און מאָל גאָר אַנדערע דינגען. די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם
דיקטירט אויך אים דאָס אריבערגיין צו „ליטעראַטור" (דאָ רעדט זיך ניט וועגן
פאָלקלאָריזם אין דער ליטעראַטור און וועגן קליינבירגערלעכע מעטאַדאָלאָגיעס
אין דער פאָלקלאָריסטיק, נאָר וועגן דער אַנטוויקלונג פון פאָלקלאָר
גיבן, וואָס האָט אויך באַנ קליינבירגערטום פאַרלוירן אַלע פּערספּעקטיוון). קיין
שום קינען קענען ניט אָפּנפּלאַנען „גומוירקלעכע" היסטאָרישע רעשטלעך און דער
אַלטיעלער נויטווענדיקער ווירקלעכקייט.

.10

אָביעקטיוו און אָן לײַדנשאַפט רעדט וועגן דעם אַזיקער טאַזאַב דער פראַנצויז
זישער עטנאָגראַף א. וואַן זשענעפּ [1]. „באַ הײַנטיקן טאָג ווערן די געגנשטאַנדן,
וואָס זײַנען באַשטימט פאַר די מאַסן, געמאַכט פאַבריקמעסיק און סטאַנדאַרטמעסיק,
אָנגעהייבן פון א שטאָל־לאַמטערן ביז צו א קוגלעקל, אָנגעהויבן פון א ראָמאַנ־
פעליעטאָן ביז צו די שאַנסאָנס פון א קאַפעשאַנטאַנען, וואָס די סאָלדאַטן פאַר־
שפּרייטן ביז אין די דערפער אַרײַן, אָנגעהויבן פון די הײַנטיקע סטאַטועטקעס, וואָס
ווערן געמאַכט אינעם סענ־סולפּיס־קוואַרטל — ביז צו די קאָליטע בילאַגעס צו
די זשורנאַלן, דאָס אַלץ ווערט געוואָרפן אין א גרויסער צאָל אין אונדזערע דערפער,
אַזוי אַז ביסלעכווײַז שטעלט זיך אײַן אין ראַיאָן פּראַקטיש אַן איינהייטלעכקייט, וואָס
כאַטש זי איז אַמאָל געווען א נאַציאָנאַלע, ווערט זי באַ הײַנטיקן טאָג אינטערנאַ־
ציאָנאַל. לעמאָשל: אונדזערע פּילן, אונדזערע לאַמפּעס, אונדזערע שטוב־כּלים,
וואָס זײַנען מער אָדער ווייניקער לויט אַמעריקאַנישן מוסטער, גיבן צו אַלץ מער
און מער צו אונדזער דאָרפישן פראַנצויזישן לעבן א גלײַכפאָרמיקייט, וואָס איז
ענלעך צו דער אין אַנדערע אייראָפּעישע לענדער".
„פאַרשטייט זיך, אַז די לאַגע איז ניט אין אַלע געגנטן אַלצײַנס. זייער גרעסערע
אָדער קלענערע אָפּגעשטאַנענקייט און אָפּהענגיק פון זייער נאָענטקייט צו גרויסע
שטעט. די עטנאָגראַפישקייט פון דער געגנט אַרום פּאַריזש איז שוין פאַרשוווּנדן זינט
א לאַנגער צײַט און די פון אַרום ליאָן, מאַרסעל א. א. וו. האַלט אויך אין פאַר־
שווינדן ווערן. אין דערזעלבער צײַט אָבער קענען מיר עטלעכע קילאָמעטער ווײַט פון
בריטאַניע אָדער פון ליל, פון נאַנט אָדער פון באָרדאָ הערן פאָלקסמעשׂיות און פאָלקס־
לידער, פעסטשטעלן לעבעדיקע רעשטלעך פון זייער אַלטע פאָלקס־קאָסטיומען. די מאָ־

[1] אין זײַן בוך: „Le Folklore", Paris, 1924, ז. 52—53.



דערנע גרויס־אינדוסטריע איז א פאַקטאָר, וואָס צעשטערט אַלץ וואָס אַמאָל איז געווען
באַשטימט דעם „פאָלקסטימלעכן" טויגעניש און באַהערשט די פאַרשיידנאַרטיקע „פאָלקס־
טימלעכע אייגנאַרטיקייטן, פון די פּראָווינצן, פון די געגנטן".
טראָץ אַלע אַזאַ קאָנסטאַטירונגען, קען רעאַקציאָנערע בורזשואַזיע ניט דערקענען
דעם טיפּ פון דער נײַער פּראָלעטאַרישער פאָלקס־קולטור, וואָס זײַנען מיט אַלע
נײַע באַזונדערקייטן. אינעם בורזשואַזן לאַגער אַנטוויקלען פּראַקטיקער האָט דער פאָלק־
לאָריזם אַלס רעאַקציאָנערע תּהום אויך אין דער ליטעראַרישער פּראַקטיק קיינמאָל
ניט געשפּילט אַזאַ ראָלע, ווי אין יענע אַנדערע לענדער, וווּ די בירגערלעכע אינטעליגענץ
איז פּראָוויניציעל מיט א פּראָטעסטאַנטיזם. דער רעאַקציאָנערער „פאָלקסטימלעכער"
פאָלקלאָריזם, אַזוי ווײַט ער איז דאָרטיקער געווענדט קעגן די נײַערטיקע קולטור
אינעם אייגענעם לאַנד, איז אָרגאַניזירט לויט זײַנע אינטערנאַציאָנאַלע היסטאָרישע מאָס
א דערמאָנונג פון א פאַרגאַנגענער און פון גרויסשטאָטישער באַציִונגען, וואָס די בירגער־
לעכע באַוועגונג און די בירגערלעכע רעוואָלוציע איז אַליין באַשטימט. טראָץ
צו לאַנג אַנטוויקלונג און פּראָטעסטאַנטיזם געוואָרן, כאָטש דאָרטיקער פאָלקלאָריזם
קען דאָס אין אַנדערע פאָרמען און אין גאָר אַנדערע סיטואַציעס אויך אַ פּאָזיציע
דינען אַנדערע אויפגאַבן אויסגענוצט ווערן. —

.11

אויב אַפילו די בירגערלעכע פאָלקלאָריסטן מוזן זיך מודה זײַן, אַז דער פאָלק־
לאָר גייט אונטער, מוז מען אונדז אַזאַ און אַזאַ קלאָר זײַן, אַז די פאָלק־
לאָריסטיק איז שוין באַ הײַנטיקן טאָג ניט מער קיין וויסנשאַפט וועגן אַזעלכע אָביעקט
פאַקטאָרן, וואָס האָבן לעבעדיקע פּערספּעקטיוו, נאָר א דיסציפּלין פון א היסטאָ־
רישער קאַטעגאָריע. אַקטועלן באַטײַט האָט זי דעריקער נאָר אין דער מאָס ווי יעדע
אַנדערע היסטאָרישע דיסציפּלין.
מע מוז באַזונדערס אונטערשטרײַכן די „היסטאָריציזמען" פון דער פאָלקלאָריסטיק,
וואָרעם אויב אַנדערש, קען שוין דער פאַקט גופא, די עקזיסטענץ גופא פון אַזאַ
וויסנשאַפט פאַרטײדיקן צו דער מיינונג, אַז איר אָביעקט געהער צו דער לעבעדיק
„ווירקלעכער" אַקטועלקייט, און צו אויסטײַטש וועגן דער נויטווענדיקייט דעם פאָלקלאָר
בײַצולאַזן אַקטיוו צו פאַרפעסטיקן אין דער ווירקלעכקייט, אין דער אַקטועלער שאַ־
פונג. דער כאַראַקטער פון דער פאָלקלאָר־וויסנשאַפט אַלס געשיכטע־פאָרשונג איז
ווײַט ניט אַזוי בולעט, ווי, לעמאָשל, באַ דער רעליגיע־פאָרשונג, וואָס איז קלאָר
גאָר אַנדערש ניט מעגלעך ווי נאָר אַלס געשיכטע און אַלס א קאַמף־מיטל קעגן
רעליגיעזע רעשטלעך. די שעדלעכקייט פון רעאַקציאָנערן פאָלקלאָריזם אין דער
פאָלקלאָריסטיק איז אין פלוג אויך ניט אַזוי אויפגעדעקט און בולעט ווי, לעמאָשל,
די שעדלעכקייט פון דער רעליגיע. וואָרעם פאָלקלאָר איז דאָך פאָרט געווען אַן
אידעאָלאָגישער אויסדרוק פון אונטערדריקטע מאַסן.
און גראָד דערפאַר איז נייטיק צו באַטאָנען דעם נאָר־היסטאָרישן כאַראַקטער
פון דער דיסציפּלין, און גראָד ווײַל דער קלאַסנ־פײַנט סײַ באַ אונדז אין לאַנד, סײַ
אין קאַפּיטאַליסטישן אויסלאַנד האָט באַזונדערס ליב זיך צו פאַרקריכן אין דעם

ווינקל אריין, ווו ס'איז אים זייער באקוועם, ווו ער קען זיך געמיטלעך באהאלטן און פרווון אריינשמוגלען אין דער אקטועלער קינסטלערישער שאפונג „פאָלקלאָריש"־באפארבטע רעאקציאָנערע טענדענצן. ער פארשאנצט זיך אונטער דער גלייכונג: פאָלקלאָר — אידעאָלאָגישער אויסדרוק פון די אונטערדריקטע פּראָוויסשטרעבנדיקע מאסן; און ער ווענדט אָפּ אונדזער אויפמערקזאמקייט פון דער אנדערער סטירעדיקער גלייכונג: פאָלקלאָר — רעזולטאט פון עקספּלואטירנדיקער קלאסנהערשאפט, קנעכט־שאפט, קאָנסערוואטיווקייט, אָפּגעשטאנענקייט, באגרענעצטקייט. ער פארשטעלט דעם אויספיר: פאָלקלאָר — אנאכראָניזם. ער פארשמירט בעקיוון דעם קעגנזאץ צווישן פאָלקלאָר און „ליטעראטור", וואָס איז פאראן דיאלעקטיש אכוץ דער איינהייט. און דאָס אלץ קען צוצופירן צו דעם לאָזונג: צוריק צו פאָלקלאָר! איינעמען אָבער איז דער וויכטיקסטער איינמלבאר אקטועלער ווערט פון דער פאָלקלאָריסטיק (ענלעך ווי בא אלע אנדערע פאָרשונגען וועגן היסטאָרישע אידעאָלאָגיעס און זייערע פאָרמעס) — איר באַרוף צו זיין איינער פון די וויכטיקסטע פאקטאָרן, וואָס באוווסטזיניקן און פירן אָן דעם פּראָצעס פון באפרייונג און ליקווידאציע פון אלע פאָלקלאָרישע רעשטלעך. זי דארף אָנפירן דעם איבערגאנג פון דער „פאָלקלאָרישער קולטור" — דורך דער קולטור־רעוואָלוציע — צו דער העכסט־אנטוויקלטער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטארישער „ליטעראטור".

## VIII. דער מעהוס פון דער יידישיסטישער פאָלקלאָריסטיק

.1

מע דארף פעסטשטעלן, אז ווי פארשיידן ס'זאָלן ניט קלאָמערשט זיין די „אויט־גאנג־פונקטן" און די פּראזעאָלאָגיע פון די פארשיידענע פאָרשטייער אין דער קליינבירגערלעכער יידישיסטישער פאָלקלאָריסטיק — באגעגנט זיך אָבער פאָרט וואָס שייעך דעם טאָג אויך דאָ דער ס"ר און דער בונדיסט מיטן פאָלקיסט און ציאָניסט. ווען ס'קומט צום טאָכ, צו די אנטשיידנדיקע מאָמענטן, פאלט אויך אין דעם פאל אָפּ פון די פארשיידענע פאָרשטייער די צעשיידנדיקע פראזעאָלאָגיע, וואָס פארלירט דאָ איר פונקציע. ס'וועט דאָ שווער זיין צו געפינען וואָסער ס'זאָל ניט זיין וועזנטלעכע דיפערענצן, לעמאָשל, צווישן דעם פאָלקלאָריזם פון די ס"ר'ן, בונדיסטן און אנדערע מישטיינס־געזאָגט רעוואָלוציאָנערן, ווי אנ—סקי, ווייַנרייַך, קימעלהאָף א. א. — און דעם פאָלקלאָריזם פון ציאָניסטן, פאָלקיסטן און סתם באלעבאטים, ווי ביאליק, בערדיטשעווסקי, אָנוכי אָדער פרילוצקי, י"ל קאהאן, באסטאָמסקי און אנדערע יי"וואָ־פאָלקלאָריסטן. די פארבינדונג צווישן דעם ס"ר אנ—סקי און דעם רעאקציאָנערן ציאָניסט ביאליק אינעם „דיבוק", אין דער געדיכטסטער אפּאָטעאָזע פון אָפּגעשטאנענ־קייט, איז לאכלוטן ניט קיין צופעליקע. און צי וואָלטן די י. עווענס און כ. בלאָכס, און ווי די קלעריקאל־כאלטורישע „פאָלקלאָריסטן" הייסן, בעסער געקענט אויסשפּינען די לעגענדעס וועגן „קדוש־השם" א. אז. וו. איידער אנ—סקי? „אונדזער אָוועו, וועל־כער איז באגאָסן מיט אזויפיל הייליקע בלוט און טרערן פון קדושים וטהורים,



וועלכער איז פארהייליקט מיט אזא מיסטערעס נעפּעש, ווערט פארלאָרן און פארגעסן". — מיט וואָס שיידן זיך אונטער דידאָזיקע ווערטער אנ—סקיס [1]) פון ענלעכע ווערטער בערדיטשעווסקיס, ביאליקס אָדער גאָר יִצחאָק עווענס און כאַים בלאָכס? און צי גייען זיי און זייערסגלייַכן, אלציינס אין וואָסער שפּראך זיי שרייַבן — יידיש, העברעיש אָדער דייַטש, רוסיש, שפּאניאָליש א. אז. וו. — צי גייען זיי ווייַטער אין דער אידעאליזאציע פונעם יאָנטעוודיקן קיגל, פונעם האָמען־גראגער און פון קאָלערליי קויטיקע טאלעס־טפילין־דערשייַנונגען — איידער אנ—סקי, וואָס האָט זיי געלערנט פילן אין דידאָזיקע געוואלדיק הייליקע פּראָטים דעם זיבעטן כיין און עמעסן טאַם? די „אנטוישטע רעוואָלוציאָנערן" און די קיינמאָל ניט אנטוישטע ציאָניסטן, פאָלקיסטן און סתם שיינע יידן ווייַזן אלע אין טאָכ דיזעלבע אָנצילונג, אָפּ וויפל זיי שפּיגלען אָפּ די טענדענצן פון יידישן קליינבירגערטום. די שארפסטע באָבאכטונג וועט דאָ ניט קענען ארויסגעפינען א וועזנטלעכן כילעק צווישן די מענטשן מיט „אלמוועגן" (דורכן פויער־קליינבאוויצער, דורכן אָפּגעשטאנענעם טייל ארבעטער — צום „אייגענעם" קליינבירגער) און צווישן די, וואָס האָבן דידאָזיקע אומוועגן פארשפּאָרט צו מאכן. וואָרעם די סאָציאלע באזע און דער סאָציאלער ציל־פּונקט זייַנען דאָ פון אָנהייב אָן געווען די אייגענע.

.2

די פארלוירנקייט און די פּערספּעקטיוולאָזע לאגע פונעם קליינבירגער, וואָס ווערט צעריבן פון קאפּיטאליזם און וואָס פּלאָנטערט זיך אינעם געוואלדיקן געראנגל צווישן פּראָלעטאריאט און קאפּיטאליזם, קומט צום אויסדרוק אין זייַן בענקעניש נאָך יענע קלאָמערשט אידילישע צייַטן, ווען זייַן ראָל אלס פאקטער אין דער עקאָנאָמיק און געזעלשאפט, ווען די מאסן־פארעלנטונג און פּראָלעטאריזאציע פון זייַן קלאס זייַנען נאָך ניט געווען אזוי אקטועל. לויט זייַן קליינבירגערלעכן מעהוס איז דער פאָלקלאָריזם פון ביידע קליינבירגערלעכע גרופּירונגען, סיי פונעם „לינקן" סיי פונעם רעכטן „פליגל", ענלעך באשטימט געוואָרן אויך פונעם אנטיסעמיטיזם אין דער ריכטונג פון נאציאָנאליזם.

אָפּ פאָגראָמען פון דער שווארצער מייע, אָפּ איינעם פון די קאמפּמיטלען פונעם פוילנדיקן צאריזם, האָבן די אנ—סקיס פונקט אזוי ווי די פרילוצקיס, ביאליקס א. א. געענטפערט מיט בענקענדיקער אנטלויפעניש אין די טונקלע „פּאטריארכאלישע" צייַטן, דערמאָנענדיק זיך מיט פארגלאָצטע אויגן אלע אירע זיסע טייַמים און רייכעס, רעגיסטרירנדיק יעדן „קדוש וטהור", יעדן שמאלצ־פלעק אָפּ די אלטע קאפּאָטעס, יעדע איבערגעבליבענע שפּור פון דער נאציאָנאל־רעליגיעזער ציבעלע אין די געהייליקטע סכינעס. ביידע „פליגלען" האָבן אלציינס געענטפערט: די „אומעס־האָוילעם", דער צאריזם מאכן פאָגראָמען — טאָ לאָמיר זיך דערמאָנען אינעם אלטן הייליקן טאַם פון קוגל, אין די אלטע עכט־יידישע מייַכאָלים, דורכגעדרונגענע פונעם אוראלטן נאציאָנאלן גייַסט, אין די אלטע שטרייַמלעך, קאפּאָטעס און שטערנטיכלעך, לאָמיר זיך פארטיפן אין די אלטע ווילד־אָפּגעשטאנענע מייַסעס וועגן קדוישים, דיבוקים,

[1]) „דאָס יידישע עטנאָגראפישע פּראָגראם", פּעטערבורג, תרע"ה ז. 11.

רובעס, טײַדיבן, מאַוקים, ניסים־וועני־פלאָעס א. אַז. וו. — מיט וועלכע עס האָבן זיך נאָך אַנדערע הייליקע אור־און־עלטערוויידעס געטרייסט בײַ ענלעכע פאָגראָמען און אומגליקן. —

די האַנטצײַטיקע ייִדישיסטישע ייִ״וואָ־עטנאָגראַפן מיט זייערע יאָנטעוו־טשאָלנט־קוגל־אַנקעטעס 1) פירן דערעגן־קלאָל אויס אַ—סקיס „ייִדישע עטנאָגראַפישע פראָגראַמע״, ווי זי איז אָפּגעצייכנט אין דער אויבנדערמאָנטער שריפט און אין זײַן בוך „דאָס קינד פון יצירת הולד (!) ביז דעם חדר (!)״. זיי טוען אַנעיו גענוי דאָס אייגענע ווי די ערעץ־ייִסראָעלדיקע „געלערנטע״ אין זייערע פורים־עטנאָגראַפן.

.3

אין העפט 4 (1930) פון די זאַמלביכער „ציון״ (אַרויסגעגעבן פון דער „געזעלשאַפט פאַר געשיכטע און עטנאָגראַפיע״) הייבט זיך אָן אַ פראָגראַם־אַרטיקל „וועגן די אויפגאַבעס פון ייִדישער עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר אין אַלגעמיינעם און באַזונדערס אין הייליקן לאַנד (!)״ מיט די ווערטער פון דער געמאָרע: „גיי און קוק ווי דער עולם פירט זיך — און זײַ זיך אויך אַזוי נוהג״. דער פאַרפאַסער פון דעם אַרטיקל, איינער ד. העלער, זאָגט דאָ אויס דעם סאָד פון דער ציל־אָנווענדונג פאַר דער פאָלקלאָריסטיק און עטנאָגראַפיע אויך פון די ווײַנרײַכס.

אין דעמזעלבן העפט געפינט זיך אַן עטנאָגראַפישער אַרטיקל: „די בסאָמים־געוויקסן און די רעליגיעזע מינהאָגים פון אונדזערע פאַרשיידענע געמיינדעס אין ערעץ־ייִסראָעל און אין אויסלאַנד״. דערדאָזיקער קוריאָזער אַרטיקל איז געווידמעט — „צו די פאַריינען „אוינעג־שאַבעס״ און צו זייער פאָטער און באַגרינדער ח. נ. ביאַליק״. ער פאַרענדיקט זיך זייער שיין: „איך האָב אָנגעהויבן מײַן אַרטיקל מיט אַ פאַרווידמונג צו די כעווורעס „אוינעג־שאַבעס״ און איך וועל אים ענדיקן מיט אַ פאָרשלאַג, וואָס דאַרף זײַן אַ פאָדערונג: אַ טייל פאַריינען „אוינעג־שאַבעס״ האָבן שוין אײַנגעפירט צוליב „אוינעג־שאַבעס״ אַכוץ לערנען און דאַרשענען אויך זינגען אין כאָר — און איצט איז שוין געקומען די צײַט אײַנצופירן אויך דאָס שמעקן געווירצן צוליב אוינעג־שאַבעס״. און טאַקע צוליב דעם דאַרף מען האָבן אַזאַ עטנאָגראַפיע. אונטערגעשריבן איז דערדאָזיקער העכסט־וויכטיקער אַרטיקל: „ירושלים, אוניברסיטה העברית, המחלקה לצמחי ספרותנו העתיקה״!

דערבײַ איז דאָס ווײַט ניט סטאַם־באַטלאָנישע רעאַקציע, ס׳איז אויך פאַרבונדן מיט געשעפט. אין אַ הערע איז צוגעשריבן: „איך וואָלט אַנגערעגט אונדזערע נאַציאָנאַלע טוערס, וואָס זײַנען זיך נוהג אויפצונעמען געסט אום שאַבעס, זיי זאָלן זיי מכאַבעד זײַן ניט בלויז מיט געוויינטלעכע קיבודים, נאָר זיי זאָלן זיי אויך פאַרלייגן געווירצן פונעם לאַנד (פון פאַלעסטינע) צום שמעקן. און די פאַריינען „אוינעג־שאַבעס״ אין אויסלאַנד וואָלט איך געעצעט אַרויסשרײַבן געווירצן פון ערעץ־ייִסראָעל, אָפּ צו שמעקן. יענע כעווורעס, וואָס ווילן באַקומען געווירצן פון ערעץ־ייִסראָעל, קענען זיך צוליב דעם ווענדן צום באַגרינדער פון די כעווורעס „אוינעג־שאַבעס״ אין ערעץ־ייִסראָעל (צו הער ביאַליקן? — מ. וו.). מײַן ווײַב און איך

1) זע „עטנאָגראַפישע אַנקעטעס״ העפט 1, יאַנכוויוים. ווילנע 1928.



וועלן דאַן העלפן פאַרשאַפן געווירצן פון ערעץ־ייִסראָעל פאַר אונדזערע ברידער אין גאָלעס צוליב „אוינעג־שאַבעס״. ס׳איז כדאַי צו באַמערקן, ווײַל ס׳הערט מער אין דערדאָזיקער „ירושאַלמישער וויסנשאַפט״: אידיאָטיע, קלאַל־ייִסראָעלדיקע ציאָניסטישע האַנדלס־אינטערעסן און רעאַקציע.

צו דעמדאָזיקן העפט, וואָס איז פול מיט פורים־וויסנשאַפט פון „פורים־געלערנטע״, איז טאַקע אויך בײַגעלייגט אַ פורים־אַנקעטע, אין וועלכער עס ווערן צווישן אַנדערע זייער וויכטיקע פראַגעס אויך אַזעלכע ווי:

„3) וויאַזוי שלאָגט מען המנען בעשאַס מע דערמאָנט זײַן נאָמען בײַם לייענען די מעגילע? א) די קינדער: מיט וואָסערע באַזונדערע באַניצט מען זיך צו דעם צוועק: מיט גראַגערס, מיט ביקסלעך, מיט האָמענקלאַפּערס, מיט העלצער (פאַרצײַכנט פינקטלעך די נעמען פון די כפיצים)״ — מע דאַרף דאָס מיטן לעבן נייטיק וויסן! ווײַטער זײַנען פאַראַן אַזעלכע פראַגעס: „וואָסערע פסוקים זאָגט מען בעשאַס מע שלאָגט האָמענען: שם רשעים ירקב, מחה תמחה את זכר עמלק, ימח שמו א. ד. גל.״ פונקט 5. „וויאַזוי קאָסירט מען אײַן דעם האַלבן שעקל? מיט וואָסערע מאַטבייעס באַניצט מען זיך א. אַז. וו.״ פונקט 9. „וואָסער באַזונדערע מײַכאָלים גרייט מען צו אַם פורים?״ פונקט 11. „וויאַזוי איז מען זיך נוהג מיט שאַלעכמאָנעס?״ (און דערנאָך אַ גאַנצע רײַ אונטער־פונקטן). פונקט 14. „צי טרינקט מען טאַקע אַד־לא־ידע אום פורים און צי שיקערט מען זיך אָן? מיט וואָסערע געטראַנקען א. אַז. וו.״

מיר זעען: כאָטש די עטנאָגראַפיע פון די נעבעכדיקע יעשיווע־באָכערישע ירושאַלמער פאַשיסטן מיט מאַר ביאַליק בעראָש איז — בעשטימט ניט רעאַקציאָנערער ווי די עטנאָגראַפיע פון דער פאַרזידעטער ייִדישיסטיק אין דער ייִ״וואָ, בעראָש מיט הער ווײַנרײַכן, ליידן זיי פונדעסטוועגן אַפילע קלאָרער וועגן די אויספירן. מע מוז אָבער מודה זײַן, אַז אונדזערע ייִדישיסטן זײַנען ניט אַזוי ווײַט אַוועק אין דער באַוווסטזיניקער און קלאָרער „מעטאָדאָלאָגיש־אידעאָלאָגישער״ און פראַקטישער קאָנסעקווענצן ווי זייערע ירושאַלמער „פרײַנט״. עס פעלט זיי דער מוט צו קומען מיט אַזעלכע ניט פאַרמאַסקירטע „פאָדערונגען״ צו די אַרבעטער. און די אַרבעטער — דאָס איז דאָך דאָס טעטיקײַט־געביט פון דערדאָזיקער ייִדישיסטישער אַגענטור פון פאַשיזם.

.4

נאָך ערגער ווי פריער איז הײַנט, נאָך דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, אין פעריאָד פון פאַרשאַרפטע ווירטשאַפטלעכע קריזיסן, די לאַגע פונעם ייִדישן קליינבירגערטום אין פוילן, ליטע, רומעניע א. אַז. וו. זייער עקאָנאָמישע לאַגע איז אָן פערספּעקטיוון. הילפלאָז, איבערגעשראָקן, אומבאַהאָלפן, אומהעראָיש־וואַקלענדיק שטייען זיי בײַם ריזיקן קאַמף, וואָס גייט אָן צווישן דעם קאַפּיטאַליזם און דעם פּראָלעטאַריאַט. פאַרשאַרפט ווערט די סיטואַציע דורכן אַנטיסעמיטיזם, וואָס ליגט אין דער סעוו פון פאַשיזם אַלס אויסדרוק פון נאַציאָנאַליזם, אַלס מיטל צו פאַשירן די מאַסן, אָנצורייצן קעגן נאַציאָנאַלע־מינדערהייטן — און אויך אַלס מיטל אַריבערצוציען די ייִדישע קליינבירגערלעכע מאַסן, דורך אָפּשרעקונג, אין פאַשיסטישן לאַגער. ס׳גיט זיך טאַקע אײַן דעם פוילישן פאַשיזם צו ווידקן דורך זײַן אַנטיסעמיטיזם, העכסט

סטירעדיק, אינ דער ריכטונג, וואָס איז פאר אימ געווונטשנ. ער פארשטארקט דורכ אנטיסעמיטיזמ די עלעמענטנ פונ יידישנ נאציאָנאליזמ — אונ פירט דעמ יידישנ נאציאָנאליזמ צומ פאשיזמ. מיט אלע מיטלענ ציט דער פאשיזמ אריבער צו זיכ אפ זיינ זייט דעמ איבערגעשראָקענעמ אונ ווילד־געוואָרענעמ קליינבירגער, קעדיי ער זאָל האלטנ, אז דער „פיינט שטייט לינקס", אז דער סוינע איז דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־קלאס.

אָטאָ דאָס שפיגלט זיכ גאנצ דייטלעכ אָפ אינעמ נייעמ פאָלקלאָריסטישנ שטראָמ פונ דער יידישיסטישער פאשיזירטער „וויסנשאפט". אינ אסאכ פראָטימ: אָנגעהויבנ פונ א בעקיוונ אונ אפסנייִ פאָלקלאָריזירטער שפראכ, אונ אויסגעלאָזנ מיט דער דירעקטער פאָלקלאָר־ארבעט. דערביי באמיט מענ זיכ אפ א קונציקנ אויפנ אויכ פראקטיש ארייַנצוציִענ ארבעטער־קרייזנ אינ דערדאָזיקער העכסט וויכטיקער נאציאָנאלער פאָלקלאָרישער אונ עטנאָגראפישער זאמל־ארבעט א. אז. וו. עטנאָגראפיע ביכלאל אונ פאָלקלאָריסטיק ביפראט דארפנ זיינ א וויכטיקער רעאקציאָנערער אופווידקינג־מיטל. די אידעאָלאָגישע ארויסזאָגונגענ אפ דעמ געביט זיינענ בא די הייַנטצייַטיקע יידישיסטנ אומגעלומפערט הילפלאָז, אָנ קאָפ, אָבער דער אינעווייניקסטער טאָנ פונ זייער ארבעט באטייט גענוי דאָס אייגענע, וואָס מיר האָבנ אויבנ פעסטגעשטעלט בא די בירגערלעכע דייטשע פאָלקלאָריסטנ אינ איז פאָליטיש ניט ווייניקער געפערלעכ. מע דארפ שלעפנ די אנטוויקלונג אפ צוריק, צו די אמאָליקע קלאָמערשט אידילישע קליינשטעטלדיקע נגידיש־כסידישע, פרומלעכ־באלעבאטישע פארהעלטענישנ. מע דארפ אָפווענדנ די ארבעטערשאפט פונ אירע אייגנטלעכע רעוואָליוציאָנערע צילנ. די הייַנטצייַטיקע יידישיסטישע עטנאָגראפישע אונ פאָלקלאָרישע ראָמאנטיק איז אנ אויסדרוק פונ פוסטנ דעגענערירטנ באָדנלאָזנ אונ פערספעקטיוולאָזנ פעסימיזמ פונ יידישנ קליינבירגערטומ בא די באדינגונגענ אונ אונטער דער ווירקונג פונ פאשיזמ מיטנ הויפט־ציל צו פארטעמפנ אונ אָפצווענדנ דעמ ארבעטער פונ זיינ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ [1].

## IX. צי איז די פאָלקלאָריסטיק ביכלאל אנ אקטועלע וויסנשאפט

1.

ארויסגייענדיק פונ ענלעכע פעסטשטעלונגענ, ווי מיר האָבנ אויבנ געמאכט בענגייע דער הייַנטצייַטיקער בירגערלעכער עטנאָגראפיע אונ פאָלקלאָר, קענ בא עמעצנ אויפשווימענ די פראגע: אויב אזוי איז דאָכ די באשעפטיקונג מיט פאָלקלאָר ביכלאל א ליקווידירטער, ניט נייטיקער אונ עפשער גאָר רעאקציאָנערער עניינ, וואָס קענ אינ איצטיקנ פעריאָד דינענ נאָר דער בורזשואזיע? עפשער גאָר דארפנ מיר ביכלאל באקעמפנ די עקזיסטענצ פונ דערדאָזיקער דיסציפלינ גופא, אָדער לעפאָכעס איז די פאר אונדז בא הייַנטיקנ טאָג ניט אקטועל?

1) אויספירלעכערע ארבעטנ וועגנ דער יידישיסטישער פאָלקלאָריסטיק (פונ די כיכ סקודיצקי, טשעריאק אונ ראָזענצווייג) וועלנ מיר ברענגענ אינ די ווייטערדיקע זאמלבענ פונ דער עטנאָגראפישער סעקציע.
רעדאקציע.



צו א מער אָדער ווייניקער ענלעכנ אויספיר זיינענ סאקע געקומענ א טייל כאווירימ. ער איז אָבער פינקט אזוי פאלש ווי אנ אנדערע מיספארשטענדלעכע מיינונג פונ אנדערע כאווירימ, אז וואָס מער זיכ באשעפטיקנ אינ דער וויסנשאפט מיט אירע „עטנאָגראפישע" טיילנ, מיט „פאָלקלאָר"—הייסט: זי אלצ מער פראָלעטאריזירנ. עס איז שווער צו זאָגנ וועלכע פונ די ביידע מיינונגענ איז דאָגמאטישער, וועלכער ס'איז דער „לינקער" אונ וועלכער דער „רעכטער" איבערבויג. ביידע זיינענ אי נאיוו, אי פאלש, אי שעדלעכ.

ערשטנס, דארפנ מיר גרינטלעכ אונטערשיידנ צווישנ עטנאָגראפיע אונ פאָלקלאָריסטיק פונ איינ זייט, אונ עטנאָגראפיזמ אונ פאָלקלאָריזמ פונ דער אנדערער. די נאציאָנאליסטישע אָדער פאָלקיסטישע פראקטישע באנייסטערונג פאר עטנאָגראפיע אונ פאָלקלאָר, די ספעציפישע באציִונג צו די אָביעקטנ פונ עטנאָגראפיע אונ פאָלקלאָר אלס אזעלכע, וואָס דארפנ פראקטיש אינ הייַנטצייַטיקנ לעבנ אָדער אינ דער ליטעראטור קולטיווירט ווערנ, איז דורכויס ניט דאָס אייגענע ווי די וויסנשאפטלעכע באהאנדלונג פונ דידאָזיקע אָביעקטנ אלס היסטאָריש־אָפגעגאנגענע אָדער אָפגייענדיקע פאקטנ. עפעס אנדערש איז: קולטיווירנ אונ פארשפרייטנ אלס אקטועלע שאפונג־פאָרמעס עטנאָגראפישע אונ פאָלקלאָרישע פאקטנ, אונ עפעס אנדערש — דאָס קולטיווירנ די וויסנשאפט וועגנ זיי.

צווייטנס, דארפ מענ געדענקענ, אז ניט בלויז די בענויגטקייט צו עטנאָגראפיע אונ פאָלקלאָר, נאָר אויכ די קעגנערשאפט צו זיי דארפ בא פארשיידענע קלאסנ פאָרשטייער אונ אינ פארשיידענע צייטנ פארשיידנ אָפגעשאצט ווערנ. די הויפט־אקאדעמישע קעגנערשאפט צומ פאָלקלאָריזמ מיצאד דעמ פראנצויזישנ קלאסיציזמ אונ זיינע נאָכגייערס אינ דער עפאָכע פונ אבסאָליוטיסטישנ מאָנארכיזמ, איר אנטיבירגערלעכער רעאקציאָנערער כאראקטער, וואָס דערגייט ביז צומ קריטיקירנ פאָלקלאָריזמענ בא מאָליערנ [1] — איז ענלעכ, אָבער אויכ ניט ענלעכ צו דער קעגנערשאפט, וואָס באווייזט זיכ מיצאד דעמ אדליקנ אונ בירגערלעכנ פארוועניר אינ זיינ קריטיק פונ פושקינס „מוזשיקישע אונ בורלאקישע" אויסדרוקנ. דער אופקלערערישער אָפשפאָט אפ קרייעווסקיס זאמלונג פאָלקסשפריכווערטער אלס „זאמלונג פונ פאָלקס־נארישקייטנ" איז ענלעכ אונ ניט ענלעכ צומ קאמפ, וואָס די בירגערלעכע אופקלערערישע וויסנשאפטלעכקייט ביכלאל פירט זייט יאָרהונדערטער קעגנ דער „פאָלקסכאָכמע". די שארפע קעגנערשאפט צו עטנאָגראפישקייט אונ פאָלקלאָרישקייט בא די פארשיידענע עלטערע בירגערלעכע אופקלערער, בא די שרייבער פונ „יונג דייטשלאנד", בא די בירגערלעכע אופקלערערישע בעלעטריסטנ [2], וואָס האָבנ אינ זייערע סאטירישע ווערק געזעלשאפט־קריטיש אונטערגעריסנ דעמ עטנאָגראפיש־פאָלקלאָרישנ

1) לא־ברויער, פענעלאָנ, וואָווענארג א. א. וואַרפנ מאָליערנ אויס בארבאריזמענ, פאָלקסשפראכ, זשארגאָניזמענ אונ פראָווינציאַליזמענ (באזונדערס לא־ברויער).

2) צו דידאָזיקע קעגנער פונ עטנאָגראפישקייט אונ פאָלקלאָרישקייט געהערנ אויכ אינ א באשטימטער מאָס די יידישע אופקלערערישע שרייבער לעווינזאָנ, אקסענפעלד, גאָטלאָבער א. א. א פארגלייכ פונ זייער באציונג צו עטנאָגראפישקייט אונ פאָלקלאָרישקייט אונ פונ פערעצעס, בערדיטשעווסקיס, אָנסקיס אָדער אנ־סקיס באציונג צו דיזעלבע ענינימ — העט אונדז ברענגענ דערפונ איבערצייגנ.

שטיגער — איז ביז צו א באשטימטער מאס אנאלאָג, דערביי אָבער אויך ש ט א ר ק
פּ א ר ש י י ד ן פון א קעגנערשאפט צום עטנאָגראפיזם, וואָס דרינגט ארויס פון א
דיאלעקטיש־מאטעריאליסטישן מארקסיסטישן צוגאנג.

.2

די בורזשואזיע האָט שטענדיק אַלע וויסנשאפטן אָנגעווענדט לויט אירע צילן.
די בורזשואזע געשיכטספאָרשונג וויל זיין אין געוואלטיק גרויסע אפּאָלאָגיע פון
בורזשואזן סיידער — פונדעסטוועגן וועט דעם פּראָלעטאריאט ניט איינפאלן זיך
אָפּצוזאָגן פון דער געשיכטס־וויסנשאפט, און גראָד די וויכטיקסטע גרונט־האנאָכע
פון דער פּראָלעטארישער אידעאָלאָגיע איז דער ה י ס ט אָ ר י ש ע ר (דיאלעקטי־
שער) מאטעריאליזם. די פּראָלעטארישע אידעאָלאָגיע איז א דורכויס געשיכט־
וויסנשאפטלעכע באזירטע אידעאָלאָגיע. און טאקע ערשט דער פּראָלעטאריאט
קען זיך אונטערנעמען שאפן די סאמע אָביעקטיווסטע געשיכטע, ווייל נאָר דער
פּראָלעטאריאט איז דערצו פעיק לויט זיינע קלאסן־צילן, וואָס גייען ניט אָפּ דער
פאַרייביקונג פון קלאסן, נאָר אָפּ זייער אָפּשאפונג. די סוביעקטיוויקייט פונעם פּראָ־
לעטארישן קלאס אנטשפּרעכט צו דער אָביעקטיווערווירקלעכקייט. ערשט דער
פּראָלעטאריאט ברענגט אריין עמעסע וויסנשאפטלעכקייט אין די געזארשנטע וויסנ־
שאפטלעכע מאטעריאלן.

ס'וואָלט דעריבער געווען אן אומזין וועלן ליקווידירן א וויסנשאפטלעכע
דיסציפּלין, וועמענס אָ ב י ע ק ט עקזיסטירט אלס געשיכטע, אלס טייל פון דער געשיכטע
ניט ליקווידירט ווערן. ס'זיינען פאראן קלאסאָווע פּסעוודאָ־וויסנשאפטן, וואָס זייער
אָביעקט גופא עקזיסטירט ביכלאל ניט און וואָס ווערט אויסגעטראכט צוליב די
אינטערעסן פון אימפּעריאליזם, נאציאָנאליזם א. אז. וו. למשל, די „ראסן־לערע"
מיט איר אייביק דעטערמינירטע דיפערענצן פון די איינגעבוירענע ראסן־אייגנשאפטן
ראסן־שליכעס א. אז. וו. אזעלכע פּסעוודאָ־וויסנשאפטן מוזן ליקווידירט ווערן. דער
אָביעקט פון עטנאָגראפיע און פּאָלקלאָריסטיק אלס היסטאָרישער פאקט איז אָבער
ניט קיין אויסגעטראכטער, די באשטימטע, כאָטש באגרענעצטע ספּעציפיק פון
פּאָלקלאָר, למשל, אין פארגלייך מיט „ליטעראטור", איז ניט קיין אויסגעטראכטע.
זיין עקזיסטענץ אין דער פארגאנגענהייט (און רעשטלעכווייז אויך אין דער קעגנ־
ווארט) קען ניט ארויסגעריסן ווערן פון דער געשיכטע. מוז דאָס מעמיילע אויסגע־
פאָרשט ווערן. פאָרשנדיק די געשיכטע פון עקאָנאָמיק, געזעלשאפטלעכע באציונגען,
פון קולטור און אויפירונג („זיטן"), פון דער קונסט (מאָלעריי, סקולפּטור, מוזיק,
טאנץ, טעאטער און ליטעראטור), פון פילאָסאָפיע, רעליגיע, רעכט און פּעדאגאָגיק, פון
נאטורוויסנשאפטן, מעדיצין און טעכניק — קורץ, אומעטום אין דער געשיכטע וועלן
מיר זיך אָנשטויסן אָן דעם, וואָס מיר רופן דערווייל אָן עטנאָגראפיע אין פּאָלקלאָר,
ד. ה. אָן דער ספּעציפישער קולטורעלער שאפונג פון אונטערדריקטע, אויסגענוצטע,
באהערשטע און אָרעמע קלאסן פון געוויסע פעריאָדן, אָן א שאפונג, וואָס שטייט
אין א באשטימטער קעגנזייטיקער באציונג צו דער „ליטערארישער" „אָפּיציעלער"
שאפונג פון די העכערע קלאסן. און גראָד אויך צוליב דעם האָט דידאָזיקע שאפונג



פון די אונטערדריקטע קלאסן פאר אונדזער פּראָלעטארישער פאָרשונג־ארבעט נאָך
א גאָר באזונדערן אינטערעס.

.3

אויב מיר וועלן זיך וועגן דידאָזיקע עטנאָגראפיש־פּאָלקלאָרישע טיילן אין דער
געשיכטלעכער אנטוויקלונג פון יעדן וויסנשאפט־צווייג, למשל, וועגן דעם עטנאָ־
גראפישן („פּאָלקסטימלעכן") רעכט, וועגן דער עטנאָגראפישער מעדיצין, פּעדאגאָגיק
א. אז. וו. — ניט שאפן קיין קלאָרע מארקסיסטישע מיינונג, וועלן מיר, ערשטנס,
ניט קענען ריכטיק אין אלע פּראָטים אויפקלערן דעם אנטשפּרעכנדיקן „ליטעראַרישן"
„וויסנשאפטלעכן" „אָפּיציעלן" טייל, און מיר וועלן, צווייטנס, מוזן — אָדער אימפּראָ־
וויזירן בויך־סוואָרעס, אָדער ניט ווילנדיק אָננעמען ניט רעווידירטערהייט די מיינונגען
פון די בירגערלעכע פאָרשער אין דעם פּראט. און גראָד דער עטנאָגראפיש־פּאָלקלאָ־
רישער טייל שפּילט אין יעדער וויסנשאפט־געשיכטלעכער אנטוויקלונג אזא באדייטנ־
דיקע און פאר אונדז אינטערעסאנטע ראָל, אז אויך דאָ לוינט זיך אונדז גאָר ווייניק
זיך פארלאָזן אָפּ די אויסקלאָרונגען און דערקלערונגען פון דער בורזשואזער וויכנ־
שאפט. דאָ גילט ווי אין אסאך אנדערע פאלן דאָס, וואָס ענגעלס האָט געזאָגט וועגן
יענע וואולגארע מאטעריאליסטן, וואָס האָבן פאראכטעט די פילאָסאָפיע און איר גע־
שיכטע, וואָס האָבן געמיינט, אז מע קען זיך אָןביידע באגיין. זיי האָבן ניט
פארשטאנען, אז ווער ס'דערלערנט ניט די ריכטיקע פילאָסאָפיע — האָט סיי־ווי־סיי
עפּעס א פילאָסאָפיע, נאָר א כאאָטיש צונויפגעקליבענע און עקלעקטיש צונויפגעלא־
טעטע פון פארשיידענע צופעליקע, וואָלוועלע און צווייפלהאפטיקע קוואלן, פון דער
באבען, פון דער גאס, פון (בורזשואזע) צייטונגען, זשורנאלן א. אז. וו. קורץ: א
צעטומלטע, אויבערפלעכלעכע און שעדלעכע. דער, וואָס דערלערנט ניט פילאָסאָפיע —
האָט סיי־ווי א פילאָסאָפיע, נאָר א שלעכטע. דער היסטאָריקער פון עקאָנאָמיע,
געזעלשאפטלעכקייט, פון ליטעראטור א. אז. וו. דארף האָבן אויסגעקלאָרטע באַ־
גריפן וועגן דעם מהות פון עטנאָגראפיע און פּאָלקלאָר, אן אויסגעקלאָרטן מעטאָ־
דאָלאָגישן צוגאנג צו דידאָזיקע געגנשטאנדן, און פעסטע קאָנקרעטע ידיעות וועגן
דעם מאטעריאל גופא, מיט וועלכן עס קומט אים אויס צו האָבן צו טון. אויב ניט
וועט ער וועגן זיי סיי־ווי האָבן מיינונגען — נאָר פאלשע. מיר מוזן דעריבער אויך
דידאָזיקע וויסנשאפט נעמען אין אונדזער האנט און זי פארוואנדלען פון א בורזשו־
אזן געווער — אין א וואפן פונעם פּראָלעטאריאט פאר זיינע רעוואָלוציאָנערע צילן
און קעגן זיינע סאָנים.

.4

„פּאָלקלאָר" אין בריטסטן זינען איז א באשטימטער קאָמפּלעקס אידעאָלאָגישע אויס־
דרוק־דערשיינונגען פון די אונטערדריקטע, עקספּלואטירטע און אָרעמע מאסן אין דער
פארגאנגענהייט (מיט לעצטע רעשטלעך אין דער קעגנווארט). די בורזשואזיע האָט
אין די געשיכט־וויסנשאפטן דעם פּאָלקלאָרישן טייל אָדער שטארק איגנאָרירט (ניט
געקוקט אָפּ איר פּאָלקלאָריזם!), אָדער, ווי דאָס איז שוין ניט מער מעגלעך געווען

אפילו שוינ בלויז צוליב דעמ „ליטעראַרישנ" טייל פונ דער אנטשפּרעכנדיקער געשיכטע־דיסציפּלינ — פאַרפעלשט אונ איבערגעטײַטשט לויט די בירגערלעכע קלאַסנ־אינטערעסנ.

דאָ איז נייטיק א דורכויסיקע אונ גרינטלעכע רעוויזיע, וואָס וועט בעלי־כאָפּעק ברענגענ צו אזעלכע באַדײַטנדיקע רעזולטאַטנ, וועלכע מיר קאָנענ נאָכ דערווײַל אפילו ניט קלאָר גענוג אויסמאָלנ, ווײַל אונדזערע פאָרשטעלונגענ אינ דעמ פּראַט מוזנ זיכ נאָכ אינ גאָר אַ סכ פּרָטימ צונויפשטעלנ לויט די רעזולטאַטנ פונ דער בירגערלעכער פאָרשונג.

אונ מיר דאַרפנ געדענקענ: „פאָלקלאָר", אלס שאַפונג אונ אידעאָלאָגישער אויסדרוק־שטײַגער פונ אונטערדריקטע אונ עקספּלואַטירטע מאַסנ, איז דורכויס ניט שטענדיק געווענ דאָס, וואָס ער איז בײַ הײַנטיקער צײַט. היסטאָריש גענומענ קומענ אינעמ „פאָלקלאָר" צומ אויסדרוק, ווערנ אינ אימ אָפּגעשפּיגלט אויכ מעכטיק שאַפערישע, פּראָגרעסיוו־שטרעבנדיקע מאָמענטנ, די שטרעבונגענ, האָפענונגענ, דער פּראָטעסט, די בונטאַרישקייט פונ די אונטערדריקטע מאַסנ, לעמאָשל, פונעמ אַמאָליקנ פּאָרויסגייענדיקנ רעוואָליוציאָנערנ בירגערטומ (באַזונדערס, לעמאָשל, אינ דער צײַט פונ דער ענגלישער רעוואָליוציע, אָבער אויכ אינ דער צײַט פונ דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע), פונעמ לעבעדיקנ „פרײַענ" קליינעמ פויערטומ אונ אַמאָל אפילו — כאָטש אסאַכ זעלטענער אונ ווייניקער אויסשליסלעכ — פונ דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטערשאַפט. פאַראַנ אינ „פאָלקלאָר" עלעמענטנ, וואָס זײַנענ בײַ הײַנטיקנ טאָג דײַטלעכ רעגרעסיוו, אָבער אפילו צווישנ זיי זײַנענ דאָ אזעלכע, וואָס האָבנ אַמאָל אינ זייער צײַט געקאָנט אָפּשפּילנ א דורכויס פּראָגרעסיווע ראָל. אכוצ די עלעמענטנ פונ אָפּגעשטאַנענער פאַרגליווערטקייט קאָנענ מיר אינעמ פאָלקלאָר אויפשטעלנ יענע עלעמענטנ, וואָס זײַנענ היסטאָריש באַגרינדעט, פאַר זייער צײַט, געווענ ריזיקע אידעאָלאָגישע אויפשפּיגלונגענ פונ שטורמישער בונטאַרישקייט, פונ פּראָטעסט אינ פאָרויסשטרעבנדיקער שאַפערישער ענערגיע.

עס איז דעריבער גאָר וויכטיק אויפצושטעלנ אינ יעדנ וויסנשאַפטלעכנ געביט יענעמ טייל, וואָס האָט א שײַכעס צו די אידעאָלאָגיש־שאַפערישע פאַקטנ פונ די אונטערדריקטע קלאַסנ, קורצ: דעמ עטנאָגראַפישנ טייל פונ יעדער באַזונדערער היסטאָרישער דיסציפּלינ. אויב ניט, קאָנענ אונדז אַמאָל אויסשטעלנ די מאָמענטנ פאַר דער געשיכטע פונ די „ליטעראַריש־שטומע" אונטערדריקטע קלאַסנ.

.5

דער „ריינ־ליטעראַרישער" טייל פונ יעדער געשיכטע־דיסציפּלינ (ד. ה. דער ניט־פאָלקלאָרישער, „אָפיציעלער" טייל) קאָנ זיכ שוינ לאַנג ניט מער באַגײַנ אָנ דער אויספאָרשונג פונ די „פאָלקלאָרישע" מאַטעריאַלנ. דאָס איז שוינ אפילו פאַר דער קלאַסאָווער בירגערלעכער געשיכטע צו שטאַרק בולעט געוואָרנ. זי האָט אָבער דעמ „פאָלקלאָרישנ" מאַטעריאַל אויסגענוצט אַפּ איר שטייגער, אַמאָל קעדיי צו באַווײַזנ, אַז דער אייגנטלעכער אויפטוער־שאַפערישער פּרינציפּ איז שטענדיק



פּאָרט געקומענ נאָר פונ די הערשנדיקע קלאַסנ[1], אונ אַמאָל קעדיי צו באַווײַזנ, אַז די שאַפונג פונ די הערשנדיקע קלאַסנ — איז אינ טאָכ דאָס אייגענע ווי פונ די נידעריקע: אַז די שאַפונג פונ אַלע קלאַסנ איז א נאַציאָנאַל־אײַנהײַטלעכע[2]. דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז פעיִק צו שאַפנ די עמעסע וויסנשאַפט מיט דער הילפ פונ דער מאַרקס־לענינישער דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישער מעטאָדאָלאָגיע, וועט זיכ באַמ פאָרשנ די פאַרשיידענע היסטאָרישע געביטנ אַוודע אונ אַוודע ניט קאָנענ באַגײַנ אָנ די אַנטשפּרעכנדיקע „עטנאָגראַפישע" טיילנ, זיי וועלנ ווערנ אַנ אינטעגראַלער טייל פונ יעדער היסטאָרישער דיסציפּלינ, פאַרבונדנ מיט די „ליטעראַרישע טיילנ" — כאָטש טאַקע אויכ פונ זיי דיפערענצירט. דער עטנאָגראַפישער טייל וועט אינ יעדער דיסציפּלינ פאַרנעמענ אַזויפיל אָרט, וויפל ס'געהער אימ לויט דער היסטאָרישער טאַטזעכלעכקייט אונ לויט דעמ שאַפערישנ אונ היסטאָרישנ באַטײַט פונ די אונטערדריקטע אונ עקספּלואַטירטע קלאַסנ. דעמאָלט וועלנ די עטנאָגראַפישע „קאַפּיטלענ" פונ אַלע היסטאָרישע דיסציפּלינעס אזוי פרוכטבאַר אונ רעזולטאַטנרײַכ אויסוואַקסנ, אַז מע וועט זיי שוינ ניט מער קאָנענ ארומנעמענ אינ איינ באַזונדער אויסגעטיילטער זעלבשטענדיקער וויסנשאַפט „עטנאָגראַפיע", וואָרעמ דאַנ וואָלטנ פונ יעדער דיסציפּלינ געמוזט עקזיסטירנ צוויי באַזונדערע וויסנשאַפט־צווײַגנ: אַנ עטנאָגראַפישער אונ „ליטעראַרישער". דעמאָלט וועט די עטנאָגראַפיע אויפגעזאָגט ווערנ פונ די פאַרשיידענע היסטאָרישע דיסציפּלינעס אונ וועט אַלס זעלבשטענדיקע וויסנשאַפט פאַרשווינדנ.

דערווײַל אָבער איז נאָכ דורכויס צוועקמעסיק אונ מעגלעכ אויסצוטיילנ די עטנאָגראַפיע אינ דעמ פאָלקלאָר — באַזונדערס יענע טיילנ פונ עטנאָגראַפיע אונ פאָלקלאָר, וואָס זײַנענ נעענטער צו אונדזער צײַט — אינ א באַזונדערער דיסציפּלינ — כאָטש עס האָט זיכ שוינ אינ איר לאַנג אָנגעמערקט א וויכטיקע צעטיילונג: „זאַכלעכע", מאַטעריעלע עטנאָגראַפיע — אונ „וואָרטלעכ־קלאַנגלעכע", פאָלקלאָרישע (וואָרט־אונ מוזיק־פאָלקלאָר). וויפל די בורזשואַזע וויסנשאַפט האָט ניט אַפּ די דאָזיקע געביטנ אויפגעטאָנ, האָט זי אָבער פּאָרט נאָכ שפּאָט־ווייניק אונ קלאַסאָווע פאַרקריפּלט אויפגעטאָנ. די עטנאָגראַפיע אונ דער פאָלקלאָר שטייענ נאָכ פאַקטיש בײַ זייערע סאַמע

---

1) האַנס נאַומאַנ האַלט, לעמאָשל, אַז „דאָס פאָלק" קאָנ בלויז איבערנעמענ דאָס, וואָס די העכערע געבילדעטע קלאַסנ האָבנ געשאַפנ (Gesunkenes Kulturgut). האָפמאַנ־קרײַער פאָרמולירט דאָס, אַז דאָס פאָלק „קאָנ בלויז „רעפּראָדוצירנ". נאָכ זיי גייענ אויכ א גאַנצע ריי בירגערלעכע רוסישע פאָלקלאָריסטנ.

2) דער נאַציאָנאַליסטישער פאָלקלאָריזמ אינ דער געשיכטע, אינ דער פאָלקלאָריסטיק אונ באַזונדערס אינ דער ליטעראַטור־געשיכטע פונ אַלע פעלקער אונ שפּראַכנ באַמיט זיכ אָפּט נאָכצוווײַזנ, אַז פאָלקלאָר איז דער אורשפּרונג פונ דער „ליטעראַטור", אַז די ליטעראַטור וואַקסט שטענדיק פונעמ פאָלקלאָר, וואָס אַנטוויקלט זיכ דורכויס אינ אַנ איזאָלירטער אַבסאָליוט זעלבשטענדיקער ליניע. פאַראַנ אויכ א דריטע בירגערלעכע מיינונג, אַז ביידע ליניעס אַנטוויקלענ זיכ איזאָלירט אונ זעלבשטענדיק. אַלע דרײַ מיינונגענ זײַנענ, פאַרשטייט זיכ, פאַלש. מע קאָנ ערשט דעמאָלט רעדנ וועגנ „פאָלקלאָר", ווענ ס'איז שוינ פאַראַנ „ליטעראַטור", איינס ווערט אַרויסגעריסנ אונ באַשטימט פונעמ צווייטנ — אונ ביידע [illegible] פונ דער עקאָנאָמישער סטרוקטור. פאָלקלאָר אונ ליטעראַטור שטייענ אינ א שטענדיקער אומונטערבראָכענער קעגנזײַטיקער באַווירקונג. וועגנ „דורכויסיקער אָפּהענגיקייט" קאָנ מענ דאָ אינ קיינ שומ פאַל ניט רעדנ, ווײַל אַמאָל איז טאַקע די „ליטעראַטור", אַמאָל אָבער דאַפקע „פאָלקלאָר" דער פאָרויסגײענדיקער, דער „פּרימערער" עלעמענט. אויספירלעכער וועגנ דעמ אַלעמ — אינ צווייטנ טייל פונ דעראָזיקער אַרבעט.

ערשטע טריט, ניט געקוקט אפ דעמ זינלאָז און אָפט צוועקלאָז פאַנאַנדערגעוואָרפענעמ ריזיקנ מאַטעריאַל, וועלכנ די בירגערלעכע פאָרשער האָבנ אָנגעזאַמלט און מיט וועלכנ זיי ווייסנ ניט וואָס צו טונ. מיר גיבנ ניט דער עטנאָגראַפיע יענע זעלבשטענדיקייט, וואָס דאַרפ זי פאַסיק מאַכנ אַלס באַזע אפ צו „פאַרייניקייטלעכנ" דאָס גאַנצע „פאָלק", גאָר, פאַרקערט, א זעלבשטענדיקייט, וואָס דאַרפ אונדז פאַרגרינגערנ אַרויסצוגעפינענ אינ געשיכטע און קעגנוואַרט די קלאַסאָווע דיפערענציר־פאַקטנ אינעמ „פאָלק". מיר שטעלנ אופ די געשיכטע וועגנ דער שאַפערישקייט פונ די באַהערשטע אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע מאַסנ אינ דער פאַרגאַנגענהייט, ניט קעדיי דאָס צוצושרייבנ דעמ גאַנצנ „פאָלק", ניט קעדיי אַרויסצודעסטילירנ דעמ „גייסט" פונעמ פאָלק, נאָר קעדיי צו באַקומענ א קלאָרנ באַגריפ וועגנ דער געשיכטע פונ די קלאַסנ און זייערע קאַמפנ.

.6

„פאָלק" אינעמ באַגריפ „פאָלק־לאָר" קאָנ פאַר אונדז האָבנ נאָר דעמ איינעמ באַטייט: די אונטערדריקטע עקספּלואַטירטע און אָרעמע מאַסנ. אָבער אויכ דאָ מוזנ מיר פינקטלעכער דיפערענצירנ. אויכ דידאָזיקע מאַסנ זיינענ ניט קיינ האָמאָגענער קלאַס, אויכ „די מאַסע" דיפערענצירט זיכ קלאַסנמעסיק מיט פאַרשיידענע טענדענצנ, וואָס שפּיגלענ זיכ דיישלעכ אָפּ אינ זייער אידעאָלאָגיע און שאַפונג. אפילע אינעמ „פאָלקלאָר" פונ איינ צייט און וועגנ דער אייגענער היסטאָרישער טעמע (לעמאָשל: וועגנ פוגאַטשאָוו, סטענקאַ ראַזינ, די רעקרוטטשינע באַ יידנ, אוקראַאינער, רוסנ א. אז. וו.) קאָנענ קומענ צומ אויסדרוק די פאַרשיידנסטע קלאַסנ־טענדענצנ. אַנ איינהייטלעכע „פאָלקלאָר־אידעאָלאָגיע" אָדער אַנ איינהייטלעכער „פאָלקלאָר־נוסעכ" סטאַמ איז ניט פאַראַנ, אפילע ניט אינ איינ צייט און אַוודע ניט אינ פאַרשיידענע צייטנ.

ווענ מע רעדט וועגנ דער צווישנ־באַציִונג צווישנ פאָלקלאָר און „ליטעראַטור" מאַכט דער היינטצייטיקער רעאַקציִאָנער־נאַציִאָנאַליסטישער ליטעראַטור־היסטאָריקער און פאָלקלאָר־אָנהענגער אַנ אָנשטעל, אַשטייגער, די פאָלקלאָר־אַנטוויקלונג וואָלט געגאַנגענ אינ אַלע צייטנ אַנ איזאָלירטע, זעלבשטענדיקע און שטענדיק דיזעלבע לויטנ אייגענעמ כאַראַקטער פונעמ סטאַטיש־אייביקנ פאָלקסגייסט, ווי ס'וואָלט אפ אייביק און פעסט פאַראַנ געווענ שטענדיק דערזעלבער „פאָלקסטימלעכער סטיל", — וואָס דאַרפ דאַנ פונ צייט צו צייט, „אָקאַזיִאָנאַליסטיש", אַזוי צו זאָגנ, לויט די פּרינציפּנ פונ דער געטלעכער האַשגאָכע, אַריינ אינ דער „ליטעראַטור" און זי „אופרישנ און באַנייענ". אינעמעסנ אָבער כאַפט ער אַרויס פונ דער פאָלקלאָר־געשיכטע באַשטימטע עלעמענטנ פונ א באַשטימטנ צייטפּונקט לויט ווי סע לוינט זיכ אימ פאַר זיינע רעאַקציִאָנערע טענדענצנ, פיקסירט דאָס אַלט דאָס אייביקע ספּעציפיש־פאָלקסטימלעכע ביכלאַל און וויל דאָס אָנבינדנ דער היינטצייטיקער שאַפונג אַלס אָפּהאַלט קעגנ דער רעוואָליוציִאָנערער אַנטוויקלונג.

אינעמעסנ איז א געגעבענער אַלס „אייביק" געקרוינטער „פאָלקס־סטיל" גאָר אָפט אַסאַכ ווייניקער ענלעכ אפ א „פאָלקס־סטיל" פונ אַנ אַנדערנ פעריאָד איידער אפנ „ליטעראַרישנ סטיל" פונעמ אייגענעמ פעריאָד. דער מיינ פונ דערדאָזיקער מאַניפּוליאַציע איז צו באַרעכטיקנ דאָס צוריקשרויפנ די אַנטוויקלונג צוריק צומ



איירנעכטנ דורכ אַזא מינ סילאָגיזמ: העיויס יענע פאָלקלאָר־עלעמענטנ זיינענ אייראַנעכטנ אַמאָל געווענ פּראָגרעסיוו און העיויס זייער כאַראַקטער און מעהוס בלייבט אינ דער געשיכטע שטענדיק דער אייגענער — זיינענ זיי אויכ היינט פּראָגרעסיוו, ווירקנ זיי אויכ היינט „אופרישנדיק", דאַרפנ מיר אויכ היינט אַריינברענגענ אינ אונדזער שאַפנ דעמ „פאָלקס־סטיל". אַזוי אַרומ פּרווט מענ זיכ צוריקשלעפּנ צו דער קוגל־און טשאָלנט־אָרער קרויט־מיט קאָלבאַס־אידיליע מיט זייער דעמפיקנ רעאַקציאָנערנ גערוכ.—

מיר טאָרנ ניט דערלאָזנ צו א שעדלעכנ ניהיליזמ, וואָס דערשאַפט ניט דעמ באַטייט פונ דערדאָזיקער וויסנשאַפטלעכער דיסציפּלינ. דערביי אָבער מוזנ מיר קעמפנ קעגנ יעדער איבערשאַצונג, וואָס מוז דערפירנ צו רעאַקציִאָנערנ פאָלקלאָריזמ. די בורזשואַזע פאַרשטייט אויסצונוצנ אפילע אַזא קלאָמערשט זייטיקע וויסנשאַפט צוליב אירע צילנ. ניט אומזיסט און ניט צופעליק פאַרנעמט דידאָזיקע דיסציפּלינ אַזא אָנגעזעענ אָרט אינ די בורזשואַזע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. ניט אומזיסט איז עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר אַזא קדשי־קדשים פאַרנ יי"וואָ אינ ווילנע, ניט אומזיסט באַמיִענ זיכ די יי"וואָ־לייט צוציִענ די אופמערקזאַמקייט און מיטאַרבעט פונ אַרבעטער־קרייזנ פאַר זייער עטנאָגראַפישער טעטיקייט. ס'איז ניט געווענ גלאַט אַזוי זיכ א שפּיל, אויב די יידישע נאַציִאָנאַליסטנ פונ אַלע פאַרבנ האָבנ מיט פאָרליבע און היסליִיוועס געזונגענ פאָלקלאָרישע און כסידישע ניגונימ, אויב די אוקראַאינישע און פּוילישע (ווי אַמאָל די דייטשע) נאַציִאָנאַליסטנ האָבנ זיכ אַרומגעטראָגנ אינ נאַציִאָנאַלע עטנאָגראַפישע קאָסטיומענ. ניט אומזיסט פאַרופט זיכ דער קלאַטנסוינגע (אויכ אינעמ לאַנד) אפ „עטנאָגראַפישע" מאָמענטנ אינ זיינ קאַמפ קעגנ דער רעוואָליוציע. די בורזשואַזע פאָלקלאָריסטיק, וואָס דינט ווי א אידעאָלאָגיש קאַמפ־מיטל פונ רעאַקציע און קאָנטר־רעוואָליוציע, דאַרפ אַלס אַזעלכע דעמאַסקירט ווערנ. דערביי וואָלט דאָס געווענ ביז גאָר פאַלש זיכ אַרויסצוקערעווענ מיט דער פלייצע צו דערדאָזיקער וויסנשאַפט. מיר מוזנ דאָ זיינ טאָפּלט געהיט. מיר מוזנ זיכ באַשעפטיקנ און גרינטלעכ באַשעפטיקנ מיט דערדאָזיקער וויסנשאַפט, דערביי אָבער מוזנ מיר דאָ זיינ באַזונדערס וואַכזאַמ און פילבאַר אינ אונדזער אַרבעט, קעדיי צו קאָנענ פאַרוואַנדלענ די וואַפנ פונ אונדזערע טאָנימ — אינ א וואַפנ קעגנ זיי.

קיעוו, מאַרס, 1931.

KALMON MARK
NEW YORK

מ. בערעגאָווסקי

# צו די אויפגאַבעס פון דער ייִדישער מוזיקאַלישער פאָלקלאָריסטיק

## 1.

אין איינעם פון די ערשטע-פרווון עטנאָגראַפיש צו פיקסירן דאָס לעבן פון ייִדן אין רוסלאַנד, אין מ. בערלינס „Очерк этнографии евр. народонаселения в России" ספ"ב 1861, פאַרנעמט דער מוזיק-פאָלקלאָר, און באַזונדערס פונעם פאָלקלאָר-ליד, קימאַט קיין שום אָרט ניט. זייער קוריאָז קלינגט היינט מ. בערלינס באַהויפּטונג, אַז „קיין לידער, וואָס ווערן באַנוצט פונעם פאָלק בײַ אַלערליי פאַרווײַלונגען, איז בײַ ייִדן ניטאָ, כאָטש זיי האָבן אַ נטיה צום זינגען; ס'איז פאַראַן בלויז סינאַגאָגאַלע לידער, וואָס קימאַט אַלע ייִדן קענען זיי" [1].

אין 1898 מאַכן ש. גינזבורג און פּ. מאַרעק דעם ערשטן פּרווו. סיסטעמאַטיש צו זאַמלען ייִדישן וואָרט-פאָלקלאָר [2], און דעמאָלט ווערט אויך געווענדעט די אויפמערקזאַמקייט אויף דער מוזיקאַלישער זײַט פונעם פאָלקלאָר-ליד [3].

אין דעמזעלבן יאָר, צוזאַמען מיט גינזבורג און מאַרעקן, און טיילווײַז זעלבשטענדיק, איז דער קאָמפּאָזיטאָר און מוזיקאַלישער קריטיקער יולי ענגעל (1868 — 1927) צוגעטראָטן צו זײַנע ערשטע זאַמלונגען פון מוזיק-פאָלקלאָר. מיטן יאָר 1898 איז דאַטירט זײַן ערשטע העפט געזאַמלטע מוזיק-פאָלקלאָר-שטיק, וואָס באַשטייט פון זעקס און זעכציק מוזיקאַלישע נומערן [4]. יולי ענגעל טרעט אויך אַרויס, אין אַ גאַנצער ריי אַרטיקלען און פאָרטראַגן (מיט מוזיקאַלישע דעמאָנסטראַציעס) וועגן ייִדישער פאָלקלאָר-מוזיק, קעדיי צוציִען צו דער דאָזיקער אַרבעט די נייטיקע אויפמערקזאַמקייט סײַ פון די מוזיקער, סײַ פון די ברייטע געזעלשאַפטלעכע קרײַזן. אָבער

[1] דאָרטן ז. 78. כאָטש ער שרײַבט עטוואָס ווײַטער: „בײַם פאַרוויגן קינדער זינגען די ניאַנקעס גישטיקע (ниэтожные) לידלעך אויף דער רער-שפּראַך און זייער אינהאַלט זײַנען די באַליבטע פאָלקס-פרינ-ציפּן (?): „פרומקייט און רײַכקייט" (ז. 79). אַלס אילוסטראַציע ברענגט ער אין די באַמערקונגען דאָס וויג-ליד: „אונטער (נאָמען פון קינד—מ. ב.) וויגעלע" אין אַ רוסישער איבערזעצונג.

[2] С. Гинзбург и П. Марек. О собирании евр. нар. песен. „Хроника Восхода" 1898. № 11, стл, 356—9

[3] Ив. Липаев. Еще о нар! песнях евреев. „Хр. Восхода" 1898, № 13, стл 464

זע אויך: א. ו. Лев Винц. Старые вопросы и новые задачи. „Восход", 1898, Окт. стр. 149

[4] פון דער ערשטער זאַמלונג האָט שפּעטער י. ענגעל געדרוקט אין פאַרשיידענע באַאַרבעטונגען מער 15 נומערן. די איבעריקע זײַנען געבליבן ניט פאַרעפנטלעכט. דער איינציקער עקזעמפּליאַר פון דעם דאָזיקן העפט געפינט זיך אינעם אַרכיוו פון קאַבינעט פאַר ייִדישן מוזיק-פאָלקלאָר בײַם אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור (קיעוו).



נאָך אַ לענגערע צײַט בלײַבט די זאַמל-אַרבעט פונעם ייִדישן מוזיק-פאָלקלאָר צעשטויבט און ווערט געפירט פון צופעליקע איינצלנע ליבהאָבער.

ערשט אין 1908 יאָר, מיט דער גרינדונג פון דער „געזעלשאַפט פאַר ייִדישער פאָלקס-מוזיק" אין פּעטערבורג האָט זיך די זאַמל-אַרבעט אין אַ געוויסער מאָס אָנגעהויבן קאָנצענטרירן אין איין אָרט.

מיט דער זאַמל- און פאָרשונגס-אַרבעט פאַרנעמט זיך שוין אַ גאַנצע גרופּע מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָרן: ז. קיסעלהאָף, פּ. שאַליט, ה. קאָפּיט, ל. סאַמינסקי א. א. אויך ש. אַנ—סקי האָט (צוזאַמען מיט י. ענגעלן, ז. קיסעלהאָפן א. א.) צונויפגעזאַמלט מיט דער הילף פון פאָנאָגראַף אַ געוויסע צאָל לידער און אַנדערע מוזיק-פאָלקלאָרישע שטיק [1]. אָבער פון די אַלע מוזיקאַלישע מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען אָנגעזאַמלט געוואָרן פון דער „געז. פאַר ייִד. „פאָלקס-מוזיק" און אויך פון אַנ—סקיס זאַמלונגען, איז ביז איצט פאַרעפנטלעכט געוואָרן בלויז אַ קליינער טייל [2]. וועגן די איבעריקע מאַטעריאַלן זײַנען אַפילו קיין אויספירלעכע באַריכטן ניט דערשינען, אַזוי, אַז ס'איז דערווײַל ניט מעגלעך דעם דאָזיקן אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל וויסנשאַפטלעך צו באַהאַנדלען [3]. אין אונדזער אַרבעט וועלן מיר זיך דעריבער מוזן באַגרענעצן נאָר מיט דעם טייל פון די מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען שוין יאָ פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

וואָס האָבן די אויבנאָנגערופענע זאַמלער געזוכט און געפונען אינעם מוזיק-פאָלקלאָר, אין דער אַזוי גערופענער „פאָלקס-מוזיק" בִּכלל?

דעם מוזיק-פאָלקלאָר האָבן די דאָזיקע זאַמלער באַטראַכט ווי אַ מין פאָקוס, וואָס שפּיגלט אָפּ אין זיך דעם טראַנסצענדענטאַלן „פאָלקס-גײַסט", די „ליידן פון פאָלק, זײַנע ווייטעקן און פריידן, זײַנע גלויבונגען און זײַנע האָפענונגען" [4]. „אין די מעלאַנכאָלישע קלאַנגען פונעם ליד (פאָלקלאָר-ליד—מ. ב.) — שרײַבט לעאָ ווינץ — דריקן זיך אויס די ווירקלעכע ליידן פון אונדזער אומגליקלעכן פאָלק, וואָס באַווייזט שטענדיק זײַן פאַרגאַנגענהייט, די פאַרלוירענע גרויסקייט". דאָס פאָלקסליד אַנטפּלעקט „די סודות פון דער פאָלקס-פּסיכיק", עס עפנט פאַר אונדז „מיט נאַיִווער באַשיידנקייט און אָפנהערציקייט געפילן, האָפענונגען און אַלע איבעריקע נשמה-באַוועגונגען פון פאָלק" (ל. ווינץ).

[1] 29 פאָנאָגראַף-וואַלצן, אויף וועלכע י. ענגעל האָט אויפגענומען צוזאַמען מיט אַנ—סקין אין 1912 יאָר (ווערקער אין וואָלין) פאַרשיידענע מוזיק-פאָלקלאָר-שטיק, זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן דעם קאַבינעט פאַר ייִדישן מוזיק-פאָלקלאָר (זע „ביולעטען פון אינסטיטוט פאַר ייִד. קולטור" ב. 3—4, 1930, ז. 12).

[2] אַכוץ באַאַרבעטונגען פון מוזיק-פאָלקלאָרישע שטיק פאַר אַלערליי אינסטרומענטן, שטימע און כאָר האָט די „געז. פאַר ייִד. פאָלקס-מוזיק" פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע זאַמלונגען:

1. Евр. нар. мелодии, запис, гг. Шалытом и Копытом. Собств. „О-ва Евр. нар. музыки". צוויי ליטאָגראַפירטע העפטן (אָן יאָר). אין ביידע 83 נומערן.

2. Евр. нар. мелодии, запис. З. А. Кисельгофом. Петроград, 1916.

2-טע העפט — 24 נומערן.

[3] זייער קורצע באַריכטן וועגן די מוזיק-פאָלקלאָרישע מאַטעריאַלן פון דער „היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געז", אין לענינגראַד, וווּהין ס'זײַנען אָנגעקומען אויך אַנ—סקיס זאַמלונגען, געפינען מיר אין „יעווריסקאַיאַ סטאַרינאַ" ב. XI, 1924, ז. 406. זע אויך: „Еврейский Вестник" לענינגראַד 1928, ז. 225.

[4] ליפּאַיעוו, אין דער אויבנדערמאָנטער נאָטיץ.

אויכ די טענדענציעזע פארשטייער פונעם מוזיק-פאלקלאר פארגעסנ ניט קיינ וויסנשאפטלעכע דעפיניציעס אונ קענענ זיכ ניט אפרײַסנ פונ די פריערדיקע טראדיציאנעלע טראכטנ וועגנ „פאלקסגײַסט" א. ד. גל. עס ווערט בלויז פארגעשטעלט די דאזיקע זיכקייט אונ נאציאנאליסטישע הויפטפלעס בא דער כאראקטעריסטיק פונעם פאלקלאר-ליד. ווארעמ: קיינ קאנקרעטע דעפיניציעס האבנ זיי ניט געדארפט האבנ, פאר זייערע צוועקנ האבנ דירעקטע זייערע פראזעס געקלעקט. אינ דער נאציאנאליסטיש-סענטימענטאלער, „קלאל-ישראלדיק"-פאלקסטימלעכער מוזיקאלישער פאלקלאריסטיק האט זיכ שפעטער, צו 15—1910 יאר, אינ א געוויסער מאס אויסגעקריסטאליזירט א רעכטערע, מער קלאסנשפראכיקע בורזשואַזנאציאנאליסטישע שטרעמונג, אבער דאזיקע דירעקטע שטרעמונג האט זיכ נאכ מער באמיט צו פארבאהאלטנ אינ אלגעמיינע פראזעס דעמ קלאסנאינהאלט פונ איר צוגאנג צומ מוזיק-פאלקלאר.

מיר וועלנ ברענגענ נאכ א פאר שפעטערדיקע כאראקטעריסטיקעס פונעם מוזיק-פאלקלאר. „אינ דער ניט-פארשטעלטקייט (פונעם פאלקלאר-ליד—מ. ב.) איז פאראנ אזויפיל פײַנע נאיווקייט, אזא שלאל איבערגעגעבענע קלארקייט, אז דו פילסט ווי אינ יעדנ קלאנג רעדט, גיסט זיכ אויס די קריסטאל-ריינע פאלקס-נעשאמע" [1]. אדער ווי עס שרײַבט ז. קיסעלהאפ: „דאס פאלקס-ליד איז די פאלקס-נעשאמע". „די נעשאמע פונ יידישנ פאלק, וואס איז פול מיט טרויער, גיסט זיכ אויס אינ טרויעריקע קלאנגענ... די כאראקטעריסטישע אייגנשאפט אינעמ אינהאלט פונעם יידישנ ליד איז דער רעליגיעזער עלעמענט, וואס דורינגט זי דורכ. אינ משכ פונ אסאכ יארהונדערטער, אונ אויכ איצט נאכ, איז די רעליגיע געווענ דער הויפט-פאקטאר, וואס האט צעמענטירט דאס יידישע פאלק. אונ דאס האט זיכ ניט געקאנט ניט אפרופנ אפ דער פאעטישער שאפונג פונ פאלק" [2]. דאס פאלקלאר-ליד דארפ פארמאגנ אינ זיכ נאר דאס שענסטע אונ דאס בעסטע פונ דער „פאלקס-נעשאמע" (אונ דערצו געהער, ווי קיסעלהאפ רעכנט, דעריקער די רעליגיע!) אונ מוז לויט דערדאזיקער פארשריפט זײַנ נאיוו, באשיידנ אונ לײַטיש.

די רעוואליוציאנערע ארבעטער-באוועגונג האט אבער ארויסגערוקט פאר דעמ „פאלקס"-ליד נײַע סאציאלע טעמעס, די נאיווע „פאלקס-נעשאמע" האט אנגעהויבנ זינגענ פונ „נאבאווקעס" (הויסאפע צומ ארבעטער-לוינ), „זאבאסטאווקעס" אונ אנדערע זאכנ ניט אײַנגענומענע פאר דעמ יידישנ באלעבעסל. אונ דעמאלט זײַנענ פאר דעמ-דאזיקנ באלעבעסל געבליבנ צוויי ברייר עס: אדער צו איגנארירנ דעמדאזיקנ טייל

1) М. Наген. Вечер евр. муз. в Петербурге. „Разсвет"—1910, נומ. 3, שפל. 25—26.

2) З. А. Кисельгоф. Концерт О. Е. Н. М. „Новый Восход" 1911, נומ. 10, שפל. 37—38.

דאס שרײַבט ז. קיסעלהאפ, דער דעמאלטיקער יידישיסט אונ בונדיסט, דער פארשטייער פונ „לינקנ" פליגל אינ דער „געז. פאר ייד. פאלקס-מוזיק". ער האט אזוי גוט דערפילט „דאס פאלק" אונ די ווינקעלע קייט פונעמ „רעליגיעזנ עלעמענט" פאר דער יידישער מוזיק, אז ער האט גארניט געוואלט באמערקנ, בײַנקע ווי די אנדערע בירגערלעכע מוזיק-פאלקלאריסטנ, דעמ גארניט קליינעמ טייל „פאלק", וואס האט שוינ לאנג איפגעהערט „צעמענטירט" צו ווערנ דורכ דער רעליגיע, אונ האט צומ 1905 יאר באוויזנ אפ-באריקאדעס, צוזאמענ מיט די ארבעטנדיקע פונ אלע איבעריקע „פעלקער" פונ דעמאלטיקנ רוסלאנד (אונ מיט זיי האט אימ צעמענטירט גאר עפעס אנדערש) ארויסכרעכנ אינ קאמפ פאר א נײַ לעבנ אונ אגעוו סאקע סאפנ אונ זינגענ גאר נײַע לידער ביז גאר ווײַט פונ רעליגיעזנ אינהאלט אונ אפילו פונ רעליגיעזנ נוסעכ.



פונ דער „פאלקס-נעשאמע" [1], אדער אזוי באלד ס'איז שוינ בעטאמע ניט מעגלעכ געווענ אויסצומײַדנ דעמ פאקט וועגנ רעוואליוציאנערע לידער, — צו באגרענעצנ זייער ווערט דערמיט, וואס מע האט געפרווט דערווײַזנ, אז דאס זײַנענ ניט קיינ „פאלקס-לידער" [2].

די קליינבירגערלעכע יידישע קאמפאזיטארנ, וואס האבנ זיכ דעמאלט (אנהייב 20-טנ יארהונדערט) אנגעהויבנ שטעלנ די אויפגאבע צו שאפנ א „יידישע נאציאנאלע מוזיק", האבנ געזוכט זוכנ אינעמ מוזיק-פאלקלאר דעמ אורשפרינגלעכנ עכט יידישנ גײַסט. זיי האבנ אויסגעשטעלט די פראקטישע פאדערונג ארויסצונעמענ אינעמ יידישנ מוזיק-פאלקלאר בוי-מאטעריאל, מוזיקאלישע טעמאטיק פאר דער „יידישער נאציאנאלער מוזיק".

דער בירגערלעכער נאציאנאליזמ האט אלעמאל געשטרעבט אויסצונוצנ די „ספעציפישע נאציאנאלע קולטור", ווי א מיטל אפ אפצושוואכנ אונ צו פארשלעפערנ די קלאסנ-באוועגונג פונ פראלעטאריאט אינעווייניק בא זיכ אינ לאנד אונ ווי א פאליטישנ, אימפעריאליסטישנ מיטל קעגנ אנדערע נאציעס. די נאציאנאלע ספעציפיש-קייט ווערט אויסגעטײַטשט אפ נאציאנאליסטישע, שאוויניסטישע אופאנימ. די בורזשואזיע אנטפלעקט ניט גערנ אירע קלאסנ-אינטערעסנ אונ רעדט דעריקער אינ נאמענ פונ דער נאציע אונ אירע הייליקייטנ. דאס יידישע מיטל- אונ קליינבירגערטומ האט געפאדערט פונעמ יידישנ קאמפאזיטאר, וואס האט זי געדארפט באדינענ, אז אויכ ער זאל שאפנ פארנ גאנצנ פאלק ישראל נאציאנאלע מוזיק פונעמ יידישנ מעלאס.

די „פאלקס-מוזיק" איז אבער אינעמעסנ ניט קיינ איינהײַטלעכע. ניט נאר דער אינהאלט, נאר אפילו שוינ די אויסדרוק-מיטלענ זײַנענ ניט בא אלע קלאסנ אונ שיכטנ פונ דעמזעלבנ פאלק די אייגענע. אפהענגיק פונ עקאנאמישע אונ סאציאלע

1) אויסער ש. לעמאנס „ארבעט אונ פרײַהײַט" איז ניט פאראנ קיינע פארעפנטלעכטע זאמלונגענ פונ יידישע ארבעטער-לידער.

2) אינ זײַנ רעצענזיע אפ ש. לעמאנס זאמלונג „ארבעט אונ פרײַהײַט" שרײַבט קאהאנ: „זאל מענ זיי אנרופנ „פאלקס-לידער" איז עפעס צו האסטיק, ווײַל זייער שארפנ רעוואליוציאנערנ טאג". (זע י. ל. קאהאנ: „פאלקס-געזאנג אונ פאלקס-ליד". באמערקונגענ צו „ארבעט אונ פרײַהײַט". שריפטנ פינ ייד. וויסנש. אינסטיט. באנד 1. פילאלאגישע סעריע 1. לאנדוי-בוכ, ווילנע 1926 ז. 141). לויט זײַנ מיינונג זײַנענ דאס „צעזונגענע סאציאלע לידער פונ באקאנטע אונ אומבאקאנטע דיכטער" (ז. 142). קאהאנס בוירע פאר דעמ „שארפנ רעוואליוציאנערנ טאג" אינ דעמ ארבעטער-ליד וואלט אימ, ווענ ער זאל זײַנ אויסגע-האלטנ, געדארפט צווינגענ ארויסצווארפנ פונ די פאלקלאר-זאמלונגענ אויכ יענע עלטערע פאלקלאר-שטיק, וואס האבנ זיכ אפ זייער אייפנ אפגערופנ אפ די סאציאלע אונ פאליטישע דערשײַנונגענ פונ זייער צײַט, ווי, לעמאשל, אפ די טעמעס: פוילישער אויפשטאנד, רעקרוטירונג, כאפערס, פאניכעס, קאנטאניסטנ, שטײַערנ, קליידער-רעפארמ, רעפארמירטע שקאלעס (סולנ), עמיגראציע קיינ אמעריקע א. אז. וו. א. אז. וו. זיי זײַנענ דאכ אויכ ניט ענלעכ צו די אנדערע זשאנערנ פאלקלאר-לידער. אינ טעמעס אבער, איז גאנצ נאטיר-לעכ, אז ביט אלע זשאנערנ פינ מוזיק- אונ ווארט-פאלקלאר קאנענ באנוצנ איינ אונ דעמזעלבנ סטיל אינ איינ אונ דיזעלבע אויסדרוק-מיטלענ. וואס שײַכ דעמ „צעזונגען"-פראצעס אונ דער שטענדיקער באארבעטונג אינ צופאסונג פונ עלטערע לידער צו נײַע אומשטענדנ — טרעפנ מיר דאס דארט אומעטומ אינ אלעמאל אינעמ פאלקלאר-ליד. דאס איז א טיפישער ספעציפיקומ פונ ווארט- אונ מוזיק-פאלקלאר בכלל.

באדינונגען, בײַטן זיך די אויסדרוק־מיטלען אויך פון דער מוזיקאלישער שפּראך. דערבײַ קומט דער אומבײַט פאר ניט אײנצײַטיק אינעם גאנצן געביט פון א באשטימטער פאָלקלאָר־קונסט: באנאנד מיט דעם, וואָס דריקט אויס דאָס הײַנטצײַטיקע, טרעפן מיר אינעם מוזיק־און וואָרט־פאָלקלאָר רעשטלעך פון נאָענטער און ווײַטער פארגאנגענהײַט, אמאָל אפילע איבערגעארבעטע שפּורן פון אלטע, לאנג־פארגעסענע געזעלשאפטלעכע סיטואציעס. לויט די נײַע געזעלשאפטלעכע באדינגונגען און אויסדרוק־באדערפענישן ווערט אויסגענוצט דאָס, וואָס טויג צו דעם צוועק פון די אלטע אויסדרוק־מיטלען און צוגלײַך מיט די נײַע אויסדרוק־אינהאלטן ווערן איבערגעשאפן און נײַ־געשאפן די נײַע אויסדרוק־מיטלען.

דער קלײנבירגערלעכער קאָמפּאָזיטאָר (און פאָרשער) האָט ניט געוואָלט צו באטראכטן דעם מוזיק־פאָלקלאָר אין זײַן היסטאָרישער אנטוויקלונג. ער פיקסירט בלויז די מוזיק־פאָלקלאָרישע סיטואציע פון א באשטימטער צײַט און געפינט אין איר די „אײביקע נאציאָנאלע רײַכטימער", וואָס זײַנען אויסער צײַט און רוים. אז דערדאָזיקער האנאכע שפּארן זיך אָן אלע פּרוון צו שאפן די געזעצגעבערישע „נאציאָנאַלע גראמאטיק", צו געפינען די „אײביקע" נאציאָנאַלע אײגנארטיקײַט, וואָס דארף ווערן אָבליגאטאָריש פארן נאציאָנאַלן קאָמפּאָזיטער פון אלע צײַטן [1].

מיט דער צײַט אָבער מוז אויך דער בירגערלעכער קאָמפּאָזיטער אײַנזען, אז לאכלוטן נים דער גאנצער מוזיקאלישער „פאָלקס־פארמעגן" טויג אלצײנס צוליב זײַן „נאציאָנאַלער אויפגאבע" און ס'איז נײטיק דורכצופירן א באשטימטן אָפּקלײַב: ער מוז אויסזוכן יענע אויסדרוק־מיטלען, וואָס פּאסן אמבעסטן פאר די אנטשפּרעכנדיקע סאָציאלע שיכטן, צו וועלכע ער ווענדט זיך מיט זײַן „נאציאָנאַלער קונסט".

די ייִדישע קלײנבירגערלעכע קאָמפּאָזיטאָרן האָבן לעכאטכילע געמײנט, אז אלע מינים פון „ייִדישער מוזיק" טויגן אלס מוזיקאלישע טעמאטיק פאר זײער אידעאָלאָגישער אײַנשטעלונג. אין די ערשטע עטלעכע יאָר (דעריקער אין די ערשטע אר־בעטן פון דער „געז. פאר ייִד. פאָלקס־מוזיק" 10—1903) האָבן זײ טאקע אויסגע־נוצט אויך פ א ר ש י ד ע נ ע מינים פאָלקלאָר־לידער [2]. גאָר גיך האָבן זײ דערפילט,

1) זע וועגן דעם K. Квітка. Вступні уваги до музично-етнограф. студій. Записки. Етногр. Тов. кн. I, Київ, 1925, стр 9. אויך דער רוסישער קאָמפּאָזיטער און פאָרשער א. קאסטאלסקי באטראכט דעם רוסישן מוזיק־פאָלקלאָר אין זײַן כטאטיק און איגנאָרירט די דינאמיק, די ענדערונגען אינעם פאר־לויף פון דער־אנטוויקלונג פון דער געשיכטע. דער רוסישער קאָמפּאָזיטער דארף, לויט זײַן מײנונג, נעמען פונעם מוזיק־פאָלקלאָר ניט נאָר מוזיקאלישע טעכניק, נאָר אויך די פּרינציפּן פון מוזיקאלישער קאָנסטרוקציע און דארף אָפּהארפן אלץ, וואָס דערמאנט אײראָפּע און אײראָפּעישע מוזיקאלישע טעכניק (אײראָפּע נעמט קאסטאלסקי ווי אן אײנהײַטלעכן מוזיק־געביט אלס קעגנזאץ צום „רוסישן גײַסט"). ער שרײַבט: „אויב אין דער אינדוסטריע, טעכניק און ע"דארבעט קאָנען מיר זיך ניט באגײן אָן „גוטע שכײנים", איז וואָס שײַעך פאָלקס־קונסט (?) און ספּעציעל מוזיק האָבן מיר די פולע מעגלעכקײט זיך צו באזירן אף דעם ליכטיקן און אײגנארטיקן פאָלקס־באָדן, קעדײ דורכצופירן א נײַעם זעלבשטענדיקן וועג". (А. Кастальский. Особенности народно-русской муз. системы. Гиз, М.—Птр. 1923 стр. 3—4).

2) אָפט טאקע גאָר ווייניק געלונגען. אָבער ניט דאָ איז דאָס אָרט אויספירלעך אָפּצושאצן אין טאָג די קאָמפּאָזיטאָרישע ארבעט פון דיזאָזיקע מוזיקער.



אז די לידער פונעם שנײַדער־און שוסטער־יונג, די אינטאָנאציעס און ריטמען פון קלײנשטעטלדיקן ארבעטסמאן שאָקירן דעם ייִדישן גביר און באלעבאָס, טויגן ניט פאר דעם פעטערבורגער (און אנדערן) ייִדישן בירגערלעכן סאלאָן און דעמאָלט טאקע הייבט זיך אָן דאָס איבערשאצן דעם מוזיק־פאָלקלאָר, דאָס אָפּוועגן, ווי ווײַט און אין וויפל ער איז „אָריגינעל־ייִדיש". דער קאָמפּאָזיטער ל. סאמינסקי „אנטדעקט" פלוצים אינעם ייִדישן מוזיק־פאָלקלאָר האשפּאָעס פון אנדערע פעלקער און באטראכט די מוזיק פונעם „פאָלקסליד" ווי א נישטיקן „גאָלעס־פּראָדוקט" [1]. די „רײנע און פרײַע", דער „פאָלקס־גײַסט און אנדערע נעשאָמע־באוועגונגען" האָבן שוין פלוצים איצט ניט מער געקאָנט רעאבילטירן דעם מוזיק־פאָלקלאָר אין די אויגן פונעם נאציאָנאלן קאָמפּאָזיטער: ניט דאָס ליד פונעם אונטערגעסל האָט מען שוין איצט אײַנזינגען געהאט. „די אויפגאבע פון דער נײַער, ווידער־אויפגעלעבטער ייִדישער מוזיק איז: צוריקקערן זיך צו אונדזערע רײנע אורקוואלן, צו דעם אוראלטן דערהויבענעם גוסט (בגוד) [2] און צו דעם געבוי פון דעם אורשפּרינגלעכן ייִדישן־רעליגיעזן גוס"כ". אזוי ווערט דאָס שוין איצט פאָרמולירט דורך ל. סאמינסקין [3]. אין דער קאָמפּאָזיטאָרישער פּראקטיק הייבן אָן דורכצופירן דעמדאָזיקן רעצעפּט קימאט אלע דעמאָלטיקע ייִדישע קאָמפּאָזיטערן [4].

פאר סאמינסקין ווערט שוין ווייניק צו שאפן פונעם „אורשפּרינגלעכן ייִדישן רעליגיעזן מעלאָס" בלויז א ייִדישע נאציאָנאַלע מוזיק; דאָס ייִדישע פאָלק איז עקסטעריטאָריאל און קאָן באווירקן אלע פעלקער מיט זײַן געהויבענער מיסיע אויך אפן מוזיקאלישן געביט. דאָס באפליגלט סאמינסקין און ער פארמעסט זיך שוין אָפּפרעגן און אפּשײַ איבערבויען דורך דעם ייִדישן מעלאָס פון די „אלטע דערהויבענע צײַטן" אויך די מוזיקאלישע קולטור פון אלע אײראָפּעישע פעלקער, וואָרעם: „פון אלע אײראָפּעישע פעלקער, וואָס זײַנען כיכטיקע און מעכטיקע טרעגער פון דער מוזיקאלישער קולטור, האָבן נאָר די ייִדן, דאָס פאָלק מיט א שארף קאָנצענטרירטער מוזיקאלישער ענערגיע, אײַנגעהיט א שטאַרקע און, לויט אירע מעגלעכקײַטן, רײַכע פארבינדונג מיט די וואָרצלען פון דער (אלטער—מ. ב.) קריסטלעכער מוזיק (!). אָט דער צוריקקער צו די אוראלטע קוואלן וועט אָפּבײַען אפּשײַ דעם טאָנאלן הער־ריזאָנט (?) און געהער פון די אײראָפּעישע פעלקער און וועט געבן א נײַעם, ניט געוועזענעם, וואונדערלעכן אויפבלי פון דער קונסט... עס קאָן זײַן, אז

1) אײך יולי ענגעל האָט געהאט אָנגעוויזן אף ווירקונגען פון אנדערע פעלקער אף דער ייִדישער פאָלקלאָר־קונסט, אָבער ווי אף א נאטירלעכער געזעצמעסיקער דערשײַנונג, וואָס איז צו באמערקן אין יעדער פאָלקלאָר־קונסט ביכלאל און אין יערן מוזיק־פאָלקלאָר בעפראט.

2) מיר ווײסן דערווײַל ניט קײן בעסערן טערמין פארן באגריף Modus, Лад ווי דאָס וואָרט „נוסח", וואָס כאזאנים פלעגן באנוצן אין דעמויעלבן באטײַט.

3) זע: Л. Саминский. Евр. начало в муз. искусстве „Евр. неделя", 1917, 14-15, стр. 80.

4) מ. מילנער—„אין חדר", „ונתנה תוקף"; ל. צייטלין—„אלי ציון" (טשעלאָ מיט פּיאנאָ); ש. ראָזאָווסקי,—„פּאב אסטישער כאנצ" (טריאָ) א. א. שטײנבערג—מ. מילנער אין זײַן אָפּערע „הימלען פלאקערן"; אכראָן—„ראָמאנסן; אל. קרײן—„גאזעלן", כאָנאטע פאר פאָרטע־פּיאנאָ א.א.; אל. וועפּריק — 2־טע סאָנאטע א. א.

די מיסיע פֿון דער נײַער ייִדישער מוזיק איז אויפֿשטעלן אָט דעם אוראַלטן קוואַל. דאַן, ווײַזט זיך, די אייראָפּעיִשע מוזיקאַלישע קולטור' אויך אומקערן צו די טיפֿפּעסדיקע קוואַלן פֿון דער מוזיק, וואָס איר פֿונדאַמענט געפֿינט זיך אין די אוראַלטע גוסטן, אין די הימנען פֿון די ערשטע יאָרהונדערטער פֿון קריסטנטום, וועלכע האָבן א באַשטימטע פֿאַרבינדונג מיט די ביבלישע מעלאָדיעס, מיט די ייִדישע נעקאָדיעס פֿון דער הייליקער שריפֿט... די אויפֿגאַבן פֿון זאַנגער קונסט באַקומען אַן אַלוועלטלעכן פֿאַרנעם: אויפֿשטעלן און פֿאַרייניקן די מוזיקאַלישע קירכעס" [1].

סאַמינסקיס פֿאַרנעם איז, ווי מיר זעען, ענלעך צו די אַמביציעס פֿון א ייִדישן פֿינאַנץ־קאַפּיטאַליסט מיט היפּשע „מוזיקאַליש־אימפּעריאַליסטישע" טענדענצן. דאָס האָט אָבער נאָר געקענט האָבן א שײַכעס צום געהויבענעם רעליגיעזן מעלאָס און ניט צום דעמאָלטיקן ייִדישן פֿאָלקלאָר־ליד פֿונעם „שנײַדער" און שוסטער־יונג. דאָסדאָזיקע פֿאָלקלאָר־ליד האָט, נאַטירלעך, ניט געקענט קאָטירט ווערן אפּ דער אַלוועלט־בירזשע מיט אזא דערפֿאָלג, ווי דער אוראַלטער ייִדישער מעלאָס. ביפֿראַט, אז דאָס פֿאָלקלאָר־ליד באַשטייט אינגאַנצן, ווי סאַמינסקי וויל דאַפֿקע האָבן, „פֿון פֿרעמדע אַנטלײַכונגען, וואָס זײַנען איבערגענומענע געוואָרן פֿון דער אָריענטאַלישער מוזיק, פּוילישע פֿאָלקס־טענץ א. ד. גל." [2].

און דאָ איז, אגבֿ, קעדיי פֿעסטצושטעלן, אז סאַמינסקי האָט פֿאַקטיש אַנאַליזירט גאָר א קליינע צאָל פֿאָלקלאָר־לידער, אַלע זײַנע געהויבענע „וויסנשאַפֿטלעכע" אויספֿירן בויט ער אפּ א מין קעמער־אַנאַליז פֿון א צענדליק פֿאָלקלאָר־לידער. מיט אַלגעמיינע פֿראַזעס כאַראַקטעריזירט ער, צ. ב., די פֿריילעכס פֿון פּאָדאָליע און קאָנסטאַטירט דאָרט פּלוצים, אָן קאָנקרעטע באַווײַזן, עלעמענטן פֿון דײַטשן טאַנץ אין באַכס און הענדעלס עפּאָכע. פּונקט אזוי. און אַלס רעזולטאַט פֿון דיזעלבע „וויסנשאַפֿטלעכע פֿאַרגלײַך־מעטאָדן" דערפֿילט ער צײַטנווײַז אין די ליטווישע „רעדלעך" די ווירקונג פֿון פּוילישע פֿאָלקס־טענץ. דידאָזיקע „פֿאַרגלײַך־מעטאָדן" גיבן סאַמינסקין דאָס רעכט אַרויסצוטראָגן קאַטעגאָרישע באַשלוסן וועגן אייגנאַרטיקייט, אָריגינאַליטעט א.אז.וו. פֿונעם ייִדישן מוזיק־פֿאָלקלאָר. יולי ענגעל האָט עטלעכע מאָל געפֿאָדערט פֿון סאַמינסקין ער זאָל קאָנקרעט אָנווײַזן, אין וואָס עס באַשטייען די פֿרעמדע עלעמענטן, ער זאָל אָנווײַזן די פּוילישע א. א. מוזיק־פֿאָלקלאָרישע שטיק, וווּ ער האָט געטראָפֿן דיזעלבע עלעמענטן, ווי אין ייִדישן מוזיק־פֿאָלקלאָר. סאַמינסקי האָט דאָס אָבער קיינמאָל ניט געטון. יולי ענגעל האָט פֿאַרלאַנגט אין זײַן דיסקוסיע מיט סאַמינסקין, ער זאָל אָנרופֿן אזא פֿאָלק, וואָס האָט ניט אין זײַן „פֿאָלקס־קונסט" קיין „פֿרעמדע" ווירקונגען. סאַמינסקי האָט דאָס ניט געטון און ניט געקענט טון, ווײַל אזא „פֿאָלקס־קונסט" איז ניט פֿאַראַן. סאַמינסקי אַליין ווײַזט אָן (אין אַן אַנדער

1) סאַמינסקי. Ibid. זב. 80.

2) 27 זב. נ. 15, 1915, „Рассвет" „Художеств. итог последних работ О. Е. Н. М.
אַזאַ באַל, כאָטש אָפֿט ווידערשפּרעכנדיק, כאַזערט סאַמינסקי דאָס איבער אין אַלערליי אַרטיקלען, נאָטיצן א. א. וו. זע אויך וועגן דעם די דיסקוסיע צווישן סאַמינסקין און ענגעלן: „Рассвет" 1915, №№ 7, 9; „Евр. неделя", 1916 №№ 4, 11, 12, 16, 17, 22.



אַרבעט זינגער), אז דידאָזיקע „פֿרעמדע" עלעמענטן אינעם ייִדישן מוזיק־פֿאָלקלאָר זײַנען שפּעטערדיקע איבערגעטראָגענע און איבערגעבויטע לויט דעם ייִדישן מעלאָדישן געשמאַק" [1]. ווער־זשע וועט גלויבן סאַמינסקין, אז צוריק מיט צוויי־דרײַ טויזנט יאָר האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק ניט „שפּעטערדיק איבערגעטראָגענע" פֿרעמדע עלעמענטן פֿון זײַנע דעמאָלטיקע שכנים, נאָר דאַפֿקע געשאַפֿן ריינע „אורשפּרינגלעכע" נאַציאָנאַלע קונסט, וואָס סאַמינסקי וויל זי צוריק אויפֿשטעלן?

נאָר לאָמיר אפּ א רגע דערלאָזן, אז די ייִדישע מוזיק פֿון „יענע גליקלעכע צײַטן" איז געווען אויסשליסלעך ייִדיש, כעמיש־ריינע נאַציאָנאַלע קונסט אָן די מינדסטע פּסולעס און זי וואָלט געפֿירט געטריי דעם ייִדישן קאָמפּאָזיטאָר פֿאַר זײַנע שעפֿערישע נאַציאָנאַל־ייִדישע סימפֿאָניעס, אָפּערעס א. ד. גל. פֿרעגט זיך אָבער, וויאַזוי איז דערגאַנגען צו אונדז אָט דידאָזיקע כעמיש־ריינע נאַציאָנאַלע מוזיק. מיט וואָסערע מיטלען איז זי אײַנגעהיט געוואָרן ביז אונדזער צײַט און איז אָנגעקומען צום נאַציאָנאַלן קאָמפּאָזיטאָר? ווי באַוווּסט, זײַנען דאָך דידאָזיקע לעגענדאַרע געהויבענע אַלטע מוזיק־ווערק ניט פֿיקסירט געוואָרן מיט אַזעלכע צייכנס, וואָס וואָלטן זיי געקענט אײַנהיטן ביז איצט. הייסט עס, אז מע מוז זיי בלויז זוכן, לויט סאַמינסקין, אין דער מוזיקאַלישער טראַדיציע, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן פֿון מויל צו מויל, זי האָט זיך בלויז געקענט אײַנהיטן אין „פֿאָלקס־זיקאָרן" אַלס מינדלעכע מוזיק־טראַדיציע [2].

רעכענען, אז אין דער רעליגיעזער מוזיק האָבן די ייִדן אײַנגעהיט די מעלאָדיעס (אָדער אַפֿילו א טייל מעלאָדיעס) פֿון אַלטע צײַטן אָן שום ענדערונגען, איז, לעמאָשל, אז די רעליגיעזע ייִדן קאַנטילירן באַ היינטיקער צײַט די ביבל מיט דיזעלבע אינטאָנאַציעס, ווי אין די צײַטן פֿון עזרא הסופֿר איז לכאָלאַפּחות לאַכערלעך. א מוזיק־וויסנשאַפֿטלער, וואָס האָט די מינדסטע ידיעה וועגן דעם ווי ניט־שטאַנדהאַפֿטיק עס זײַנען די מוזיקאַלישע שטיק אין דער אויספֿירונג פֿונעם פֿאָלקלאָר־זינגער, יעדער, וואָס ווייסט כאָטש עפּעס וועגן דעם, ווי פֿרײַ און ניט געבונדן דער פֿאָלקלאָר־זינגער איז אין זײַנע שטענדיקע וואַריאַנטן און ענדערונגען, וועלכע ער טראָגט אַלע מאָל אַרײַן אינעם פֿאָלקלאָר־שטיק, וועט ניט אָננעמען אפּ ערנסט, אז א וואָסער־ס׳איז מוזיקאַלישער זשאַנר (מיר דערמאָנען: ניט־פֿיקסירטער!) זאָל זיך אײַנהיטן אין דער אורשפּרינגלעכער פֿאָרם זאָל זײַן אַפֿילו בלויז עטלעכע [illegible] אָדער גאָר יאָרן. ס׳וואַרע ווילדער אומזין באַקומט זיך, אז מע רעדט גאָר פֿון טויזנטער יאָרן! און אַפֿילו ווען מע רעדט וועגן דעם איינציקן „זיכערן" ווינקל אפּ דעם געביט, וועגן די טראָפּן, מוז פֿאָרט פֿאַר יעדערן קלאָר זײַן, אז ווי קאָנסערוואַטיוו דער קאַנטיליר־שטייגער פֿון דער ביבל זאָל ניט זײַן, וויפֿל ער זאָל ניט זײַן אויסגעלײַדיקט פֿון דירעקטער צײַטמעסיקער איסטאָרישקײַט, איז פֿאָרט ניט דער־

1) [illegible] „Евр. музыка, ее прошлое, настоящее и ее перспективы". Изд. О. Е. Н. М. Птр. 1915 стр. 13

2) ווי באַוווּסט, זײַנען די טראָפּן פֿון דער ביבל ניט קיין פּינקטלעכע נאָטנשריפֿט. זיי באַצייכענען ניט קיין באַשטימטע קלאַנגען (און אויך ניט דעם דויער, דעם גראַד באַטאָנונג א. א. וו.), נאָר גאַנצע מוזיקאַלישע מאָטיוון. דאָס זײַנען ביכער מנעמאָנישע איידער פּינקטלעכע פֿיקסיר־צייכנס.

לאָזבאר, אז דער אלגעמיינער שטייגער פונ אינטאָנאציע, וואָס בייט זיכ שטענדיק בא פארשיידענע אומשטאנדנ, האָט ניט געזאָלט אריינטראָגנ באדייטנדיקסטע ענדערונגענ (אונ דאָס ווערט דאָכ שוינ קלאָר אפילע בלויז פונ דער פארשיידיקייט אינ די נוסכאָעס בא יידנ אינ פארשיידענע לענדער) אויכ אינ דעמדאָזיקנ מעלאָס.

ווענ דעמ, אז אינ די טפילעס פלעגנ שטענדיק אריינדרינגענ אפילע וועלטלעכע לידער פונ אנדערע פעלקער האָבנ מיר פיל אָנווייזונגענ. אויכ א גרויסע צאָל שאבעסדיקע אונ אנדערע זמירעס זיינענ געזונגענ געוואָרנ, אָדער גאָר פונ אָנהייב אָנגעשאפנ געוואָרנ, לויט מעלאָדיעס פונ פאָפולערע לידער (בעפירעש וועלטלעכע) אונ זייער אָפט פונ ניט־יידישע, גענומענע בא די אָרטיקע פעלקער.

ס'איז שוינ לאנג באוווסט, אז פונקט אזוי ווי ס'ענדערנ זיכ אלע לעבעדיקע שפראכנ אונטער דער ווירקונג פונ עקאָנאָמישע אונ כאָציאלע, פאָליטישע אונ קולטורעלע באדינגונגענ, פונקט אזוי בלייבט אויכ די מוזיקאלישע שפראכ ניט קיינ אומפארענדערלעכע פונ אייביק אָנ. דאָס איז דאָכ א פאָשעטער אלעפביינ. ל. סאמינסקינ האָט ניט געלערנט זעענ דעמדאָזיקנ עלעמענטארנ געזעצ נאָר דערפאר, ווייל ער האָט געקוקט אפ דעראָזיקער פראגע דורכ בורזשואזי־ציאָניסטישע ברילנ. זייער גרינג מאכט ער צונישט דעמ גאנצנ גאָלעס־פעריאָד אונ מאכט א קונציקנ שפרונג גלייכ פונ עזרא האסופער ביז צו דער „נייער ווידער־אופגעלעבטער" יידישער מוזיק פאר דעמ יידישנ גווירישנ סאלאָנ. אונ פאר דעמ סאלאָנ פונעמ יידישנ גוויר איז עזרא האסופער געוויס א שענערער ייכעס אידער דער שטעטלדיקער יידישער געזעל, וואָס רופט ארויס ניט קיינ איינגענומענע אסאָציאציעס אונ שאָקירט דעמ באלעבאָס. אינגאנצנ אָפגערעדט פונעמ יידישנ ארבעטערס ליד, פונעמ ארבעטע", וואָס האָט זיכ שוינ צו יענער צייט גאנצ גוט פא־עקאָמענדירט דער יידישער בורזשואזיע. אויב אזוי איז שוינ ניט גאָר וויכטיק, צי האָבנ זיכ די אינטאָנאציעס פונ עזרא האסופער טאקע פינקטלעכ אָדער כאָטש אנערעכ, אָדער עפשער ביכלאל ניט איינגעהיט אונ ס'איז פאָשעט אינגאנצנ אויסגעטראכט — אבי זיי האָבנ א שיינעמ ייכעס־בריוו. דאָ מאכט שוינ וויניק אויס, וואָס זיי גופע עקזיסטירנ ניט אונ האָבנ אלס אזעלכע גאָר קיינמאָל ניט עקזיסטירט.

דייטלעכערע ווערטער הערנ מיר וועגנ דעמ איניענ בא לעאָניד סאבאנייעוו. ער באגרינדעט זיינ קעגנערשאפט צומ יידישנ מוזיק־פאָלקלאָר אפ אזא אויפנ: „די יידישע נאציאָנאלע פאָלקס־מעלאָדיק טרעפנ מיר ניט אינ דער פאָרמ פונ א ריינעמ פראָדוקט, נאָר ווי א מינ ארצ. דער פאָרשער אונ פארשטאנדיקער יידישער מוזיקער דארפ קענענ ארויסגעפינענ אינ אָט דעמ ארצ דעמ עמעסנ גאָלד פונעמ נאציאָנאלנ גרונט־גייסט, אינ זייער שפראכ האָבנ זיכ די יידנ אינ פארלויפ פונ דער וועלט־געשיכטע אָפגענויגט פונ די אוראלטע אָריגינאל־טיפנ אונ האָבנ געשאפנ א האלב דייטשישנ „זשארגאָנ", וואָס איז דורכגעדרונגענ מיט אייראָפעישע ווירקונגענ. דאָסזעלבע באמערקנ מיר אויכ אינ דער מוזיק אפילע פונ רעליגיעזנ כאראקטער, — וואָס איז פארוואנדלט געוואָרנ אינעמ סאכאקל פונ די אלע ווירקונגענ אינ עפעס א מוזיקאליש־יידישנ זשארגאָנ, אינ וועלכנ די נאטירלעכע (?) שטריכנ פונ דער נא־



ציע אונ איר כאראקטעריסטישער עמאָציאָנאלישקייט זיינענ פארשטעלט מיט פרעמדע אָנשיכטונגענ" [1].

כאָטש דאָ באטראכט סאבאנייעוו זויב די רעליגיעזע מוזיק ווי א טייל פונ דעמ „מוזיקאליש־יידישנ זשארגאָנ", דאָכ שטערט אימ דאָס ניט אינ אנ אנדער אָרט פונ דעמזעלבנ בוכ זי אינגאנצנ ריינצוואשנ, ווייל פונ איר, ד. ה. פונ דער „רעליגיעזער טעמפל־מוזיק" דארפ געשאפנ ווערנ די נייע יידישע נאציאָנאלע מוזיק. ער שרייבט: „די באזונדערס קולטורעלע פאָרשטייער פונ דער יידישער מוזיק, יענע יידישע מוזיקער, וואָס פארמאָגנ א באזונדערס איידעלנ אונ אנטוויקלטנ געשמאק, האָבנ אינגיכנ איינגעזעענ, אז דאָס יידישע שטייגער־ליד מיט זיינע אָנשיכטונגענ פונ ארישנ (!) אונ איראנישנ (!) טיפ, מיט זיינע דייטלעכ אייראָפעיזירטנ סטיל שטייט פונקט אינ אזא פארהעלטעניש צו דער דערהויבענער... טעמפל־מעלאָדיע אונ צו דער נייער יידישער קונסט, וואָס וועט פונ איר (פונ דער טעמפל־מעלאָדיע! — מ. ב.) אויסוואקסנ... ווי דער „זשארגאָנ", וואָס איז באשאפנ געוואָרנ אפנ גאליציאניש־דייטשישנ (!) באָדנ צו דעמ מאָנומענטאלנ אונ מאכטיקנ העברעיש" [2].

קעדיי צו מאכנ דיזאָזיקע אויספירנ, דארפ שוינ סאבאנייעוו ניט האָבנ קיינ מוזיקאלישנ אָדער אנדערנ אנאליז. דאָס האָט פאר אימ גלענצנדיק אָפגעטונ סאמינסקי — אונ פאר סאבאנייעווג בלייבט בלויז איבער צו קאָנסטאטירנ פעסטגעשטעלטע „אקסיאָמעס". ניט ווילנדיק האָבנ סאמינסקי אונ סאבאנייעוו, אָט די געטרייע קונסט־אידעאָלאָגנ פונ דעמ יידישנ קליינבירגערטומ, דערוויזנ גאָר אנדערע זאכנ אונ גראָד ניט דאָס, וואָס זיי האָבנ געוואָלט. זיי האָבנ דערוויזנ, אז דער צוגאנג זייערער צומ מוזיק־פאָלקלאָר אונ אויכ צו דער רעליגיעזער מוזיק איז געווענ ווייט ניט קיינ „אָביעקטיווער", ווייט ניט קיינ „ריינ וויסנשאפטלעכ־טעאָרעטישער", ווי ס'האָבנ ליב אונטערצושטרייכנ די בורזשואזע געלערנטע, נאָר בעפירעש א טענדענציעז־„געזעלשאפטלעכער": זיי האָבנ געפרוווט אָפקלייבנ פונ דעמ מוזיקאלישנ פאָלקלאָר־פארמעג גראָד דאָס, וואָס האָט געפאסט, וואָס איז געווענ נייטיק פאר דעמ קלאס, וועלכנ זיי האָבנ געדארפט באדינענ סיי מיט דער מוזיקאלישער פראקטיק, סיי מיט פראָגראמאטישער קונסט־אידעאָלאָגיע: — פארנ יידישנ קליינבירגערטומ.

1) זע: Леонид Сабанеев. Евр. национальная школа в музыке. Изд. О-ва евр. муз. Москва 1924.

ה"ג: דעמדאָזיקנ רעאקציאָנערנ בוכ וואָלט קעדיי געווענ אביסל אויספירלעכער צו ריידנ. מיר האָבנ דאָ די ערגסטע רעסטאווראציע פונ די בורזשואזי־ציאָניסטישע אינ רעאקציאָנער־שאָוויניסטישע אָנשויונגענ אונ פרעטענזיעס (כאָטש סאבאנייעוו איז ניט קיינ ייד, שטייט הינטער זיינ פלייצעס די מאָסקווער „געזעל. פאר יידישער מוזיק" געגרינדערט 1923 !). די שעדלעכקייט פונ דעמדאָזיקנ בוכ ווערט פארשטארקט דערמיט, וואָס 1) ל. סאבאנייעווס קוואזי־אויטאָריטעט קענ אינ א געוויסער מאָס פארפירנ; 2) דאָס בוכ איז דערשינענ אינ מאָסקווע 1924 (!). דאָס באווייזט, אז אידעאָלאָגיש האָבנ זיכ נאָכ ניט אלע פאָרשער פונ דער יידישער מוזיק אָפגעזאָגט פונ די אלטע „סאמינסקי"־טענדענצנ אונ פראקטיש באנוצט זיכ נאָכ א גאנצ באדייטנדיקע גרופע יידיש־סאָוועטישע קאָמפאָזיטערנ (מ. גנעסינ, אל. קריינ אונ אינ א גרויסער מאָס אויכ דער יונגער אל. וועפריק א. א.) מיט די אלטע נאציאָנאליסטישע „שאפונגס"־מעטאָדנ. די „געז. פאר יידישער מוזיק" האָט זיכ נאָכ ביז היינטיקנ טאָג ניט אָפגעגרענעצט פונ סאבאנייעווס שטאנדפינקט.

2) דאָרט ז. 18.

וואָרן בא די מיזרעכ־יידן[1]. בא די איירָאָפּעישע יידן האָט די „ריינקייט“ פון דער יידישער מוזיק זייער געליטן. „די אסימיליאציע־באוועגונג אין דייטשלאַנד האָט צעשטערט די יידישע מוזיק פונקט אזויווי זי האָט צעשטערט די יידישע קולטור (ד. ה. די טאנאכ־ און טאלמוד־קולטור — מ. ב.) ביכלאל. אויכ דער כאסידיזם אין פוילן און אין דאָרעם־מייִרעוו־רוסלאנד האָט כאָרעוו געמאכט די טראדיציאָנעלע אלטע „יידישע מוזיק“[2]. און דאָכ באווייזט אידלזאָן די קונצ ארויסצוגעפינען דורכ א וויסנשאפט־לעכ ביז גאָר „פינקטלעכן“ פארגלייַכ פון דער מוזיק בא איירָאָפּעישע יידן און מיזרעכדיקע יידן, אז פונדעסטוועגן לעבט דאָס „נאציאָנאלע“, דאָס אייביקע אין א געוויסער מאָס אויכ נאָכ אין דער מוזיק פון די איירָאָפּעישע יידן.—(אָבער, אפּאָנעם, כוץ די פוילישע, אוקראינישע און רומענישע יידן. וואָרעם די „אוראלטע“ מוזיק־שפּורן פון די לעצטע שטערן אים, ווייַזט אויס, צוליב זייַנע אויספירן, און ער דערמאָנט זיי ניט מער).

לויט האָסערע שוטפעסדיקע סימאָנים באטראכט אידלזאָן דידאָזיקע נאציאָנאל־יידישע געהויבענע העכסטע טאנאכישע מוזיק? פאר דער מוזיק פון די מיזרעכ־פעלקער[3] און פון די סעמיטן ביכלאל (יידן, אראבער א. אז וו.) שטעלט אידלזאָן איַין פיר כאראַקטעריסטישע סימאָנים: 1) א באגרענעצטע צאָל קלאנגען אין די ראמען פון א קווינטע ביז אן אָקטאווע. די אינטערוואלן ווערן אָפט צעטיילט אף קלענערע טיילן איידער אין דער איירָאָפּעישער מוזיק: אף פערטל טענער. 2) טרע־מאָלאָ־ארטיקער בעזאנג. אין דער מיזרעכ־מוזיק (און אין דער יידישער) ווערט ניט באנוצט קיין אײנפאכער, קיין „גלייכער“ קלאנג, נאָר א מין ציטערנדיקער קלאנג, וואָס איז ענלעכ צו א טרעמאָלאָ. 3) „פאָלקסטימלעכקייט“. אין דער איירָאָפּעישער מוזיק זייַנען פאראן עקסטרעמען: פאָלקלאָר־שאפונג, איינפאכע פרימיטיווע קונסט־און אינדיווידועלע, הויכ קוואליפיצירטע קונסט. אין דער מיזרעכ־מוזיק זייַנען ניט פאראן קיין עקסטרעמען. די „פאָלקסטימלעכקייט“ איז די העכסטע און די אייביקע מאדרייגע, צו וועלכער די מענטשהייט קען דערגרייכן. און 4) די איבערהערשאפט פונעם מאָטיוו (מוזיקאלישן — מ. ב.) און זייַן אייביקייט. „דער יידישער זינגער אין אמאָליקע צייטן, אָדער דער מוזיקאליש־שעפערישער פאָלקס־גייַסט פלעג שאפן איין אָדער צוויי מאָטיוון אף ארויסצודריקן א געפיל און מיט דעם האָט ער זיכ אין יעדן פאל באנוגנט... ס׳ווייַזט זיכ ארויס, אז די גאנצע קראפט פון דער יידישער מוזיק באשטייט אין דער געפערטקייט פון דער פאָרם און ניט אין איר עקס־טענסיווקייט... און דערפאר טאקע, וואָס אינעם מאָטיוו איז געגעבן געוואָרן די גאנצע קראפט, איז ער געבליבן אף אייביק, אן אייביקע שאפונג“[4].

1) מיר דערמאָנען, אז מיזרעכ־יידן הייסט בא אים כאזאָנים פון פארשיידענע מיזרעכ־לענדער.

2) דאָרט ז. 98. אידלזאָן קלאָגט זיכ, אז די אסימיליאציע האָט רעפירט דערצו, „אז אין מיטן פונעם סאָריקן (19־טן) יאָרהונדערט האָבן די כאזאָנים (גוטע!) אָנגעהויבן צו פארגעסן די טראדיציאָנעלע מוזיק. די אמעראצעס איז געוואָרן אזוי גרויס, אז די יונגע כאזאָנים האָבן ניט געוווסט, אין פולן זינ פון וואָרט, דעם נוסעכ פון דער טפילע אָדער די קאָנטיליאציע פון ביבל“ (דאָרט ז. 11).

3) מיט „מיזרעכ“ באצייכנט אידלזאָן בלויז דעם נאָענטן מיזרעכ, „מהודו ועד כוש“.

4) דאָרט ז. 3—5. דאָסועלבע אויכ אין ז. 21—20, „Gesänge der babylonischen Juden“.



אָט די פיר כאראקטעריסטישע סימאָנים פון דער „מיזרעכ־מוזיק“ (און פון דער „יידישער מוזיק“) האָבן זיכ גענומען ניט מער און ניט ווייניקער, ווי — פון די „נאטור־באדינגונגען און פון דעם קלימאט“. די ריינע און די אויס־דעלע מיזרעכ־לופט, פארמאָגט, זעט איר, אזעלכע אייגנשאפטן, אז — זי אנטוויקלט אמבעסטן דעם געהער און דערפאר טאקע קאָנען די מיזרעכ־אייַנוווינער הערן און זינגען פערטל טענער (!). די זייער לויטערע מיזרעכ־לופט און די בארגיקייט פון דעם גרעסטן טייל לאנד (פון וועלכן לאנד? און די אראבישע סטעפּעס, למאָשל, זייַנען אויכ בארגיק?) האָט אויסגעבילדעט דעם טרעמאָלאָ־ארטיקן געזאנג. אָבער נאָכ וואונדערלעכער איז, וואָס דער גלייַכמעסיקער קלימאט פון מיזרעכ האָט אויס־געבילדעט די „פאָלקסטימלעכקייט“ פון דער מיזרעכ־מוזיק. פונקט אזויווי דער מיז־רעכ־קלימאט ווייסט ניט פון קיין קאָנטראסטן, פונקט אזוי פארמאָגט נישט די מיז־רעכ־מוזיק קיין קעגנזעצלעכקייט צווישן „פאָלקס־קונסט“ און „אינדיווידועלער“ קונסט, געשאפענער דורכ אינדיווידועלע קאָמפּאָזיטערן[1]. דידאָזיקע דערקלערונגען זייַנען פּאָשעט גענִיאל! אידלזאָן לאָזט זיכ ניט פארפירן פון דידאָזיקע מענטשן, וואָס רעדן „איבערפלעכלעכע רייד“ און זאָגן, אז די מוזיק פון איין פאָלק שיידט זיכ אָפּ פון דער מוזיק פון אן אנדער פאָלק מיט איר „גייַסט“ („תולדות הנגינה“ ז. 241). ער וויל עכט וויסנשאפטלעכ, מישטיינס־געזאָגט, מאטעריאליזירן דעם „גייַסט“ און אָנטאפּן די עמעסע פאקטאָרן, וואָס ווירקן אף דער אויסבילדונג פון דער „נאציאָנאלער מוזיק“. און סע באקומט זיכ — א פראָפעסאָריש־כאזאָנישער „מאטעריא־ליזם“.

לאָמיר באטראכטן די אָנגעוויזענע פיר כאראקטעריסטישע סימאָנים גופע.

דער פערטער סימען, די איבערהערשאפט פונעם מאָטיוו, אין וועלכער עס דריקט זיכ אויס, לויט אידלזאָנען, דער אייגנארטיקער וועלט־באנעם פון די מיזרעכ־פעלקער און באזונדערס פון די יידן — איז פונקט אזוי כאראקטעריסטיש פאר דעם רוסישן, אוקראינישן, פוילישן, דייַטשישן א. א. וו. מוזיק־פאָלקלאָר, ווי פאר דעם יידישן נוסטאָס צו נעמען אוואָסער ס׳איז געבעט, זשאנר א. א. וו. פונעם מוזיק־פאָלקלאָר (און אויכ פון דער ניט פאָלקלאָרישער רעליגיעזער מוזיק) און ארויסצוגעפינען דאָרט די כאראקטעריסטישע מאָטיוון, וואָס האָבן זיכ אין משעכ פון א גאנץ לאנגן טעריאָד געזאנג־פראקטיק אויסקריסטאליזירט און אָפּגעזעצט, שטעלט אידלזאָן פאר דעם גאנצן פראָצעס קאפויר. ער באטאָנט, אז ליכאטכילע האָט „דער יידישער זינגער געשאפן איין אָדער צוויי מאָטיוון אף ארויסצודריקן דעם געפיל“, און פון דידאָזיקע מאָטיוון האָט ער, דער זינגער, קאָמבינירט און געשאפן די „יידישע מוזיק“. עס ווערט אזא אויסגעטרעכנטער, באוווסטזיניקער שאפונג־פּראָצעס, וואָס קאָן זייַן בלויז באם אינדיווידועלן קינסטלער, דעם טעאָרעטיש־באוווסטזיניקן מייַס־

1) אף דער איבערהערשאפט פונעם מאָטיוו האָט דער קלימאט, ווייַזט אויס, לויט אידלזאָנען שוין קיין שליטע ניט. דאָס, זעט איר, געמט זיכ פון גאָר א הויכער מאטעריע: פון דער „גייַסטיקער אייגנשאפט פונעם יידן צו באטראכטן די נאטור און די שאפונג דורכ דער אידייע פון איינקייט און אייניקונג“ (דאָרט ז. 5). פון דעם געמט זיכ אויכ די אויסבאדינגטע איינשטימיקייט פון דער „יידישער מוזיק“—באָקוש אף ז. 241 האַלט ער דאָסקע ניט פון „גייַסטיקע“ דערקלערונגען.

טור, מוזיק, מאָלעריַ א. א. וו. בא די העכשנדיקע קלאַסן. אָבער פּונקט אזוי ווי מיר קאָנען ניט זאָגן, אז „די ליטעראַטור“ איז דער איינהייטלעכער אויסדרוק און אָרגאַניזיר־מיטל פון אלע שריפטקענעוודיקע סטאַם, אָן אונטערשייד פון קלאַסן, שיכטן, גרופּעס א. אז. וו., פּונקט אזוי קאָנען מיר ניט רעכענען די פּאָלקלאָר־קינסט פאַר א איינהייטלעכן אויסדרוק־מיטל פון די „נידעריקע קלאַסן“ סטאַם אָן יעדער דיפערענציאַציע.

צום באַדויערן מוזן מיר פעסטשטעלן, אז די מאַרקסיסטישע אויספאָרשונג פון מוזיק בכלל און פון מוזיק־פּאָלקלאָר בפרט האַלט ערשט באַם סאַמע אָנהייב אירן. דאָס רובֿ בין־איצטיקע אויספאָרשונגען האָבן באַהאַנדלט די נאַציאָנאַלע, עסטעטישע און פאָרמאַלע מאָמענטן סיַי פון מוזיק בכלל און סיַי פון מוזיק־פּאָלקלאָר בפרט. דאָס גיט אָבער זייער ווייניק פאַרן דערלערנען דעם סאָציאַלן מעהוס, די סאָציאַלע פונקציע פון מוזיק־פּאָלקלאָר און זיַין שטייגער: בא דער אַרבעט, בא טימכעס, פאַרוויַילונגען, בא פיַיערלעכע סיטואַציעס, בא קאַמפּערישע אַרויסטרעטונגען א. אז. וו. דאָס רובֿ פּאָלקלאָריסטן פון די פאַרשיידנסטע פעלקער האָבן דערקער גענומען אין אכט נאָר די פּאָלקלאָר־קונסט פונעם פויערטום און זייער ווייניק, ווייניקער, אכוץ זעלטענע פאַלן, קימאַט גאָרניט געזאַמלט און גענומען אין באַטראַכט די פּאָלקלאָר־קונסט פון אַנדערע שיכטן (קליינבירגערטום, געזעלן, באַלמעלאָכעס און אַרבעטער). דער באַגריף „פּאָלקס־קונסט“ פאַלט צונויף בא אַסאַך זאַמלער קימאַט אינגאַנצן מיטן באַגריף פויערשע קונסט, כאָטש דער קליינער „טעטשטאַנינ“, דער פּראָווינציעל־שטאָטישער אָדער שטעטלשער קליינבירגער און צום טייל אַמאָל אפילע אויך די אַרבעטער פון איבערגאַנג־עפּאָכעס [1]) געהערן אין אַסאַך ציַיטן און ערטער אויך צו די שאַפער און „געברויכער“ פון פּאָלקלאָר. אָבער אַפילע וואָס שיַיך דעם פויערשן פּאָלקלאָר וואָלט ער אויך געדאַרפט דיפערענצירט ווערן לויט גאָר אַנדערע מעטאָדן ווי דאָס איז ביז איצט געטון געוואָרן. וואָרעם אפילע די נאַציאָנאַלע ספּעציפישקיַיט, לויט וועלכער די פאַרשיידענע „פּאָלקלאָרן“ זיַינען ביז איצט דיפערענצירט געוואָרן, זיַינען ניט קיין לעצטע כאַראַקטעריסטיק. די־דאָזיקע ספּעציפישע פאַרשיידנקיַיטן נעמען זיך דאָך דערפון, וואָס די סטילן, זשאַנרען און אויסדרוק־מיטלען אַנטשפּרעכן פאַרשיידענע פּראָדוציר־קויכעס און געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען און דאָס באַדינגט די פאַרשיידנקיַיט סיַי פון דער פסיכאָ־אידעאָלאָגיע בא די פאַרשיידענע „פויערטומס“ פון פאַרשיידענע ציַיטן אין לענדער און סיַי פון זייער סאָציאַלער אָנגעצילטקיַיט. דעריקער אָבער: דיפערענצירנדיק דאָס פויערטום פון איין און דעמזעלבן פאָלק, באַמערקן מיר גרינג, אז ניט אלע קלאַסן און שיכטן פונעם פויערטום פאַרמאָגן איין און דעמזעלבן וואָרט־ און מוזיק־פּאָלקלאָר.

דער ייִדישער מוזיק־פּאָלקלאָר שטאַמט דעריקער פון אַן אַנדער סאָציאַלער אַטמאָספער, פון גאָר אַנדערע סאָציאַלע שיכטן: פונעם שטעטלדיקן אין שטאָטישן באַלמעלאָכע, געזעל, קליין־הענדלער, פונעם לופט־מענטש, פונעם „לומפּ“—און אין באַשטימטע איבערגאַנג־ציַיטן אויך פונעם פּראָלעטאַריער. עס פאַרשטייט זיך אליין, אז

[1]) זע וועגן דעם: מ. ווינער: „פּאָלקלאָריזם און פּאָלקלאָריסטיק“.



בא די־דאָזיקע קלאַסן און שיכטן האָט דער מוזיק־פּאָלקלאָר געדאַרפט האָבן גאָר אַן אַנדער סאָציאַלן באַטיַיט אין פונקציע, ווי באַם פויערטום. דער מעהוס און די געזעלשאַפטלעכע פונקציע פונעם ייִדישן מוזיק־פּאָלקלאָר זיַינען ניט דער „סוּפּערפּאָפּולערער נאַציאָנאַלער גיַיסט“, ניט דאָס „פּינטעלע ייִד“, וואָס דאַרף באַגיַיען די „ציוויליזירטע מענטשהיַיט“, ווי סאַמינסקי, אידלזאָן און אַנדערע בורזשואַזע מוזיקער פּלוידערן. מיר דאַרפן זוכן און אויספאָרשן אינעם מוזיק־פּאָלקלאָר דעם סאָציאַלן „סאָד“, דעם סאָציאַלן אינהאַלט, וואָס ער האָט אויסגעדריקט, און די פונקציע, וואָס ער האָט אויסגעפירט ביז צו א געוויסער ציַיט און פאַר געוויסע קלאַסן, שיכטן און גרופּעס.

באַם זאַמלען און פאָרשן מוזיק־פּאָלקלאָר קאָנען מיר זיך ניט שטעלן קיין נאַציאָנאַלע, עסטעטישע און פאָרמאַלע קריטעריעס, ווי: אָריגינעלער און „פון דער פרעמד“ איבערגענומענער מוזיק־פּאָלקלאָר, שיינע אָדער ניט שיינע, גוטע אָדער שלעכטע מוזיק־שטיק א.אז.וו. ווי שוואַך און אומבאַהאָלפן עס זאָל ניט זיַין דאָס אָדער יענץ פּאָלקלאָר־שטיק, דער אָדער יענער טייל זיַינס, מוזן מיר זיי פּאָרט אין דער פאָרשונג־אַרבעט נעמען אין אכט, ווײַל אָפט קאָנען גראָד זיי אַנטפּלעקן געוויסע וויכטיקע און אויפקלערנדיקע פּראָצעסן. פון דעם איז אויך קלאָר, אז זוכן, זאַמלען און אויספאָרשן דאַרפן מיר ניט קיין „ייִדישע מוזיק“ סטאַם, נאָר „מוזיק אינעם שטייגער“, אין ערשטער ריי יענעם מוזיק־פּאָלקלאָר, וואָס האָט אויסגעדריקט די אידעאָלאָגיע פונעם ייִדישן אַרבעטנדיקן בא זיַין אַרבעט, זיַין נויט, זיַין קאַמף און זיַין גאַנץ לעבנשטייגער בכלל. און דאַן אויך ערשט דעם מוזיק־פּאָלקלאָר פון אלע איבעריקע קלאַסן און שיכטן. דער־דאָזיקער מוזיק־פּאָלקלאָר איז ניט אלעמאָל „ייִדיש“, ריכטיקער „ייִדישלעך“, ער פאַרמאָגט ניט אלע מאָל דאָס „פּינטעלע ייִד“, וואָס סאַמינסקי, סאַבאַנייעוו, אידלזאָן און אַנדערע האָבן אזוי ענערגיש געזוכט, פּונקט ווי דער אוקראַיִנישער, רוסישער, פּוילישער, דיַיטשישער א. אז. וו. מוזיק־פּאָלקלאָר איז ניט אלעמאָל נאַציאָנאַל־ספּעציפיש, אוקראַיִניש, פּויליש, רוסיש א. אז. וו. דערפאַר אָבער געפינען מיר אין אים זייער אָפט די סאָציאַלע ענערגיע, וואָס אַנטפּלעקט אין אויסדרוקפולע לעבעדיקע דענקמאָלן די געגעבענע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן.

די „פרעמדע“ ווירקונגען זיַינען פאַר אונדז דאָ ניט ווייניקער וויכטיק, ווי די „אייגענע“ עלעמענטן. די פרעמדע ווירקונגען זיַינען ניט קיין „פרעמדער אָנוואַקס“, ניט קיין ספּעציפישע „ייִדישע קרענק“. ניט נאָר דערפאַר האָבן ייִדן איבערגענומען געוויסע מוזיקאַלישע עלעמענטן, ווײַל זיי האָבן „געוואַנדערט“ אין מעשעך פון טויזנטער יאָר איבער פאַרשיידענע לענדער און פעלקער. אויך אינעם אוקראַיִנישן, רוסישן און אַנדערן מוזיק־פּאָלקלאָר געפינען מיר — און אָפט ניט ווייניקער ווי אין ייִדישן — ווירקונגען פון אַנדערע פעלקער סיַי געאָגראַפיש נאָענטע, סיַי אפילע געאָגראַפיש וויַיטערע. די „פרעמדע“ עלעמענטן דרינגען, פאַרשטייט זיך, אַריַין ניט מעכאַניש אַריַין פון איין פאָלק צום צווייטן — זיי ווערן איבערגענומען בא אַנדערע פעלקער און איבערגעפורעמט נאָר דאַן, ווען זיי זיַינען „קלאַנג־אַנטשפּרעכנדיק“, פּאַסיק פאַר געוויסע סאָציאַלע אויסדרוק־באַדערפעניש. איידער אָנצוואַלגערן אומענדלעכע מאַטעריאַלן וועגן די פרעמדע ווירקונגען איז פאַר אונדז אַסאַך וויכטיקער נאָכצוויַיזן

אז זי שטיט אפ א גאָר נידעריקן ניוואָ. פאר וויסנשאפטלעכער פאָרשונג קאָן מען זיך מיט זיי באַנוצן נאָר מיט גרויסער פאָרזיכטיקייט.

.5

פאר דער יידישער מוזיקאַלישער עטנאָגראפיע שטייען איצטער דריי גרונט־אויפגאבעס: 1) זאמל־ארבעט, 2) הילפס־וויסנשאפטלעכע ארבעט, 3) מעטאָדאָלאָגישע ארבעט און פאָרשונגס־ארבעט איבער קאָנקרעטן מאטעריאל.

## זאמל־ארבעט

דער יידישער וואָרט־ און מוזיק־פאָלקלאָר (ווי יעדער פאָלקלאָר בכלל) האלט אין פארשווינדן ווערן. אינעם פעריאָד פון קאמף קעגן די לעצטע רעשטלעך קאפיטאליזם בא אונדז אין לאנד, אינעם פעריאָד פון אינדוסטריאַליזאציע, קאָלעקטיוויזאציע און קולטור־רעוואָליוציע, ווען די ברייטסטע מאסן ווערן ארייַנגעצויגן אין דער גרויסער פאנאנדערגעוויקלטער סאָציאַליסטישער בויונג, ווען עס ווערט אויפגעהויבן דער מאטעריעלער און קולטורעלער ניוואָ פון די ארבעטנדיקע אפילו בא די אָפגעשטאַנענסטע פעלקער פונעם ראטנפארבאנד, ווען דער אלטער שטייגער ווערט איבערגעבויט אפ נייַע סאָציאַליסטישע יעסוידעס, אין דער צייַט, ווען דער פראָלעטאריאט ווערט דער שאפער פון די העכסטע פאָרמעס פון קונסט, ליטעראטור און וויסנשאפט — אין אזא צייַט ווערט שוין אָן די „פאָלקס־קונסט“, די קונסט פון אָפגעשטאַנענע און וויניק־אייוורעדיקע איר געזעלשאפטלעכן זין און באטייַט, יעדע ערנסטע נייטיקייַט און עקזיסטענץ־מעגלעכקייַט.

עס ווערט איבערגעבויט דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער באָדן אויך פון דער יידישער שטאָטישער און שטעטלדיקער באפעלקערונג. די יידישע אָרעמקייַט ווערט צוגעצויגן צו פראָדוקטיווער ארבעט און איז א גרויסער מאָס אין די גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, צווישן די ברייטסטע שיכטן פון דער יידישער ארבעטנדיקער באפעלקערונג ווערט דורכגעפירט א גרויסע קולטור־ און בילדונג־ארבעט — דאָס אלץ סימבאָלירט ניט אייַנצוהיטן און צו שאפן די „פאָלקסטימלעכע קולטור“. פארקערט: דידאַקטיקע פראָצעסן העלפן מיט אריבערפירן די שאפונגס־ענערגיע פון די ברייטסטע ארבעטנדיקע מאסן אפ אנדערע וועגן, אפ די וועגן פון באוווסטזיניקער העכסטאנטוויקלטער סאָציאַליסטישער קולטור־בויונג. און מיר זעען טאקע, אז דאָס ראָוו מוזיק־ און אנדערע פאָלקלאָר־שטיק פון די בירגערקריג־יאָרן און שפּעטער (האגאם א גאנץ קליינע אין צאָל) שטאמען גראָד פון די אָפגעשטאַנענסטע שיכטן, פון די רעשטלעך דעקלאסירטע עלעמענטן, קליינע הענדלער א. ד. גל. די ארבעטנדיקע שיכטן, וואָס זייַנען פריער אין א גרויסער מאָס געווען די שעפער און געברויכער פונעם פאָלקלאָר־ליד א. א. — גראָד זיי האָבן פאר די לעצטע יאָרן קיין פאָלקלאָר־לידער קימאט ניט געשאפן[1].

1) גאנץ איינגאַרטיק, נאָר אין טאָג ניט ריכטיק דערקלערט דעמדאָזיקן פראָצעס א. פינאגין. פינאגין אז מיר קאָנען עפעס זוכן די סיבעס פון דעם פאקט, וואָס דאָס „פאָלק“ האָט אויפגעהערט צו שאפן נייַע מוזיק־פאָלקלאָר, אין דעם, וואָס 1) די לעצטע צייַט (?) (ער מיינט, אפּאָנעם, נאָך די פארעוואָליוציע־צייַט —



די צאָל מוזיק־פאָלקלאָר־שטיק, וואָס זייַנען ביז איצט געזאמלט געוואָרן, איז זייער קליין, און דאָס וואָס איז שוין געזאמלט געוואָרן איז, ווי מיר האָבן געזען לויט די פאַרעפנטלעכטע מוסטערן, אפילו בלויז פון טעכניש־מעטאָדישן שטאנדפונקט, ווייַט ניט באפרידיקנדיק. מיר מוזן אמגיכסטן אָרגאניזירן א פלאנמעסיקע זאמל־ארבעט פון מוזיק־פאָלקלאָר, ווייַל עס קאָן זייַן צו שפעט. מיר מוזן זיך אייַלן צו פארפיקסירן די פאָלקלאָר־מאטעריאלן סייַ פון דער איבערגאנג־צייַט און סייַ פון די פריערדיקע יאָרן, ווען דאָס פאָלקלאָר־ליד האָט נאָך פארמאָגט אין זיך א לעבעדיקן שטארק־אקטועלן סאָציאַלן זינען.

מיר קלייַבן זיך דאָ ניט צו געבן א גענויעם ארבעט־פלאן פון דער זאמל־ארבעט. מיר ווילן בלויז אָנמערקן די אלגעמיינע פרינציפן פון אזא פלאן.

די צילאָנשטעלונג פון אונדזער זאמל־ארבעט איז ניט בלויז יידישע מוזיק־פאָלקלאָר, נאָר מוזיק־פאָלקלאָר אינעם שטייגער. ניט קיין ציקאווע זעלטנהייַטן, ניט קיין רעשטלעך פון די „אמאָליקע דערהויבענע צייַטן“ דארפן מיר זוכן — מיר זאמלען יענעם מאטעריאל, וואָס איזווירקלעך געזונגען געוואָרן פון די יידישע מאסן. אין ערשטער ריי אָבער דארפן מיר ווענדן אונדזער אויפמערקזאמקייַט אפ דער שאפונג און אפן רעפערטואר פון די יידישע ארבעטער, געזעלן און אָרעמקייַט און צונויפזאמלען ווי ווייַט מעגלעך אלץ, וואָס איז נאָך דאָ פון דעם מאטעריאל.

ביז גאָר ווייניק אכט איז געלייגט געוואָרן אפן עלטערן קאמף־ און רעוואָלוציע־ליד[1]. דאָס דארף זייַן בא אונדז א שלאָג־אויפגאבע. מיר דארפן זיך אויך באזונדערס אינטערעסירן פאר יענע עלטערע פאָלקלאָר־לידער, וואָס האָבן א דייַטלעכן

מ. ב.) איז פארשפרייט דער מעטאָד פון זינגען נייַע טעקסטן „אפן ניגון פון,דעם און דעם ליד“. דאָס האָט געפירט צו דעם, אז די „עוואָלוציע“ פונעם רייַן־מוזיקאַלישן טייל פון דער לידער־שאפונג האָט געמאכט אָפטע איבערייַסן (перебои) און 2) די מוזיקאַלישע קונסט האָט זיך די לעצטע צייַט אָפגעפרעמדט פונעם פאָלק אין די רוסישע לידער פון אינדיווידועלע אויטאָרן האָבן אופגעהערט אריבערגיין פון די מוזיקאַלישע „איבערשיכטן“ צו די „אונטערשיכטן“ פונעם פאָלק״. זע: A. Финагин. Русская песня. Российск. Институт Истории Искусств под. ред. Б. В. Асафьева. „Academia“ Петерб. 1923 стр. 38 и 50. פינאגין טרייַבט אונדז אין זאָגן געוויס, אז דידאָזיקע דערקלערונג איז א צייַטווייַליקע. ער שרייַבט: „ריכטיק איז, אז דער אנטוויקלונג־פראָצעס פון דער פאָלקס־לידער־שאפונג האָט זיך בלויז אָפגעשטעלט; די שטארקע „נייַע“ אויפווירקונג פון דער קונסט (?) מוז אָן בזווייפל אויפיעקן די דורך דער „אלטעגלעכקייַט“ דערשלאָגענע (?) כאַפעריש ענערגיע פונעם רוסישן פאָלק״ (דאָרט. באמערקונג 53 ז. 75). מיר וועלן דאָ ניט אָנרירן אלע טירעס, וואָס זייַנען פאראן אין פינאגינס דערקלערונגען. מיר וועלן אויך ניט אָנרירן פינאגינס „פאָלק“, וואָס איז בא אים אן איינהייַטלעכער אָרגאניזם און וואָס באטייט פון פעטערבורגער קופצעס און די פויערים פון די ווייַטסטע און אָפגעשטאַנענסטע דערפער, אזוי אז דאָס גאנצע „פאָלק“ נעמט לויט אים אן אָנטייל אין דער אנטוויקלונג פונעם רוסישן „פאָלקס־ליד“. מיר ווילן דאָ נאָר אונטערשטרייַכן, אז אומזיסט זייַנען זייַנע האָפענונגען. קיין נייַע „פאָלקס־לידער“ ווערן טאקע ניט געשאפן, אָבער דאָס איז ניט דערפאר, ווייַל די שאפערישע ענערגיע פונעם „רוסישן פאָלק“ איז געבליבן „דערשלאָגן“, ווי פינאגין קלאָגט. פינאגין אליין האָט פארשלאָפן דידאָזיקע „שאפערישע ענערגיע“, וואָס ברויזט באזונדערס שטארק זינט דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

1) די איינציקע לידער־זאמלונג פון דעמדאָזיקן מין איז ש. לעמאנס „ארבעט און פרייַהייט“. לעמאן האָט אָבער זייַנע לידער געזאמלט קימאט אויסשליסלעך אין פוילן. די לידער פון די אוקראַינישע, ווייַסרוסישע א. א. יידישע ארבעטער זייַנען קימאט ווי ניט געזאמלט.

אונ בוילעטנ סאציאלנ אינהאלט. אבער אויכ אלע אנדערע מינים לידער, ליבע־לידער, שטיגער־לידער א. א. דארפנ מיר ווי ווײַט מעגלעכ אויסשעפנדיק אופזאמלענ.

כוץ די מעלאָדיעס פונ די פאָלקלאָר־לידער איז פאר פאָלקלאָר־ אונ מוזיק־געשיכטע וויכטיק צונויפזאמלענ די קלעזמערישע שאפונגענ. ניט נאָר דעמ ספּעציפיש ייִדישנ טייל פונ זייער רעפּערטואר, נאָר ווי ווײַט מעגלעכ אלצ: אלערליי טענצ, ווי קאדרילנ, לאנסיי, פאָלקעס, טרעטיאק, שערנ, פריילעכסנ א. אז. וו. א. אז. וו. וויוואטנ, דאָבראנאָכטנ (דאָברידענס), קאָנצערטנ, שטיקלעכ א. ד. גל. ס'איז נייטיק צו זאמלענ ידיעס וועגנ קלעזמערישע קאפעלעס אונ אייגנלעכע קלעזמער, וועגנ זייערע סאציאַ־לע פארהעלטענישנ אונ וועגנ זייער ראָל ניט נאָר אינ דער ייִדישער סוויווע, נאָר אויכ אינ דער שכנישער ניט־ייִדישער, ווו זיי פלעגנ צוגעצויגנ ווערנ אפ כאסענעס, בעלער, סימכעס א. ד. גל.

צוליב פאָלקלאָר־ אונ מוזיק־געשיכטע איז נייטיק צונויפזאמלענ אויכ די קולט־נוסכאָטס אונ כאזאָנישע שאפונגענ קעדיי צו האָבנ די מעגלעכקייט גענויער דיפערענ־צירנ די מוזיקאליש־קינסטלערישע אויסדרוק־ אונ אופווירקונג־מיטלענ פונ פארשיידענע קלאסנ אונ שיכטנ אינ דער ייִדישער סוויווע אינ 19־טנ יאָרהונדערט. ווײַטער דארפ געזאמלט ווערנ די מוזיקאלישע שאפונג פונ אנדערע פראָפעסיאָנעלע אונ האלב־פראָפעסיאָנעלע זינגער אונ מוזיקער, ווי באדכאָנים, זינגער אפ סימכעס, גאסנ־זינגער א. אז. וו. אונ אויכ ידיעס וועגנ זייער שאפונג אונ רעפּראָדוצירנ, פארשיידענע דאָקומענטנ, מאנוסקריפּטנ, פאָטאָגראפישע בילדער א. אז. וו.

אונ, פארשטייט זיכ: זאמלענ, זאמלענ מיר דאָס אלצ פארנ אינגעווייניקסטנ וויסנ־שאפטלעכנ געברויכ. אנ אנדער איניען איז פארעפנטלעכנ. מיר דארפנ פארעפנטלעכנ גאָר יענע מאטעריאלנ, וואָס מיר האלטנ פאר נוצלעכ אונ אינ ערשטער ריי נייטיק לויט אונדזערע שטאנדפונקטנ.

אויכ איז נייטיק צונויפזאמלענ ווי ווײַט מעגלעכ אלע גראמאָפאָנ־פּלאטנ פונ אלערליי ייִדישע מוזיקאלישע שטיק, ווײַל צווישנ די גראמאָפאָנ־פּלאטנ קאָנענ מיר אמאָל געפינענ פארשיידענע ווישנשאפטלעכ זייער ווערטפולע מאטעריאלנ. ביז איצט האָבנ די זאמלער־מוזיקער זיכ אָריענטירט דעריקער אפ דער קליינשטעטלדיקער ייִדישער באפעלקערונג אונ קימאט אינגאנצנ איגנאָרירט די גרעסערע שטעט. אזעלכע שטעט ווי אָדעס, קיעוו, קאמענעצ, ווינניצע, זשיטאָמיר, בערדיטשעוו, אומאנ, בעלאָצערקווע אונ אסאכ אנדערע פארדינענ די גרעסטע אופמערקזאמקייט פונעם ייִדישנ עטנאָגראפ בכלל אונ מוזיק־פאָלקלאָריסט ביפראט. אסאכ פונ די גרעסערע שטעט פארמאָגנ אנ אײַנגעזעסענע ייִדישע באפעלקערונג. אכוץ דעם קומט דאָרט פאָר א שטענדיקער צופלוס פונ דער קליינשטעטלדיקער באפעלקערונג. ס'איז דערי־בער אינטערעסאנט צו באָבאכטנ די ווירקונג פונ דער גרעסערער שטאָט אפנ רעפּערטואר, אפ די אינטאָנאציעס, אפנ אויפנ פונ זינגענ א. אז. וו. פונעם קליינ־שטעטלדיקנ פאָלקלאָר־געברויכער, די ווירקונג פונ די נײַע עקאָנאָמישע אונ געזעל־שאפטלעכע פארהעלטענישנ אפנ פאָלקלאָר. אכוץ אלעמענ איז פאר אונדז ניט ווייניקער אינטערעסאנט אויכ דער גרויסשטאָטישער פאָלקלאָר אזוי ווײַט ער איז פאראנ. די קאָנצעפציע פונ „סאמאָביטנאָסט" (אײַגנארטיקייט) האָט געמוזט פירנ די עלטערע



זאמלער נאָה אינ קליינעמ שטעטל ארײַנ (אנ—סקי, לעמאָשל, קימאט אויסשליסלעכ אינ די שטעטלעכ מיט אלטע ראבײַישע דינאסטיעס, טאמינסקי—אינ די באָטעמדראָ־שים פונ די קאווקאזער ייִדנ א. אז. וו.) אונ זיי האָבנ אינגאנצנ איגנאָרירט די גרויסע שטעט, ווו דער מוזיק־פאָלקלאָר איז מער באײַנפלוסט געוואָרנ פונ דער ניט־פאָלקלאָרישער אונ ניט־ייִדישער קינסטלערישער מוזיק.

אינ ערטער, ווו די ייִדישע באפעלקערונג וווינט קאָמפּאקט, איז נייטיק צו פיקסירנ דעמ גאנצנ אָרטיקנ לידער־ אונ מוזיק־רעפּערטואר אײַנגעשלאָסנ אויכ די ניט־ייִדישע לידער, וואָס ווערנ דאָרט געזונגענ (אוקראַיִנישע, ווײַסרוסישע, רוסישע א. ד. גל.). דער פרעמדשפּראכיקער לידער־רעפּערטואר וועט אונדז העלפנ צו געפינענ אונ אויס־צופאָרשנ די ווירקונג פונ די שכנישע פעלקער אפנ ייִדישנ מוזיק־פאָלקלאָרישנ מעלאָס. ס'איז אויכ וויכטיק פארנ אויספאָרשנ וויאזוי אונ פארוואָס אסימילירט די ייִדישע באפעלקערונג דעמ איבערגענומענעמ רעפּערטואר, ד. ה. וואָסערע אינהאלט־לעכע, מעלאָדישע, ריטמישע, עקספּרעסיווע אונ אנדערע ענדערונגענ ווערנ ארײַנ־געטראָגנ אינ די איבערגענומענע פרעמדשפּראכיקע לידער.

א גרויסנ אינטערעס האָט פאר אונדז דער פאָלקלאָר־רעפּערטואר פונ קינדער. ניט נאָר קינדער־לידער, ציילעכישנ, רייצעלקעס, שפּילנ א. ד. גל., נאָר אויכ די לידער, וואָס קינדער נעמענ איבער פונ דערוואקסענע. מע דארפ אויספאָרשנ, וויאזוי ווערנ דידאָזיקע לידער איבערגעארבעט אונ אינטערפּרעטירט דורכ קינדער פונ פארשיידענער סאָציאלער אָפּשטאמונג. ביז גאָר באלערנדיק וואָלט געווענ אזא אויספאָרשונג גראָד בא קלענערע קינדער אינ דער צײַט פונ זייער אָנקומענ אינ קינדער־גאָרטנ אָדער אינ דער ערשטער גרופּע פונ ארבעט־שול, ד. ה. ביז צו דער צײַט ווענ דער קינדער־גאָרטנ אָדער די שול האָט נאָכ ניט באוויזנ געבנ דעמ קינד א נײַעמ לידער־רעפּערטואר אונ נײַע זינג־געוווינהייטנ.

צוליב מאנגל אינ ספּעציאליסטנ, וואָס זײַנענ נייטיק פאר אָפטע לאנגדויערנדיקע עקספּעדיציעס, איז ניט מעגלעכ זיכ באנוגענ בלויז מיט דעמאָזיקנ זאמל־מעטאָד—דעריבער מוזנ מיר אָנעמענ מיטלענ קעדיי צוציִענ די אָרטיקע מוזיקער צו דער זאמל־ארבעט. צומ באדויערנ, איז איצט די צאָל ייִדישע מוזיקער, וואָס אינטערעסירנ זיכ אונ פרווונ פארשרײַבנ דעמ מוזיק־פאָלקלאָר פונ זייער שטאָט, שטעטל, געגנט א.אז.וו. גאָר קליינ. דער קאבינעט פאר ייִדישנ מוזיק־פאָלקלאָר באמ אינסטיטוט פאר ייִדישער קולטור (קיִעוו) נעמט אָנ די געהעריקע מיטלענ, קעדיי צו שאפנ א גרעסערע צאָל שטענדיקע קאָרעספּאָנדירנדיקע מוזיק־זאמלער.

---

באמ זאמלענ מוזיק־פאָלקלאָר (אונ יעדע אנדערע רעפּראָדוצירנדיקע פאָלקלאָר־קונסט) האָט פאר זיכ דער זאמלער דרײַ הויפּט־אופגאבעס: 1) ווי ווײַט מעגלעכ פּינקטלעכ פיקסירנ דעמ מאטעריאל אינ דערזעלבער פאָרמ, ווי ער ווערט אופגעפירט דורכ די „אָביעקטנ", 2) פעסטשטעלנ דעמ געברויכער פונעם מוזיק־פאָלקלאָר (אויכ מעגלעכ אויכ דעמ „שאפער") אונ 3) די אומשטאנדנ אונ די געלעגנהייטנ, בא וועלכע די פאָלקלאָר־שטיק ווערנ רעפּראָדוצירט.

מוזיקאלישע שטיק וועט ווערנ אָפּגעהיט אפ א באזונדער ספּעציעל צוגעפּאסטנ פאָרמוליאר. דער קאבינעט פאר יידישנ מוזיק־פאָלקלאָר איז שוינ צוגעטראָטנ צו דער סיסטעמאטיזירונג פונ זייַנ ארכיוו, סייַ פונ די געשריבענע מאטעריאלנ, סייַ פונ די אופגענומענע אפ פאָנאָגראפ־וואלצנ. אזא ארכיוו ווערט ניט אָנ זייַנ ווערט אויכ נאָכנ אָפּדרוקנ א טייל מאטעריאלנ, ווייַל נאָר אזא ארכיוו, וואָס פארמאָגט ווי ווייַט מעגלעכ אלצ, וואָס איז ביז איצט געזאמלט געוואָרנ, מאכט מעגלעכ א וויסנשאפטלעכע פאָרשונג. יעדער פאָרשער, קאָמפּאָזיטאָר א. אז. וו. וועט קענענ פונ דעמ דאָזיקנ מוזיק־פאָלקלאָר־ארכיוו אלע מאָל באקומענ יענע מאטעריאלנ, וואָס זייַנענ פאר אימ נייטיק. דאָס וועט גרינגער מאכנ דאָס שטודירנ און די פארשיינדארטיקע אויסנוצונג פונעמ אָנגעזאמלטנ מאטעריאל סייַ פארנ און סייַ נאָכנ טיילווייַזנ פארעפנטלעכנ [1]).

ב. ביבליאָגראפיע. זייער קליינ איז דערווייַל די צאָל ספּעציעלע ווערק, וואָס זייַנענ געווידמעט דער מוזיק אינעמ יידישנ שטייגער. די גרעסטע צאָל ארטיקלענ, וואָס האָבנ אזוי אָדער אנדערש א שייַכעס צו דער דערדאָזיקער טעמע, זייַנענ געדרוקט אינ פארשיידענע אלגעמיינע און יידישע וועכנטלעכע און כוידעשזשורנאלנ, צייַטונגענ און צופעליקע זאמלונגענ, און דאָס פארשווערט זייער זיי אויסצונוצנ.

עס איז נייטיק צונויפזאמלענ ווי ווייַט מעגלעכ די גאנצע ביבליאָגראפיע (ביכער און דעריקער ארטיקלענ, נאָטיצנ, כראָניק־ידיעס א. ד. גל.) וועגנ מוזיק אינעמ יידישנ שטייגער, וואָס זייַנענ דערשינענ אינ די פארשיידענע שפּראכנ.

## מעטאָדאָלאָגישע ארבעט און קאָנקרעטע אויספאָרשונגענ

די מעטאָדאָלאָגישע פּראָבלעמעס וועגנ יידישנ מוזיק־פאָלקלאָר זייַנענ אפ א וואָסער מ׳זאָל ניט זייַנ וויסנשאפטלעכנ אופנ ביז איצט פונ קיינעמ לאכלוסנ ניט באַרירט געוואָרנ. די פּרוּוונ פונ ענגעל, סאמינסקי א. א. האָבנ ניט קיינ שייַכעס צו וויסנשאפט, דערפאר אָבער האָבנ זיי גאָר א גרויסנ שייַכעס צו א באשטימטער אידעאָלאָגיע, וואָס איז אונדז ביז גאָר פרעמד און פייַנטלעכ. מיר דארפנ באקעמפנ דעמ בורזשואזנ־ציאָניסטישנ און ליבעראל־פאָלקיסטישנ צוגאנג צומ מוזיק־פאָלקלאָר (ווי צומ פאָלקלאָר ביכלאל) און, באוואָפנטע מיט דעמ מארקסיסטישנ מעטאָד, שאפנ די וויסנשאפטלעכע מעטאָדאָלאָגיע אפ דעמ געביט.

אינ ערשטער ריי איז נייטיק צו באארבעטנ יענע טעמעס, וואָס דארפנ אריינטראָגנ קלאָרקייט אינ אונדזער צוגאנג צו מוזיק־פאָלקלאָר, אינ אונדזער זאמל־ארבעט א. א. וו. למשל: וויאזוי שפּיגלט זיכ אָפּ די סאָציאלע פּסיכאָלאָגיע אינעמ מוזיקאלישנ אויסדרוק, וואָס איז דאָס אזוינס פאָלקלאָר, וואָס איז ספּעציעל מוזיק־פאָלקלאָר, מעטאָדנ

1) פארשטייט זיכ, אז ניט אלע מאטעריאלנ דארפנ און קענענ געדרוקט ווערנ, אָבער דורכויס אלע מאטעריאלנ דארפנ און קענענ אויפגעזאמלט, סיסטעמאטיזירט און אָנגעהיט ווערנ [illegible]. פונ צייַט צו צייַט קענענ פארעפנטלעכט ווערנ אויסגעקליבענע רעשימות פונ די אָנגעזאמלטע און ניט פארעפנטלעכטע מאטעריאלנ.

פונ זאמלענ און פיקסירנ מוזיק־פאָלקלאָר, פּראקטישער באטייַט פונ מוזיק־פאָלקלאָר פאר אונדזער הייַנט, די דיאלעקטיק אינ דער באציִונג צו מוזיק־פאָלקלאָר אינ פארשיידענע פּעריאָדנ, די עקאָנאָמישע און געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ און זייער אָפּשפּיגלונג אינעמ מוזיק־פאָלקלאָר, די סאָציאלע פונקציעס פונ מוזיק־פאָלקלאָר, מוזיק־פאָלקלאָר און זייַנ באציִונג צו פיקסירטע, „ליטעראַרישע" קונסט־ווערק, די קעגנזייַטיקע באווירקונגענ פונ עטניש־פארשיידענעמ מוזיק־פאָלקלאָר א. אז. וו. א. אז. וו.

אויכ וואָס שייַכ דער וויסנשאפטלעכ־פאָרשערישער ארבעט אפנ קאָנקרעטנ מאטעריאל שטייענ מיר באמ סאמע אָנהייב. אונדזער אויפגאבע איז אויסצופאָרשנ דעמ סאָציאלנ מעהוס און די סאָציאלע פונקציע פונ דעמ קאָנקרעטנ, פאקטישנ מוזיק־פאָלקלאָר אינ אלע זייַנע אָנצווייַגונגענ לויט די קלאסנ, שיכטנ און גרופּעס, וואָס האָבנ דעמ מוזיק־פאָלקלאָר געשאפנ און געזונגענ. דער סאָציאלער מעהוס דריקט זיכ אָבער אויס ניט נאָר אינעמ ווערטערלעכנ אינהאלט פונ די פאָלקלאָר־שטיק (גאנצע אָפּטיילונגענ פונ מוזיק־פאָלקלאָר, ווי כסידישע ניגונים און טענצ, קלעזמערישע ווערק א. א. האָבנ ביכלאל קיינ ווערטער ניט, לויט וועלכע מע וואָלט געקאָנט זעענ זייער וואָרטלעכנ אינהאלט), נאָר אויכ אינעמ מוזיקאלישנ אינהאלט און פאָרמ (סטיל, זשאנר, כאראקטער, שטימונג, טעמפּ, ריטמ א. אז. וו. א. אז. וו.), שטודירנדיק די סאָציאלע פונקציע פונ אזעלכע פאָלקלאָר־שטיק, וועלנ מיר דערמיט אויסקלאָרנ און באשטימענ דעמ סאָציאלנ כאראקטער פונ די ספּעציפיש מוזיקאלישע אויסדרוק־מיטלענ פונ דער מוזיק ביכלאל און פונ מוזיק־פאָלקלאָר ביפראט.

אויב מיר פאָרשנ מוזיק־פאָלקלאָר איזאָלירט פונ דער דירעקטער שטייגער־סביווע און פונ די געבורטס־באדינגונגענ, פארלירנ מיר וויכטיקע מאָמענטנ, וואָס וואָלטנ געקאָנט באלויכטנ און דערקלערנ געוויסע אייגנשאפטנ פונ מוזיק־פאָלקלאָר. מיר פארמאָגנ, למשל, ביז איצט ניט קיינ איינציקע וויסנשאפטלעכע אויספאָרשונג, וואָס זאָל גענוי און פּינקטלעכ מיט דער הילפ פונ א געוויסער אפּאראטור פיקסירנ דאָס פארהעלטעניש צווישנ א ליד און דער ארבעט, בא וועלכער עס ווערט געזונגענ, וויאזוי ווירקט דער ארבעטס־טעמפּ אפנ טעמפּ פונ ליד און פארקערט, וויאזוי גייט די דאָזיקע ווירקונג, וואָסערע ארבעטס־פּראָצעסנ און ארבעטנ פלעגנ באגלייט ווערנ מיט געזאנג און וואָסערע ניט; צי האָט ביכלאל און וויאזוי האָט די ארבעט דירעקט געווירקט אפנ דיאפּאזאָנ פונעמ ליד, אפ דער לענג פונ דער מוזיקאלישער פראזע (אָטעמ), אפ דער גרייס פונ די אינטערוואלנ, אפנ טעמפּ, עקספּרעסיע א. אז. וו. אָנ אזעלכע באאָבאכטונגענ און באשרייַבונגענ בלייַבנ אסאכ מאָמענטנ פאר אונדז ניט פארשטענדלעכ אָדער ניט באמערקט, ווייַל דאָס יידישע פאָלקלאָר־ליד איז צו א גרויסנ טייל געזונגענ געוואָרנ בא דער ארבעט [1]). דעריבער מוזנ מיר איינעמ מיט

1) דער יידישער ארבעטער אינ סאָפ 19־טנ יאָרהונדערט האָט פאקטיש געקאָנט זינגענ דעריקער בא דער ארבעט. נאָכ דעמ שווערנ ארבעטס־טאָג, וואָס האָט געדויערט פונ 12 ביז 20 שעה קימאט אָנ איבעררייַסנ, איז מעטיילע ניט געבליבנ ניט קיינ סאכ צייַט און מעגלעכקייט צו זינגענ. די צאָל לידער, וואָס מיר טרעפנ באמ יידישנ ארבעטער און געזעל, איז גענוג גרויס, און אסאכ ידיעס באשטעטיקנ דעמ פאקט, אז בא דער ארבעט פלעג מענ זייער אָפט זינגענ. אליינ די באדינגונגענ פונ ארבעט, ווי פּרימיטיווע טעכנישע אויסשטאטונג, ארבעט ביז שפּעט אינ נאכט און פאר יאָנטויוימ גאנצע נעכט א. א. וו. האָבנ ארויסגערופנ

דער קאַבינעט און די מוזיקאַלישע קאָמיסיע בײַם קאַבינעט איז צוגעטראָטן צוזאַמענשטעלן די ביבליאָגראַפיע וועגן מוזיק אינעם ייִדישן שטייגער. ביז איצט זײַנען באַאַרבעט געוואָרן א גאַנצע רײַ זשורנאַלן (רוסישע, ייִדישע און דײַטשע) פאַר פופציק יאָר. אויסער דעם ווערן פאַרנאָטירט די ביכער וועגן די פראַגן פון מוזיק אינעם ייִדישן שטייגער, וועגן ייִדישער מוזיק בכלל, און אַלע ייִדישע מוזיקאַלישע ווערק. די אַרבעט ווערט פאָרגעזעצט פון דער ביבליאָגראַפישער צענטראַלער קאָמיסיע בײַם אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור אונטער דער אָנפירונג פונעם קאַבינעט פאַר ייִדישן מוזיק-פאָלקלאָר.

די פאָנעטעקע (פאָנאָגראַמען-אַרכיוו) פונעם קאַבינעט פאַרמאָגט איצט 740 פאַרפיקסירטע וואַלצן, אויף וועלכע סʼזײַנען אויפגענומען העכער 1400 מוזיקאַלישע שטיק 1). די מיטאַרבעטער פונעם קאַבינעט זײַנען צוגעטראָטן דעשיפרירן די מוזיקאַלישע שטיק פון די וואַלצן 2).

לעסאָף דאַרפן מיר אָפּמערקזאַם מאַכן אויף צוויי שוועריקייטן, אויף וועלכע דער קאַבינעט שטויסט זיך אָן אין זײַן אַרבעט. דער קאַבינעט פאַרמאָגט זייער ווייניק מוזיקאַליש צוגעגרייטע און קוואַליפיצירטע פאַכלײַט פאַר די אַרבעטן, וואָס ער האָט זיך אָנגענומען. איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבעס פונעם קאַבינעט גייט דעריבער זײַן ווי ווײַט מעגלעך צוציִען אַלע מוזיקאַלישע קרײַזן, וואָס וואָלטן דאָ אַזוי אָדער אַנדערש געקאָנט מיטהעלפן. אין דערזעלבער צײַט דאַרפן מיר אינזינען האָבן אויסבילדן א באַשטימטע צאָל נײַע מיטאַרבעטער.

די צווייטע שוועריקייט באַשטייט אין דעם, וואָס די דאָזיקע אַרבעט איז נאָך זייער ווייניק פּאָפּולער אין דער פּראָלעטאַרישער עפנטלעכקייט. זייער ווייניק זײַנען דערקלערט און פּאָפּולאַריזירט געוואָרן די אויפגאַבן און די באַדײַטונג פון עטנאָגראַפישער און פאָלקלאָריסטישער אַרבעט בכלל און פון מוזיק-פאָלקלאָריסטישער בפרט. קיינער האָט נאָך ניט קלאָר געמאַכט די וויכטיקייט פונעם מוזיק-פאָלקלאָר (אַלס ספּעציפישן טייל פון אַלגעמיינער עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר) צוליב אַלגעמיינע היסטאָרישע און מוזיק-וויסנשאַפטלעכע צוועקן, און צוליב דער געשיכטע פון דער קונסט בײַ פאַרשיידענע קלאַסן און שיכטן א. אז. וו. עס איז אומבאַדינגט נייטיק באַנאַנד מיט דער וויסנשאַפטלעך-פאָרשערישער אַרבעט צו פירן א פּאָפּולאַריזיר-אַרבעט פון דיזאָזיקע אויפגאַבעס קעדײַ צו באַקומען מיטהילף פון די ברייטסטע אַרבעטער-קרײַזן

אינעם אויסגעפינען די פּאַסיקע פאָלקלאָר-זינגער, אינעם זאַמלען דאָקומענטן, מאַנוסקריפּטן, פאָטאָגראַפיעס פון מוזיקאַלישע טוער (נאָכן-זינגער, קלעזמער, באַדכאָנים א. אז. וו.), אינעם זאַמלען ידיעות וועגן פאָלקלאָר-זינגער, ידיעות וועגן זייער אויפן זינגען, וועגן זייער רעפּערטואַר, אינעם זאַמלען גראַמאָפאָן-פּלאַטן און אַנדערע מאַטעריאַלן, וואָס האָבן א שײַכות צו מוזיק אינעם ייִדישן שטייגער. זיי קענען אונדז אויך מיטהעלפן אין געוויסע טיילן פון דער פאָרשערישער אַרבעט, באַזונדערס אין דעם עקספּערימענטאַלן טייל, ווי בײַ דער פיקסאַציע פונעם פאָלקלאָר-ליד איינעם מיט די אַנטשפּרעכנדיקע אַרבעט-פּראָצעסן א. ד. גל.

די אַרבעטער-מאַסן באַציִען זיך שוין צום פאָלקלאָר-ליד געוויס קריטיש און גראָד דעריבער וועט ניט שווער זײַן אַרויסרופן בײַ זיי דעם וויסנשאַפטלעך-קריטישן אינטערעס צום פאָלקלאָר-שטיק אַלס היסטאָרישן פאַקט-שונג-אָביעקט, און דערמיט צו געווינען זייער מיטהילף פאַר אונדזער אַרבעט.

קיעוו, 1930.

---

1) ד. ה. אז אונדזער אַרכיוו פאַרמאָגט א באַדײַטנדיק גרעסערן מאַטעריאַל ווי סʼאַכאַקל אַלץ, וואָס איז ביז איצט בכלל פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

2) קעדײַ די אָריגינאַל-וואַלצן זאָלן ניט אָנווערן זייער ווערט פאַר אַקוסטישע אויספאָרשונגען, איז ניט קעדײַ צו דעשיפרירן די מוזיקאַלישע שטיק דירעקט פון די אָריגינאַל-וואַלצן. דעריבער איז נייטיק אָראָפּגעבן מאַכע אויך אויף וואַלצן קאָפּיעס פון די אָריגינאַלן און פאַרשרײַבן די מוזיקאַלישע, שטיק (אויף נאָטן) בלויז פון די קאָפּיעס. די פאַרשריבענע שטיק קאָן מען דאַן צוליב זיכערער רעדאַקציע קאָנסטראָלירן לויטן אָריגינאַל. ניט האָבנדיק קיין ספּעציעלע קאָפּיר-אַפּאַראַטן, העלפן מיר זיך אויף אַזאַ אופן: דער אַפּאַראַט, אויף וועלכן סʼאיז אויפגענומען דער אָריגינאַל, זינגט פאַר א צווייטן אַפּאַראַט, וואָס נעמט אויף די מוזיקאַלישע שטיק אויף א געוויינלעכן פאָנאָגראַף-וואַלץ. אַזוי אַרום באַקומען מיר א קאָפּיע, פון וועלכער מיר שרײַבן אַראָפּ אויף נאָטן די מוזיקאַלישע שטיק. די קאָפּיע קאָן דערנאָך זייער גרינג אָפּגעריניקט ווערן